די לעבענס־געשיכטע פון דעם לובלינער רב הרב הגאון רבי מאיר שאפירא זצ״ל

ז׳ אדר תרמ״ז —— ז׳ מרחשון תרצ״ד

PRINTED IN U. S. A.

אינהאלט:

1) רבי מאיר שפירא זצ"ל (שטריכען צו זיין כאראקטעריסטיק)
2) די לעבענס-געשיכטע פון לובלינער רב זצ"ל
3) דף היומי
4) ישיבת חכמי לובלין
א) די פייערליכע עפענונג
ב) גרויסע רעדע פון לובלינער רב
ג) רעדעס פון די רביים פון גור און טשארטקאוו
ד) דער ערשטער שיעור
5) דער לעצטער טאג פון לובלינער רב זצ"ל
6) נאך דער הסתלקות
7) די גראנדיעזע לוי'

אילוסטראציעס און בילדער:

1) דאס לעצטע בילד פון לובלינער רב זצ"ל מיט א ספר-תורה אין האנד, 2) די גרונד-שטיין-לייגונג פון יח"ל, 3) ישיבת חכמי לובלין, 4) די רביים פון גור און טשארטקאוו בעת דער עפענונג פון ישיבת חכמי לובלין, 5) דאס בית המדרש אין מיניאטור, 6) ביים איבער-געבן דאס כתב רבנות פון דער לובלינער קהלה.

רבי מאיר שפירא זצ"ל

(שטריכען צו זיין כאראקטעריסטי)

פרייטאג ז' מרחשון תרצ"ד איז נאך א קורצער האלז-קראנקהייט נפטר געווארען דער לובלינער רב, גרינדער און שעפער פון דער ישיבת-חכמי-לובלין, רבי מאיר שפירא זצ"ל.

רבי מאיר שפירא איז נסתלק געווארען אין 47-טען יאהר פון זיין לעבען און זיין טראגישע און איבערראשענדע פטירה האט נישט בלויז ערשיטערט זיינע תלמידים און פריינד, נישט בלויז אויפגעציטערט זיינע פערעהרער און אנהענגער, נאר דער טאג פון ז' חשון איז פערוואנדעלט געווארען אין אן אלגעמיין-יודישען פאלקס-טרויער.

מיר האלטען דעריבער פאר אונזער פליכט שוין איצט, איינינע טעג נאך זיין פטירה, צו דערצעהלען די לעבענס-געשיכטע פון דעם דאזיגען גרויסען יוד. זאל דאס יודישע פאלק וויסען וואס און וועמען עס האט פערלוירען מיט דער פטירה פון רבי מאיר שפירא ז"ל.

מיט אונזער היינטיגער בראשור זענען מיר אויסען צו געבען נאר א פרוב פון א כאראקטעריסטיק פון דער דאזיגער גרויסער יודישער פערזענליכקייט אבגעבענדיג זיך גלייכצייטיג א רעכנונג דערפון, אז אויף דעם גרויסען ווערק, וואס זאל געבען די אלזייטיגע און גרינדליכע שילדערונג פון דעם לעבען און שאפען פון רבי מאיר שפירא וועט נאך מיסטן לאנג, לאנג צו ווארטען.

רבי מאיר שפירא איז געווען א טיפ פון א פשוט'ען איינפאכען און אויפריכטיגען יודישען פאלקס-מענש און גלייכצייטיג איז ער אויך געווען א קאמפליצירטע פערזענליכקייט, דער גלענצענדסטער פארשטעהער פון דער גייסטיגער יודישער אריסטאקראטיע, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם עם-הספר.

אין טאג-טעגליכען לעבען א מענש מיט דעם גרעסטען פערשטענדניש פאר די לעבענס-בעדערפנישען פון אונזער פאלק, מיט דעם געזונטען חוש פאר אלעם דעם, וואס פלאגט און פייניגט די יודישע פאלקס-מאסען. און נישט בלויז דאס. ער האט נישט בלויז פערשטאנען די יודישע נויטען, נאר ער האט אויך געפונען די שפראך מיט דעם פשוט'ן פאלקס-מענש, מיט דעם „יוד פון א גאנץ יאהר". בעזונדערס אבער האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פערשטעהן די יודישע יוגענד. ער האט געהאט א בעזונדערען צוגאנג צו דער יוגענד. אין דער חינוך איז ער געווען אן אמת'ער קינסטלער.

צו ערשפּערען די הערצער פון דער יוגענד איז איינס פון די שווערסטע זאַכען. דאָס האַרץ פון דער יוגענד און איהר נשמה איז מיט זיבען שלעסער פערשלאָסען. נישט יעדען איינעם לאָזט זי צו צו זיך. און פיעל אַרבייטען דערויף צעהנדליגער יאָהרען אָהן ערפאָלג. רבי מאיר שפּירא האָט ערשפּערט די יוגענד=הערצער, אַזוי צו זאָגען, מיט איין קלאַפּ, במעט אָהן יגיעה, ווי שפּילעוודיג. נאָך פאַר לובלין, נאָך איידער זיין דירעקטער צוזאַמענאַרבייט מיט דער יוגענד אין דער ישיבה, איז ער שוין געוואָרען נישט בלויז מנהיג נאָר דער בעליבסטער מנהיג פון אונזער יוגענד.

ער האָט בעזיצען די בעזונדערע קראַפט צוצוציהען צו זיך ליבשאַפט און אהבה; דערין איז געלעגען דער סוד פון זיין כוח, די אויסשטראַהלונג וואָס זיין פערזענליכקייט האָט פון זיך אַרויסגעגעבען.

רבי מאיר שפּירא איז געווען אַן אימפּאָנירענדע פערזענליכקייט. זיינע הערליכע שוואַרצע אויגען האָבען געטראָגען אין זיך דעם אייביגען יודישען טרויער, אָבער גלייכצייטיג האָבען זיי אויך געלויכטען מיט לעבענס=לוסט. ער האָט איינגאַנצען געשפּרודעלט מיט לעבענסלוסט און אָפּטימיזם, וואָס האָט געווירקט שטאַרק אויף זיין גאַנצע סביבה.

ער האָט געקענט בעטען, אָבער ער האָט אויך געקענט בעפעהלען, ער איז געווען גוטמוטיג און צוגעלאָזען צו יעדען, אָבער גלייכצייטיג האָט ער געקאָנט אָנוואַרפען זיין ווילען, און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ וויכטיגער פראַגע האָט ער פון קיין פשרות נישט געוואוסט.

דער מאַן פון גרויסען ווילען. דער דאָזיגער טיטול געהער רבי מאיר שפּירא אָהן שום בעוואָהרענישען.

אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען דער מאַן פון גרויסען יודישען ווייטען. אָט די ביידע זאַכען, וואָס זענען אַזוי זעלטען, האָבען זיך אויף אַ וואונדערליכען אופן צונויפגעפּאָרט אין דער פּערזאָן פון רבי מאיר שפּירא און געשאַפען די האַרמאָנישע פערזענליכקייט, וואָס האָט אַרויסגערופען בעוואונדערונג אין דער גאַנצער יודישער וועלט.

רבי מאיר שפּירא איז שוין אַלס יונגערמאַן פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר געווען אין דער רבנישער וועלט אַנערקענט אַלס איימאָרימעט און מיט יעדעם יאָהר איז זיין גדלות געוואַקסען.

אָבער רבי מאיר שפּירא איז נאָך עפּעס געווען. ער איז געווען שעפער בחסד עליון. זיין אויפטהו מיט'ן דף=יומי, זיין פּלאַן וועגען דער ישיבת=חכמי=לובלין שטעלען מיט זיך פאַר אַ הערליך בלאַט אין דער יודישער געשיכטע.

ווען רבי מאיר שפּירא וואָלט זיך בעגנוגענט בלויז מיט שעפערישע אידעען, וואָלטען זיינע פערדינסטען געווען גרויסע, אָבער רבי מאיר שפּירא האָט זיך דערמיט נישט בעגנוגענט. ער איז געווען אויך אָרגאַניזאַטאָר. אַ דאַנק איהם און זיין אַרבייט האָט די גאַנצע יודישע וועלט אָנגענומען דעם דף=יומי; און ווער איז אומשטאַנד צו שילדערען די אַרבייט און ענערגיע, וואָס רבי מאיר שפּירא האָט אַריינגעלעגט אין זיין ליעבלינגס=ווערק אין דער ישיבת חכמי=לובלין.

ביי זיין איבערמענשליכער אַרבייט האָט ער דאָך געהאַט אַ גרויסע פערלייכטערונג: דאָס איז געווען זיין קאָלאָסאַלער רעדנער=טאַלענט און זיינע ערשט=קלאַסיגע שריפטשטעלערישע פעהיגקייטען. רבי מאיר שפּירא איז געווען איינער פון די בעסטע, נישט בלויז ביי יודען רעדנער אין פּוילען, און גלייכצייטיג איז ער אויך געווען אַ גלענצענדער סטיליסט.

מיט די דאָזיגע ביידע טאַלענטען האָט ער בעוויזען צו שאַפען זיין ריעזען=ווערק.

מיר וואָלטען נאָך געקאָנט שרייבען אָהן אויפהער וועגען דער דאָזיגער גרויסער און ליכטיגער יודישער פערזענליכקייט, וואָס איז אַזוי אונבע'רחמנות'דיג אוועקגעריסען געוואָרען פון אונז, אָבער לאָזען בעסער רעדען פאַקטען, די פאַקטען פון זיין לעבען און שאַפען.

די לעבענס-געשיכטע פון לובלינער רב זצ"ל

אין דער מדינה זיבענבירגען, וואס געהער היינט צו רומעניען געפינט זיך די שטאדט שאץ (סוטשאווא). אין דער דאזיגער שטאדט וואוינט שוין זייט יאהרען די משפחה שפירא, וועלכע האט אויסגעוואנדערט פון דייטשלאנד אין דער תקופה פון די קרייץ-פאהרער.

די דאזיגע משפחה, וואס ציהט איהר יחוס ביז דוד המלך, האט ארויסגעגעבען פון זיך א גאנצע רייה בעריהמטע מענער, צווישען זיי, דעם בעריהמטען מנהיג-החסידות רבי פנחס קאריצער זצ"ל, א תלמיד-חבר פון הייליגען בעש"ט זצ"ל מחבר פון ספר „מדרש פנחס".

ז' אדר פון יאהר תרמ"ז איז ביי א שטאמלינג פון דער דאזיגער משפחה, הרב ר' יעקב שמשון שפירא געבוירען געווארען דער עלטסטער זוהן, וועלכער האט בעקומען דעם נאמען יהודה מאיר.

ר' יעקב שמשון שטאמט א חוץ פון רבי פנחס קאריצער אויך פון די רביים פון שעפעטאווקא און סלוסטא. זיין מוטער האט געצויגען דעם יחוס פון „מנחת שי" פון ב"ח און ט"ז.

דאס דאזיגע קינד האט זיך באלד פון זיין פריהסטער יוגענד אויסגעצייכענט מיט געוואלדיגע מעלות, פול מיט ענערגיע, חסידישע התלהבות, טיפען מוח, עמקות, חריפות אין בקיאות און דאס אלעס האט זיך ביי איהם צונויפגענאסען אין געשאפען א וואונדערפולען מענשען-עקזעמפלאר.

אין זיין פריהעסטער יוגענד האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט געוואלדיגע התמדה און לימוד-התורה, אבער חוץ דעם האט אויך זיין בקיאות און שארפזין אלעמען געבראכט אין התפעלות און באלד איז בעריהמט געווארען אין דער סביבה דער נאמען פון שאצער עלוי.

זיין זיידע, דער „מנחת שי" האט איהם באלד גענומען צו זיך און דערקענט, אז דאס דאזיגע אייניקעל זיינס איז בעשאפען געווארען צו גרויסעס, און זיין נאמען וועט לייכטען אויפ'ן יודישען האריזאנט לדורות.

מיט יעדען טאג איז דער יונגער תלמיד-חכם געשטיגען אלץ העכער און העכער. זיינע פלפולים האבען ארויסגערופען אלגעמיינע בעוואונדערונג, זיין שארפער שכל, זיין וואונדערבארע תפיסה זיין בקיאות האט פשוט אלעמען ארויסגעבראכט פון די כלים.

אלס 15-יעהריגער עלוי האט ער זיך צונויפגעטראפען מיט'ן דאמאלסדיגען גאון הדור דעם בעריהמטען בערזשאנער רה' רבי שלום מרדכי הכהן שוואדראן, וועלכער שרייבט שוין אויף איהם:

„בעברי דרך טשערנאוויץ ראיתי את ר' מאיר, עוקר הרי הרים ומוחנם זה את זה בהלכה וברכתי עליו ברוך יוצר המאורות!...

דערביי האט דער דאזיגער גאון און שר-התורה בעשטימט דעם יונגען שאצער עלוי אלס זיין ממלא מקום אין דער גאונות התורה.

סמיכה האט רבי מאיר שפירא בעקומען פון די גאונים „מנחת שי", מהרש"ם פון בערזשאן, בראדער רב בעל „מתזה אברהם", טארנאווער רב „בעל מנחת פתים", די גרעסטע גדולי הדור.

נאך זיין חתונה האט דער בעריהמטער טארנאפאלער גביר, נדבן און עסקן בעזיצער ר' יעקב ברייטמאן, איהם גענומען אלס מאן פאר זיין טאכטער. אין טארנאפאל האט ער זיך ערשט העכער אנטוויקעלט, שטייגענדיג פון טאג צו טאג. דאמאלס איז ער איבערגעגאנגען פון דער מדרגה עלוי צו דער מדרגה גאון.

אין יאהר תר"ע האט ער ארויסגעגעבען זיין ערשט חיבור „אמרי דעת" אויף תורה,

לויט דער פרשה פון דער וואָר. דאַמאָלס האָט די וועלט שוין געזעהן די פליצינע איינפאַלן און דאָס מתיקות פון זיינע דברי־תורה, מיט וועלכע ער האָט תמיד אַלעמען בעצויבערט. דאָס ספר „אמרי דעת", וועלכעס דער גאון האָט מחבר געווען נאָך אַלס יונגערמאַן, ווערט נאָך ביז היינט בעטראַכט אַלס פערל אין דער דרוש־ליטעראַטור.

אין זעלבען יאָהר איז ער איינגעלאַדען געוואָרען אַלס רב אין דער מזרח־גאַליציישער שטאָדט גלינא.

דאָס דאָזיגע ערשטע רבנות איז פאַר'ן גאון געווען אַ שולע. דאָרט האָט ער זיך אויסגעבילדעט און געוויזען פאַר דער וועלט אַ מוסטער, וואָס אַ רב דאַרף זיין און ווי אַזוי ער דאַרף זיך האַלטען אויף דער כסא הרבנות. זיין לאָזונג איז געווען „לא תגירו מפני איש". ער האָט געצווינגען אַלעמען דרך־ארץ צו האָבען פאַר זיך, פאַר'ן דעת תורה, וועלכען ער האָט פערטרעטען.

אָבער דאָס איז איהם אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען. ער האָט געהאַט צו פיהרען אַ שווערען קאַמף מיט דעם עם־הארצות, מיט דער אונאָרדנונג, מיט דער הפקרות און פרצות אין די עניני־הדת. אַלץ איז געווען פערוואָהרלאָזט. די בתי־מדרשים לעדיג, די יוגענד געהט אַרום פוסט און פאַסט.

ווער קען דען אויסרעכענען די תקנות, וואָס ער האָט דאָרט איינגעפיהרט. אַ גאַנצע רייה תיקונים אויף אַלע געביטען פון יודישען לעבען האָט ער איינגעפיהרט, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט ווי אַ לייב ביז ער האָט זיי אַדורכגעזעצט אין לעבען.

זיין הויפט־אַרבייט איז געווען אויפ'ן חינוך־געביט. זעהענדיג ווי די תלמוד תורה אין בשפל המצב האָט ער זיך גענומען גרינדען אַ תלמוד־תורה, „בני־תורה" פאַר וועלכע ער האָט אויפגעבויט אַ הערליך בנין אין צענטער פון שטאָדט און אַריינגענומען אַלע קינדער, אָרימע און רייכע.

בכלל איז די דאָזיגע ישיבה געווען אַ פראָטאָטיפ פון זיין ישיבת חכמי לובלין.

אין יאָהר תרס"ז גרינדעט ער אין טאַרנאָפאָל אַ אָרגאַניזאַציע „תפארת הדת". ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, האָט ר' מאיר שפּיראָ זצ"ל זיך צייטווייליג אָבגעווענדעט פון זיין ספּעציפישען חינוך־געביט און מיט זיין גאַנצען אימפעט און ענערגיע האָט ער זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער רעטונגס־אַקציע צו בעזאָרגען די אומגליקליכע פערוואָגעלטע.

בכלל האָט דער רב געהאַט זיין דרך, וואו ער קומט נאָר אפילו צייטווייליג — צו גרינדען דאָרטען אַ ישיבה. אַזוי האָט ער נאָך אַלס בחור געפיהרט אַ ישיבה אין זיין געבורטס־שטאָדט שאַץ, שפּעטער נאָך דער חתונה, האָט ער געפיהרט אַ ישיבה אין טאַרנאָפאָל, איידער ער איז נאָך געוואָרען רב, זייענדיג דריי חדשים אין לעמבערג בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, האָט ער אָנגעפיהרט מיט אַ גרויסער ישיבה.

צעהן יאָהר איז רבי מאיר געווען רב אין גלינא. דאַן איז ער איינגעלאַדען געוואָרען צו פערנעהמען דאָס רבנות אין דער גרויסער שטאָדט סאַנאָק. דאָס איז געווען אין יאָהר תר"פ. דריי יאָהר האָט דער רב פערבראַכט אין סאַנאָק, וואו ער האָט דאָס גאַנצע יודישע ציבור־לעבען געטראָפען אין זעהר אַ פערוואָהרלאָזטען צושטאַנד. אָבער פערלאָזענדיג סאַנאָק בכדי איבערצונעהמען דאָס כסא הרבנות אין דער גרויסער און חשוב'ער קהלה פיעטריקאָוו האָט ער די שטאָדט איבערגעלאָזט אין אַ גלענצענדען מצב אויף אַלע געביטען.

אין זיין געזעגענונגס־רעדע, האָט דער גלענצענדער אָראַטאָר ערקלערט, אַז ער האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט נישט צו פערלאָזען די שטאָדט „עד יעבור זעם". און זע"ם זענען די ראשי תיבות פון זבחים, עירובין און מקוואות, וואָס ער האָט בעוויזען מתקן צו זיין.

אויך אין סאַנאָק האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה „בני־תורה" — ווייל דער חינוך, דאָס איז געווען זיין לעבענס־אויפגאַבע.

בשעת הסכנה מוציאין ספר תורה לרחובה של עיר — דאָס איז געווען זיין שיטה, דער פאַר האָט ער זיך אויך אָבגעגעבען מיט דער פּאָליטישער אַרבייט. דאָס רעליגיעזע יודענטום דאַרף זיך נישט לאָזען פערטרעטען כלפי-חוץ פון פרייע עלעמענטען — האָט דער רב פּראָקלאַמירט, ווייל אַלע גדולי-ישראל אין אַלע צייטען, זענען געווען אויך די פערטרעטער פון כלל-ישראל כלפי-חוץ.

זיין כאַראַקטעריסטישע פערזענליכקייט האָט מען גוטאַנט בעמערקען ביי די סיים-זאַהלען וואו ער האָט זיך אין איין מעת-לעת אַרויסגעוויזען פאַר דעם גרויסען למדן, פאָלקס-פיהרער און פּאָליטיקער צוזאַמען.

ער בעטייליגט זיך אויך דאָן אין דער „מועצת-גדולי-התורה" און „אגודת-הרבנים"-קאָנפערענץ. אויך דאָרט רופט ער אַרוים צו זיך די נעהערינע אַכטונג און רעספּעקט.

אין אַ חודש אַרום בעטייליגט ער זיך אויף דער צווייטער לאַנדעס-קאָנפערענץ פון אגודת-ישראל אין פּוילען, דעלעגירט פון מזרח-גאַליצישען יודענטום. זיין ראָלע אויף דער קאָנפערענץ און דער געהעריגער רעספּעקט איז ממש נישט צו בעשרייבען. דאָס האָט מען גאָר געקענט זעהען און איבערלעבען, זייענדיג דערביי אויף דער קאָנפערענץ, ווי די גרעסטע רביים און רבנים פון פּוילען, ליטע, גאַליציען א. אַנד. זענען מיטגעריסען געוואָרען צוזאַמען מיט דעם פיעל טויזענד-קעפּיגען עולם, מאַכענדיג איהם שטורמישע אָוואַציעס און געדונערט האָט דער זאַל פון דעם פיעל-מאָליגען אויפרוף „יחי הרב מגלינא" און דערביי איז מאָכי שפּעטער דאָס אויסוועהלען איהם אַלס דעפּוטאַט צום סיים אייפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער שמחה אין אַלע אָרטאָדאָקסישע און בכלל יודישע קרייזען.

אַלס סיים-דעפּוטאַט איז דער לובלינער רב געוועהלט געוואָרען פון דער הויפּט-שטאָדט וואַרשאַ אין יאָהר 1922. אין סיים האָט ער ווירדיג רעפּרעזענטירט דאָס רעליגיעזע יודענטום. גלייכצייטיג איז ער אויך געשטעלט געוואָרען בראש פון דער אָרגאַניזאַציע אגודת-ישראל אין פּוילען, אַרויסווייזענדיג גרויסע פעהיגקייטען אויף'ן אָרגאַניזאַציאָנעלען געביט.

אין יאָהר תרפ"ד איז רבי מאיר שפּירא געוועהלט געוואָרען אַלס רב פון דער שטאָדט פּיעטריקאָוו.

די תקופה פון פּיעטריקאָווער רבנות איז געווען די גליקליכסטע און די גלענצענדסטע אין זיין לעבען. די שמחה פון דער שטאָדט פּיעטריקאָוו, בשעת זי האָט זוכה געווען צו בעקומען אַלס רב דעם דאָזיגען גדול, איז געווען אין לשער. און ווירקליך האָט רבי מאיר שפּירא זצ"ל אין דער דאָזיגער שטאָדט זעהר פיעל מתקן געווען און די דאָזיגע תיקונים זענען גילטיג ביז'ן הייגטיגען טאָג.

די צוויי גרויסע און אונשעצבאַרע מתנות, מיט וואָס רבי מאיר שפּירא זצ"ל האָט מזכה געווען דעם כלל ישראל דעם „דף היומי" און די „ישיבת חכמי לובלין" איז כדאי, אַז מען זאָל זיי ווידמען גרעסערע און אייספיהרליכע קאַפּיטלען.

אין יאָהר תרפ"ו האָט ער אַרויסגעגעבען זיין ספר „אור המאיר" שאלות-ותשובות אויף אַלע געביטען פון יודישען לעבען. דאָס דאָזיגע ספר האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין דער לומד'ישער וועלט.

זיין דרך הפּלפּול האָבען די גרעסטע לומדים בעוואונדערט. אַזוי, למשל, ווען רבי מאיר שפּירא איז צום ערשטען מאָל געקומען קיין לובלין האָט ער געטראָפען אין חוזה'ס בית-המדרש בחורים לערנען פערשידענע מסכתאות. איינער האָט געלערענט חולין, דער צווייטער — ניטין, דער דריטער — ערכין; איז ער צוגעגאַנגען צו די בחורים, מעיין געווען אין זייערע גמרות און אויפ'ן אָרט געזאָגט אַ פּלפּול צוזאַמענקניפּענדיג אַלע סוגיות, אויף אַ וואונדערבאַרען אופן.

צוליב זיין אַרבייט פאַר „ישיבת חכמי לובלין", האָט רבי מאיר שפּירא אויך

בעזוכט אַלע לענדער פון ביידע קאָנטינענטען, אין אַמעריקאַ בלויז האָט ער פערבראַכט 13 חדשים.

אין יאָהר תרפ"ט איז ער געוועהלט געוואָרען אַלס רב אין ירושלים דפולין, אין דער שטאָדט לובלין. וואו עס האָבען מרביץ־תורה געווען די גאוני־פוילען, זוי דער מהר"ם מלובלין, דער מהרש"ל, רבי יעקב פּאָלאַק, רבי שלום שכנא זצ"ל.

אין יאָהר תר"ע ווערט 20 יאָהר פון זייט זיין טעטיגקייט פאַר'ן כלל ישראל — זיינע פריינד און פערעהרער דערלאַנגען איהם דאַן אַ חשוב'ען ווערק — אַ „ספר היובל", געווידמעט זיין גרויסע פערזענליכקייט.

אַלס לובלינער רב און ראש־הישיבה האָט ער בענייט די טראַדיציעס פון אַלטען לובלין. ליידער האָט לובלין נישט זוכה געווען לאַנג זיך צו פרעהען מיט איהר גרויסען גאון און ז' חשון, 3 אַזיינער פאַרטאָג, איז דאָס גרויסע ליכט, דער „אור המאיר", פערלאָשען געוואָרען, אַרויסרופענדיג אַ שרעקליכען טרויער אויף דער גאַנצער יודישער וועלט.

יהי זכרו ברוך!

דער „דף יומי"

רייך איז הרב שפּירא געווען אין איינפאַלען, רייך אין פּלענער, וואָס האָבען דעם צוועק צו דערהויבען דעם כבוד־התורה און כבוד־ישראל.

איינער פון די באמת געניאַלע פּלענער, וואָס בלויז צוליב דעם אַליין, וועט זיין אָנדענק בלייבען איינגעקריצט אויף אייביג אין האַרץ פון יעדען יוד בן־תורה, איז — דער „דף־יומי".

געווען איז עס אויף דער ערשטער „כנסי' גדולה", וואָס „אגודת־ישראל" האָט גערופען קיין וויען אין יאָהר תרפ"ג, ג' אלול. דער דאָזיגער ערשטער אַלוועלטליכער צוזאַמענפאָהר פון רעליגיעזען יודענטום מיט דער בעטייליגונג פונ'ם בעסטען און שענסטען, וואָס דאָס דאָזיגע יודענטום פערמאָגט, — פון די אָנגעזעהענסטע גדולי־התורה ומנהיגי־ישראל, איז געווען איינע פון די הערליכסטע און גראַנדיעזסטע מאַניפעסטאַציעס פאַר'ן רעליגיעזען געדאַנק, אַרויסרופענדיג אַן'אונגעהויערען רושם אין דער יודישער וועלט.

און אָט אויף דער דאָזיגער כנסי' גדולה איז געקומען הרב שפּירא מיט זיין פאָרשלאַג וועגען „דף יומי", אַז פון ראש־השנה תרפ"ד זאָל יעדער יוד אָנהויבען מסכת ברכות און לערנען יעדען טאָג אַ דף. אַזוי אַרום וועט דער כלל־ישראל אויף דער גאַנצער וועלט לערנען דעם זעלבען דף און גלייכצייטיג מסיים־זיין ש"ס.

הרב שפּיראָ'ס פאָרשלאַג איז ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען דורך דער כנסי' גדולה, בעקומענדיג די צושטימונג פון די אָנוועזענדע גדולי־התורה, רביים און רבנים, איינזעהענדיג דערין אַ געוואַלדיגען מיטעל אויף צו פערשטאַרקען דעם לימוד־התורה און פערשפּרייטען דעם לימוד־הגמרא צווישען די ברייטע יודישע מאַסען.

און ווירקליך האָט יעדער יוד בן־תורה מיט אונגעהויערער חביבות אויפגענומען די פּראָקלאַמירונג פון „דף יומי". יודען, פערהאָרעוועטע און פערזינקענע יומם־ולילה אין מסחר און מלאכה, האָבען אָוועקגעריסען אַ שעה פון טאָג און געלערנט דעם בלאַט גמרא, פיהלענדיג אַנ'אמת'ן עונג רוחני, בענשענדיג דערביי דעם מענש, וואָס האָט זיי מיטן דאָזיגען גייסטיגען תענוג בעשאָנקען.

עס איז אונמעגליך אָבצושאַצען די אונגעהויערע בעדייטונג פון „דף יומי" אפילו פאַר יודען לומדים, וואָס תורתם אומנתם. אויך זיי האָבען געהיטען דעם בלאַט גמרא. ווי אַ יוד איז נזהר איז תפלין, האַלטענדיג עס פאַר אַ בעזונדערע פליכט מיטצולערנען מיט'ן כלל־ישראל און מסיים־זיין ש"ס צוזאַמען מיט'ן כלל־ישראל

דער דף יומי האָט אייסער אַלעס פערמאָגט אין זיך נאָך אַ זאַך: ער האָט מיטגעווירקט צו אַחדות־ישראל, צו דער פעראייניגונג פונ'ם צווייטען און צושפּרייטען יודענטום, וועלכעס האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען פעראייניגט אַ דאַנק דעם געמיינזאַמען בלאַט גמרא.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז יודען האָבען דעם „דף יומי" אַריינגענומען אין זייער טאָג־טעגליכען לעבען, ער איז געוואָרען אַ צווייטער דאַטום, שרייבענדיג אַ חוץ דעם טאָג און פרשה אין דער וואָך אויך דעם נעהעריגען „דף יומי".

עס איז אפילו דאָ אַ יודישע טאָג־צייטונג, דער „מאָרגען זשורנאַל" וועלכע גיט אָן יעדען טאָג דעם „דף יומי".

הרב שפּיראָ איז געווען דער שעפער פון „ישיבת חכמי לובלין" און אַט האָט ער צו־נויפגעבונדען דעם „דף יומי" מיט דער ישיבה, איינפיהרענדיג, אַז יעדער, וואָס לערנט דעם „דף יומי" זאָל צאָהלען דעם גראָשען יומי.

הרב שפּיראָ האָט זיינע צוויי שאַפונגען, דעם „דף יומי" און די יח"ל, בעצייכענט אַלס צוויי פערל, „שתי מרגליות טובות". און ווירקליך האָבען די צוויי פערל בעקרוינט און בע־שעהנט דאָס יודענטום. יודען האָבען געלערנט דעם בלאַט גמרא, געצאָהלט דעם גראָשען און געגעבען די מעגליכקייט, אַז די תלמידי־הישיבה זאָלען קענען זיצען און לערנען בהרחבה ובמנוחה. אַזוי אַרום האָט יעדער יוד געהאַט די געלעגענהייט אַליין צו לערנען און מחזק צו זיין לומדי־תורה.

יודען האָבען געלערנט. אין זיבען יאָהר אַרום, חמשה עשר בשבט תרצ"א איז פאָרגעקומען דער ערשטער סיום־ש"ס אויף דער גאַנצער וועלט.

אין דעם טאָג איז „דאָס יודישע טאָגבלאַט" אַרויס מיט אַ ספּעציעלען גיליון, גע־ווידמעט דער פייערונג פון סיום. הרב שפּיראָ האָט דאַן אין „טאָגבלאַט" פערעפענטליכט פאָלגענדען זעהר האַרציגען אַרטיקעל:

„אינ'ם ערשטען טאָג ר"ח שנת תרפ"ד, האָבען אַ וועלט יודען גענומען די ערשטע מסכת פון ש"ס אין דער האַנד און אָנגעהויבען ממש פון דער אלף — „מאימתי קורין את שמע".

און אַט שטעהען זיי היינט — חמשה עשר בשבט תרצ"א — מיט דער לעצטער מסכת אין האַנד, האָרט ביים סיום — „השונה הלכות בכל יום".

צוויי טויזענד זיבען הונדערט און צוויי טעג זענען אַדורך און יעט זיי איז געמישט געוואָרען איין דף נאָכ'ן אַנדערען. און ווען מען וואַרפט נאָך היינט אַ איבערבליק אויף דעם האַרמאָנישען צוזאַמענלעבען פון די דפים מיט די ימים טרעפט מען ביי ביידע דעם זעלבען ציפער — צוויי טויזענד זיבען הונדערט און צוויי

וואָס פאַר אַ מאָדנע סבלנות דער יוד האָט, אַז נאָכ'ן גאַנצען טאָג ראַנגלען זיך אין אַ ים פון צרות טובל'ט ער זיין נשמה אינ'ם ים התלמוד און דער טרויעריגער הליכות עולם ווערט פאַר איהם אין לעבעדיגע הלכות פערוואַנדעלט. אל תקרי הליכות אלע הלכות.. פער־ראָנז'ס, פערזאָרגט, פונס חילדיי כאַאָטישען טאָג־טעגליכען לעבען, אָבער זיין בלאַט גמרא איז גובר דאָס אַלעס.

דאָס איז די פּאַפּירענע בריק אויף וועלכען ער געהט איבער'ן גרויסען וועלטס־ים און איז פאַר איהם שטאַרקער ווי יעדע מעכאַנישע איבערבריקונג.

דער שטאַרקסטער מאַגנעטישער כוח פונ'ם דף יומי איז דאָס בעוואוסטזיין, אַז דעם זעלבען דף וואָס ער לערנט היינט דאָ, לערנט איהם אַ גאַנצע וועלט אויפן גאַנצען כדור הארץ, יעדער מיט זיין איינגעאָרטיגען נוסח, מיט זיין ספּעציעלער חבו־ה, אָבער דער זעלבער אביי ורבא.

ריכטיג דערשפּירט, וואָס דער דף יומי האָט דער וועלט געגעבען, האָב איך ביי מיין

וועלט=רייזע לטובת הישיבה, ווען כ'האָב אָנגעטראָפען דעם דף יומי לימוד אין אַלע יודישע וועלט=צענטרום'ס. דער דיפערענץ אין נוסח פונ'ם לערנען דעם דף יומי דורך דר. ברוינשווייג אין שטראַסבורג אָדער ר' איסר אַסיסטענט אין לאָנדאָן, און הרב שוואַרץ אין באַלטימאָרי, פערלירט זיך לגמרי לגבי דעם איינהייטליכען כח, וואָס ליגט אינ'ם דף יומי=געדאַנק. וואו די חברה זאָל זיין, דער תוכן איז דערזעלבער געבליבען.

עס איז ביי מיר נאָך פריש אין זכרון די תשובה פון יחיאל ישעי'. דער ראַדאָמער זעלנער, ביי וועלכען איך האָב צופעליג בעמערקט אין מאַרניסטער אַ קליין גמרא'לע און מן=הסתם די מס' פון דף יומי. אויף מיין פראַגע צי ער לערנט טעגליך? האָב איך בעקומען אַ תשובה: אוודאי, איך בין אַ סאָלדאַט און טרעט נישט אָב פון דער דף=יומי=פּאָזיציע.

יאָ, געקעכט. אַ וויכטיגע פּאָזיציע האָבען מיר ב"ה גענומען, אַ פּונקט וועלכער איז זעהר בעדייטענד פאַר אונזער מלחמת הקיום...

אינ'ם הייגטיגען טאָג ווערט די פּאָזיציע פערשטאַרקט. עס ווערען גרעסער אונזערע רייהען. אַלע אָהן אויסנאַהם גרייטען זיך צו האַלטען שטאַנד פאַר דער דף יומי=פּאָזיציע.

ס'איז דער יו"ט פון כלל=ישראל, גליקליך פיהלען זיך די, וואָס האָבען געלערנט טאָג=טעגליך דעם דף, גליקליך פיהלען זיך אויך די אַנדערע פון דער בשורה, אַז זיי טרעטען אויך צו אַלס שותפים דורכן גראָשען=יומי=אָבצאָהל.

אַלע צוזאַמען בעהערשט דער גרויסער האָפנונגס=שטראַהל צו קענען מיטלערנען מעגליך דעם צווייטען מאָל ש"ס אונטער בעסערע בעדינגונגען.

אינ'ם הייגטיגען טאָג געהען אַרויף צוויי טויזענד זיבען הונדערט און צוויי בלאַט גמרא געלערנט דורך צעהנער טויזענדער יודען (כ"י) און שטעלען זיך פאַרן „כסא הכבוד" אַלס מליצי יושר פאַר דער יודישער ישועה לויט די הבטחה פון די חז"ל אַז: סופה לקיימה מעושר".

חמשה=עשר=בשבט איז אין „ישיבת=חכמי=לובלין פאָרגעקומען אַ גרויסע סיום=פייערונג.

צו די פייערליכקייטען זענען געקומען אַ גרויסע צאָהל געסט, רבנים און עסקנים, ווי אויך דער דירעקטאָר פון קרן=התורה ה' דר. שמואל דייטשלענדער.

די שטימונג איז אַ פייערליכע. דער גרויסער שיעור=זאַל איז פּרעכטיג דעקאָרירט מיט אויפשריפטען און לאַמטערען. עס ברענען פיעל ליכט און קאַנדעלאַבּרעס. אַלע תלמידים טראָגען בגדי שבת. די גאַלעריע איז פול געפּאַקט מיט געסט און צושויער. אַזוי, אַז כדי אויסצומיידען דעם געדראַנג האָט מען געמוזט שליסען דעם איינגאַנג.

די צאָהל בעגריסונגס=טעלעגראַמען וואָס זענען דערהאַלטען געוואָרען פאַר'ן רב, דערגרייכט ביז טויזענד. יעדע שעה ברענגט מען ווייטערע טעלעגראַמען. צווישען די טעלעגראַמען געפינען זיך פיעל פון אַמעריקאַ און פון אַלע לענדער.

דער לובלינער רב האָט געהאַלטען אַ העכסט=פייערליכע רעדע, וועלכע האָט געדויערט העכער צוויי שעה; עס האָבען אויך געהאַלטען דרשות מעניני דיומא איינינע תלמידים און דאַן האָבען זיך אָנגעהויבען די בעגריסונגען.

אַמטייסטען אויסגענומען מיט זיין פייערליכע רעדע האָט דער יונגסטער תלמיד פון בערלין, פנחס פּערלענער, וועלכער האָט זיך געווענדעט מיט אַ פלאַמיגען אַפּעל צו דער וועלט צו בעפרייען דעם לובלינער רב און שפּעטער פון יח"ל פון די מאַטעריעלע דאגות פאַר יח"ל און ווענדענדיג זיך צו זיין רבי'ן האָט ער פערענדיגט מיט די ווערטער: „כל נסיעות שנסעת יהיו כמותך"!

אין אַלגעמיין האָבען אין דעם סיום=פייערונג זיך בעטייליגט העכער 2000 געסט.

דאָס סיום טיטן טיש זאָגען דורכן רב ביים אָפענעם אָרון קודש, האָט אַרויסגערופען

ביים עולם אַנ'איסערגעווערנליכע בעגייסטערונג.

דאָן איז פאָרגעקומען די סעודת־מצוה, בעת וועלכער עס זענען געהאַלטען געוואָרען פיעל רעדעס. הויפּטזעכליך האָבען גערעדט די תלמידים.

אין דער סיום־פייערונג האָט זיך בעטייליגט דער גאַנצער ראַבינאַט, פאָרשטעהער פון דער קהלה א. אַגד. געזעלשאַפטליכע רעפּרעזענטאַנטען.

בעת דער סעודה איז געטיילט געוואָרען דעם עולם חמשה־עשר־פּירות.

דעם גאַנצען חמשה־עשר־טאָג האָט איבער'ן ישיבה־בנין געפלאַטערט דער סימבאָלישער פאָהן שוואַרץ־ווייס.

אָבער נישט בלויז אין לובלין, אויך אין גאַנצען לאַנד, אין יעדען שטאָדט און שטעדטעל, איז געפייערט געוואָרען די שמחה של מצוה פון סיום הש"ס און אויפסניי אָנהויבען לערנען ש"ס.

אין טאָג פון סיום האָבען יודען געגעבען 27 זל. מיט 2 גראָשען, לויט די צאָהל דפים פון ש"ס.

דער גערער רבי שליט"א האָט דאָן צוגעשיקט דעם לובלינער רב פאָלגענדען בריעף:

בעזה"י אור בשלח.

אל כבוד אהובי ידידי הרה"ג הו"ש שמו נודע בשערים לשם לתהלה מהר"מ שפּירא שי' לאוי"ט.

אחדשה"ט הנני ממלא בזה הדרישה לתמוך בהישיבה המפוארה אשר כ"ת עומד בראשה והנני שולח בזה הסכום 27 ז' ובלי ספק מי שביכלתו ממני יראו וכן יעשו, אלה דברי אחד ממאהביו הדו"ש ושלום תורתו ושלום כל תלמידיו ומברך אתכם בהצלחת עולם.

אברהם מרדכי אלטר

דער לימוד פון „דף יומי" איז, ווי דערמאָהנט, נתקבל געוואָרען בכל תפוצות ישראל. און לערנענדיג דעם בלאַט גמרא דערמאָהנט מען אויך דעם שעפער און איניציאַטאָר, דעם יונג־פערשטאָרבענעם גאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל.

ישיבת חכמי לובלין

זונטאַג, כ"ו סיון, האַלב 10 פריה, איז מיט'ן שנעל־צוג, וואָס נעהט־אָב פון וואַרשא קיין לובלין אָבגעפאָהרען די ערשטע גרופּע תלמידים מיט'ן נשיא־הישיבה, דעם פּיעטריקאָווער רב בראש.

די לעצטע שלום־עליכם'ס דורכ'ן וואַגאָן־פענסטער, די לעצטע יחי־אויסרופען און דער צוג ריהרט פון אָרט, אונטער די קלאַנגען פון „התורה, התורה הוא חיינו" די תורה איז אונזער לעבען.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אָבגעגאַנגען א צוג קיין לובלין, אויך עהערנעכטען און פאַר עהערגעכטען. אָבער געגאַנגען זענען זיי נישט אונטער די קלאַנגען פון „התורה היא חיינו", נאָר פון א גאַנץ אַנדער לעבען, א לעבען, וואָס איז אַזוי ווייט פון דעם, וואָס מיר טהון און אָט דעם אויגענבליק טראַכטען און פיהלען...

דער צוג ריהרט. א מאַמע לויפט־נאָך און שרייט: „לייבעלע למען־השם שרייבען א בריעף, ווי נאָר דו וועסט קומען". א צווייטע מאַמע שרייט: „לאָזט מיר געזעגנען מיט מיין בן־יחיד'ל"...

מיט טרעהרען אין די אויגען שיידען זיך די מאַמעס פון זייערע געליבטע קינדער. אָבער עס שאַרט נישט. דאָס זענען טרעהרען פון פרייד, פון גליק. דאָס זענען די ערשטע גליקליכע מאַמעס, וואָס האָבען זוכה־געווען צו שיקען זייערע קינדער אין ישיבה אריין, אין „ישיבת חכמי לובלין"

אין איין קופּע מיט'ן פּיעטריקאָווער רב. און דער גייסטיגער תענוג, וואָס מען

די גרונד־שטיין לייגונג פון ישיבת חכמי לובלין



ל״ג בעומר תרפ״ד

לעבּט־איבּער איז ממש אונבּעשרייבּליך. אמת׳ע „שיחות חולין של תלמידי חכמים“, א „פּה מפיק מרגליות“.

עס נעהט־אָוועק א שמועס וועגען דער ישיבה. דער רב איז שטאַרק אויפגעלעגט, זיין פּנים שיינט פאַר פרייד, וואָס ער האָט ענדליך זוכה געווען צו פערענדיגען דעם בּנין, וואָס איז איהם מיט אַזוי פיעל מיה און מאַטערניש, מיט אַזוי פיעל קרבּנות און מסירות־נפש אָנגעקומען.

— איידער דער בּנין איז פערענדיגט געוואָרען — בּעמערקט דער רב מיט א שמייכעל — האָבּ איך געבּעטען: „בּורא עולם בּקנין, השלם זה הבּנין“, אז דער בּנין זאָל ווי אַמשנעלסטען פערענדיגט ווערען. איצט, ווען דער בּנין איז שוין, מיט ג־־ט׳ס הילף פערענדיגט, בּעט איך: השלם זה הבּנין — צו בּעצאָהלען פאַר׳ן בּנין...

אָבּער נישט גע׳דאגה׳ט. אַבּי דער בּנין שטעהט און די תלמידים קומען לערנען. עס וועט מיט ג־־ט׳ס הילף קיין געלד נישט פעהלען, נאָכ׳ן „השלם“ פון פערענדיגען, וועט קומען דער „השלם“ פון בּעצאָהלען...

דער רב פערטראַכט זיך א וויילע, אויף זיין פּנים בּעוויזט זיך אַ׳ערנסטער שמייכעל, אַט יענער שמייכעל, וואָס גאַראַנטירט דיר, אַז נאָכדעם וועט קומען עפּיס אונגעוועהנליכעס, עפּיס איבּערראַשענדעס.

— ווייסט איהר — זאָגט דער רב — ווען איך האָבּ צו פערדאַנקען דער „ישיבת חכמי לובּלין“? דאָס האָבּ איך צו פערדאַנקען חייקל׳ען, דעם וואַסער־טרעגער...

אַלע שטעלען־אויף מויל און אויערן, נייגיריג צו הערען, וואָס דער רב וועט דערצעהלען.

און דער רב דערצעהלט, ווי נאָר ער, דער פּיעטריקאָווער רב קאָן דערצעהלען. מיט יענעם עכט־יודישען וויץ, מיט יענעם עכט־תלמיד־חכמי׳שען הומאָר:

— פערהאַן א מאמר חז״ל „אדם נדון בּכל יום“, גלייכצייטיג זאָגען די חז״ל, אַז דער יום־הדין פון׳ם מענש איז אין ראש־השנה. האָט דער בּעל־שם־טוב זצ״ל געזאָגט, אַז די סתירה צווישען די דאָזיגע מאמרי חז״ל קאָן פערענטפערט ווערען נאָר דורך חייקל דעם וואַסער־טרעגער.

איינמאָל איז חייקל פערבּייגעגאַנגען פאַר די פענסטער פון בּעל־שם. דער בּעל־שם האָט איהם צוגערופען און געפרעגט: חייקל, ווי געהט עס?

— אוי, רבּי — האָט חייקל זיך געקלאָגט — עס איז בּיטער ווי גאַל, מען שלעפּט די שווערע קאַנען וואַסער אויף די הויכע שטאָקען און קיין פּרנסה דערפון איז אויך נישט איבּעריגע.

דער בּעל־שם האָט געקרעכצט און אויך די תלמידים, וואָס זענען דערבּיי געזעסען, האָבּען אויס גרויס רחמנות אויפ׳ן אָרימען וואַסער־טרעגער, געקרעכצט און געזיפצט.

צומאָרגענס איז חייקל ווידעראַמאָל פערבּייגעגאַנגען פאַר׳ן בּעל־שם׳ס הויז. דער בּעל־שם האָט איהם צוגערופען: חייקל, וואָס מאַכט מען?

— וואָס זאָל מען מאַכען? — האָט חייקל געענטפערט — געלויבּט דער איבּערשטער, מען איז שוין א יוד אויף דער עלטער און פונדעסטוועגען איז מען נאָך בּכח צו שלעפּען די שווערע קאַנען וואַסער אויף די הויכע שטאָקען.

דער בּעל־שם האָט זיך דאַן אָנגערופען צו די תלמידים: אָט, זעהט איהר, דער זעלבּער חייקל, די זעלבּע קאַנען וואַסער, די זעלבּע הויכע שטאָקען און דאָך איז ער, חייקל, נעכטען געווען פערבּיטערט און געקלאָגט זיך אויף זיין מצב און היינט איז ער שוין גאָר אויפגעלעגט און געדאַנקט ג־־ט, אַז ער קאָן אויף די עלטערע יאָהרען שלעפּען וואַסער.

— אָט דאָס — האָט דער בּעל־שם געזאָגט — איז דער זין פון די בּיידע מאמרי חז״ל, פון „אדם נידון בּר״ה“ און „אדם נידון בּכל יום“. לעולם ווערט דער מענש גע־משפּט אין ר״ה. דעמאָלט איז „מזונותו של אדם קצובין לו“, דעמאָלט איז בּעשטימט געוואָרען, אַז חייקל זאָל זיין א וואַסער־טרעגער. אָבּער צו חייקל זאָל זיין צופרידען פון זיין

אומנות, צי נישט, דאָס איז „אדם נידון בכל יום". יעדען טאָג ווערט בעשטימט, אַז היינט זאָל חייקל זיך פיהלען אַ צופרידענער און מאָרגען זאָל ער, פערקעהרט, זיך פיהלען אַ נישט־צופרידענער, היינט זאָל ער זיך קלאָגען אויף זיין גורל און מאָרגען אָל ער זיך פיהלען גליקליך...

— אָט איך — רופט־אויס דער פיעטריקאָווער רב — האָב במשך פון מיהפולער ארבייט פאַר דער ישיבה געזעהן בחוש דעם „אדם נידון בכל יום". געווען אַ טאָג, ווען איך האָב זיך געפיהלט אונגליקליך, זעהענדיג ווי שווער די דאָזיגע אַרבייט איז, האָב איך אין דאָזיגען טאָג געטראַכט: צו־וואָס האָט מיר דאָס עסק געטויגט? איך בין געווען, פערעלטערט געוואָרען פאַר דער צייט, און דערביי אַזוי פיעל שנאה, אַזוי פיעל קנאה, כ'האָב שוין געפרובט אפילו בעטראַכטען, צוליב וועלכען חטא בין איך עס גענש־געוואָרען מיט אַזאַ עונש...

און אָט האָב איך באַלד צומאָרגענס געהאַט אַ טאָג אַ גליקליכען און צופרידענעם. כ'האָב זיך פערטראַכט וועגען דעם הייליגען רעיון, וואָס איז מיר איינגעפאַלען צו נעמען אויף זיך בויען אַזאַ גראַנדיעזן תורה־ווערק, ווי עס איז „ישיבת חכמי לובלין".

אַזוי האָב איך געהאַט כסדר אַזעלכע וואַקלענישען. אַמאָל בין איך געווען חייקל, דער אונגליקליכער, און אַמאָל — חייקל דער גליקליכער און צופרידענער, וואָס קאָן דזשווינגען קאַנען וואַסער אויף די העכערע שטאָקען...

— איצט — פיהרט־אויס דער רב — ווען די ישיבה איז פערענדיגט, פיהל איך זיך אויף אַן אמת, ווי חייקל דער גליקליכער. עס איז היינט ביי מיר דער ערשטער טאָג, ווען איך קאָן פריי אָבאָטעמען. אַ שווערע משא איז אַראָבגענומען געוואָרען פון מיינע פליצעס, די ישיבה איז איצט אַ קנין־הרבים און טמילא אויך דער זאָרג פון רבים...

אָט אַזוי האָט דער פיעטריקאָווער רב אין בסך־הכל איינינע פראַכטפולע מינוטען איבערגעגעבען די ליידען און פריידען פון „ישיבת חכמי לובלין", איהר גאַנצע געשיכטע און היסטאָריע...

דינסטאָג, ר"ח סיון תר"ץ (22 יוני 1930) איז פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער ישיבת חכמי לובלין.

דער דאָזיגער טאָג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גרויסער פאָלקס־שמחה.

צו דער פייערליכער ערעפנונג זענען פון אַלע עקען פוילען געקומען צעהנדליגער טויזענדער מענשען. אין דער פייערונג האָבען זיך אויך בעטייליגט די פראָמינענטסטע יודישע פערזענליכקייטען, די אָנגעזעהענסטע יודישע רבנים, ווי אויך די רביים פון טשאָרטקאָוו, פריסק, סאָקאָלאָוו, ביאַלע א. אַנד.

אויף דער פייערונג זענען אויך ספעציעל געקומען צאָהלרייכע פאָרשטעהער פון דער יודישע און אויסלענדישער פרעסע.

די אָרטאָדאָקסישע צייטונג „דאָס יודישע טאָגבלאַט" גיט־אַרויס אַ ספעציעלען נומער געווידמעט דער דאָזיגער היסטאָרישער פייערונג. אין דעם נומער געפינט זיך אויך אַנ'ארטיקעל פון לובלינער רב, רבי מאיר שפּירא, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ מאַניפעסט צו דער יודישער וועלט און וואָס מיר גיבען דאָ איבער וואָרט ביי וואָרט:

„צו אַלע מיינע ברידער!

דאָס גרויסע ווערק „ישיבת חכמי לובלין" נעהמט מיט'ן היינטיגען טאָג איבער צו כלל ישראל.

עס טרעט־אַראָב דער יחיד פון היפאָטעק און גיט עס איבער דעם ציבור.

און דער ציבור? —

דער גאַנצער ציבור שטעהט ענטוזיאַסטיש געשלאָסען און זיין האַרץ פיהלט, אַז דאָס איז דער גליקליכסטער מאָמענט פון זיין לעבען.

שווער איז געווען די לייסטונג פאַר'ן יחיד. עס איז געוואָרען געשליידערט פון לאַנד צו לאַנד און אָפטמאָל איהם צו דער גרעסטער פערצווייפלונג געטריבען. נישט איינמאָל דאָס

זיך פאַר דעם פעראייניגזאַמטען דער גאַנצער ברייטער הימלישער האָריזאָנט אַלס ענגער קרייז אויסגעוויזען.

לייכט ווערט אָבער די אַרבייט פאַר'ן ציבור. דעמאָלט ווען אַלע יודען מאַכען איין האַנד, איז זי אַזוי גרויס, אַז זי דערלאַנגט צום הימעל (קאָזשעניצער מגיד זצ"ל).

מיט'ן היינטיגען טאָג, כ"ח סיון תר"ץ, ווערט בע"ה אָבגעשלאָסען די ערשטע תקופה פון „ישיבת חכמי לובלין" און עס קומט די נייע תקופה.

ווען די ערשטע תקופה האָט זיך באַזירט אויף לויטער שאלות: צי־וואָס בויען? און פאַרוואָס נישט „פת במלח תאכל ועל הארץ תישן"? און ווען יאָ — פאַרוואָס גראָד לובלין? — אַזעלכע און עהנליכע שאלות, וואָס זענען אַמאָל געווען נעריכטעט מיט דער שאַרף אינ'ם האַרץ פונ'ם איניציאַטאָר.

קומט די נייע תקופה און יעדע שאלה ווערט פערשוואונדען.

דאָרט, אין לובלין, וואו עס האָבען מרביץ־תורה געווען די גרעסטע יודישע גבורי־הדת, דאָרט, אין לובלין, דעם זיץ־אָרט פון „ועד ארבע ארצות" — שטעהט דער גרעסטער יודישער תורה־בנין, בעלויכטען מיט הונדערטער שעמערירענדע פלאַמען פון הייליגע יהדישע נשמות, תורה־מאַרטירער, וואָס אין דער צייט, בעת מיר האָבען זיך געפלייסט צו פערענדי־גען דעם בנין, האָבען זיי זיך געמאַטערט צוצושטעלען דעם סכום דפים.

זיי, די יונגע תורה־מאַרטירער, וואָס זענען געווען ביז איצט לומדי־תורה מעוני — סופם לקיימה מעושר.

ברידער יודען! אין אייערע הענד גיב איך איצט איבער מיין טייערן בן־יחיד — „ישיבת חכמי לובלין" און איך וואונש אייך ביי איהם גרויס נחת צו דערלעבען. „וכל בניך לימודי ד'."

האַלב 4 אַזייגער האָט זיך די פייערונג געעפענט

כאַפּט אַ בליק אויפ'ן פלאַץ. אַנ'אימפּאָזאַנט בילד, וואָס אַזעלכעס האָבען נאָך רייגע אויגען נישט געזעהן. אויפ'ן וויפיעל דו קאָנסט נאָר מיט'ן בליק דערגרייכען, זעהסטו פאַר זיך אַ געדיכטע מענשען־מאַסע, אָהן ע"ה, „אשר לא יספר ולא ימנה מרוב", דו בעקומסט דעם איינדרוק, אַז דער גאַנצער כלל ישראל, וואו נאָר ער געפינט זיך, איז דאָ פערטרעטען, אַז דאָס גאַנצע וועלט־יודענטום אין אַלע זיינע קלאַסען און שיכטען, האָט זיך דאָ צונויפגע־זאַמעלט אויפ'ן פלאַץ, כדי מקדש צו זיין ברבים דעם שם־שמים און אַלע ווי איין מאַן צו מאַניפעסטירען דעם אונבויגזאַמען רצון צו קעמפען פאַר תורה און חיזוק לימוד התורה.

און מיט וואָסער מסירות־נפש די יודען זיצען אויף זייערע ערטער. די זון ברענט, ווי אין אַ קאַלך־אויווען, מען דרוקט און מען פרעסט זיך. די היץ איז אין לשער. אָבער דער עולם טרעט נישט אָב, ער געפינט זיך אויף דער וואַך און וואַרט־אָב מיט'ן גרעסטען אונגע־דולד דעם פייערליכען מאָמענט — דער מאָמענט פון פתיחת־השערים, פון עפענען די טויערען פון „ישיבת חכמי לובלין".

די זון גליהט. די היץ ברענט געפעהרליך. דער עולם פאַלט אויף פערשידענע המצאות ווי אַזוי צו פערהיטען זיך פון די גליהענדע זון־שטראַהלען. מען טהוט זיך אָן די ווייסע טיכ־לער אויף די קעפ און פון דערווייטענס זעהסטו אַ ים מענשען מיט ווייסע „טורבאַנען" אויף די קעפ. אַ הערליך אימפּאָזאַנט בילד. דער איינדרוק איז אַנ'אונגעהויערער...

אָבער דער עולם ריהרט זיך נישט. ווער האָט איצט אין זינען דעם אייגענעם גוף. מען פיהלט, אַז מיט יעדער מינוט ווערט מען נתעלה, מען שטייגט פון וועלט צו וועלט, פון היכל צו היכל. איצט דאַרף דאָך קומען די אמת'ע אַטראַקציע: די בעגריסונגען פון די רביים.

ניין, נישט קיין „בעגריסונגען" אין געוועהנליכען זין פון וואָרט, נאָר האַרציגע דיבורים, וואָס דריגנען אַריין אין די טיפסטע טיפענישען פון דער נשמה און דערביי איז יעדעס וואָרט אַ שיטה, אַ פּראָגראַם, אַנ'אָנווייזונג, ווי אַזוי דער יודישער חינוך דאַרף אויס־זעהן, ווי אַזוי זאָל אַ יודיש קינד ערצויגען ווערען, אַז עס זאָל באמת בלייבען אַ יודיש קינד — ווידער אַמאָל ענטוזיאַזם, התלהבות, בעגייסטערונג, יחי־אויסרופען.

און ווי מיעף⸗ריהרענר איז די סצענע, ווען דער רב האט מסמיך געווען די הענר אויפ'ן יונגנ..., תלמיד, א קוש⸗געגעבן איהם אין שטערן און מיט טרעהרען אין די אויגען איבערגעגעבן איהם א ברכה פאר אלע תלמידים..

רעדע פון הרב שפירא

ביי א געשפאנטע שטימונג און אויסערגעוועהנליכער שטילקייט פון א ים מענשען האלט רבי מאיר שפירא פון ישיבה⸗באלקאן זיין גרויסע ערעפנונגס⸗רעדע אין העברעאיש און יודיש. אויפ'ן פלאץ פון דער ישיבה זענען אוועקגעשטעלט מענאפאנען.

מיר גיבען דא איבער די דאזינע היסטארישע רעדע ווערטליך:

,,ברוכים⸗הבאים בשם ה' ברכנוכם מבית ה'!

אתם גדולי האומה, מאורי הגולה, צדיקי הדור, רבני ישראל, אתם בני תלמידי הישיבה, ילדים יקרים, אשר חנן אותנו אלקים בזה; אתם צירי הממשלה הרוממה המרכזית והעירונית אתם שליחי הצבור באי כח קהלות ישראל; אתם תופשי העם נושאי שם העתונות היהדות והעולמית; אתם מורשי סניפנו וכל העוסקים בקיום מפעלנו ואתם כל בית ישראל אשר נאספתם היום פה לתת כבוד לתורה — ברוכים אתם כולכם הבאים בשם ה' ברכנוכם מבית ה':

ברכנוכם מבית ה'! אם לפני שש שנים קבלתי פניכם במגרש ריק ועזוב בתתי לכם רק הבטחה, התלהבות דמי ומסירות נפשי — עתה הנני מברך אתכם מבית ה' מבית נשא ורם, העומד כבר שלב על מכונו, בנוי לתלפיות.

ואני בעניי הכינותי בית לה' צבאות! דברי נעים זמירות ישראל אלה הם הבטוי הכי נמרץ לכל תולדות הסבל והרפתקאות השונות אשר לוו אותנו בדרכנו עד הלום! לא גל אחד עבר על מפעלנו הסביר בעודנו באבו להכרידו מן העולם. התחתים שוגים פגענו בדרכנו, אבל רבותנו הקדושים שוכני לובלין העתיקה הם אשר חנינו על הישיבה הקדושה הזאת אשר שמם עלי' נקרא; הגאון ר' יעקב פאלאק יוצר הפלפול והחרוד, מהרש"ש, מהרש"ל, מהרש"א, מהרי"ם, והבאים אחריהם גדולי הדורות החוזה הקדוש ותלמידיו הקדושים, חסידי עליון, המאור הנגלה שבתורה מזה והאור הגנוז של הקבלה והחסידות מזה, שני המאורות הגדולים האלה הם התאחדו גם היום להגין ולסוכך עליך ישיבה קדושה.

זאת ישיבה קדושה יח"ל! שאי סביב עיניך וראי; כלם נקבצו באו לך, כל בית ישראל בא לחון פניך ולשש אתך משוש, גם תלמידך — בניך, מרחוק יבאו באו שעריך המצוינים בהלכה באו לקול קריאתך — לכו, בנים, שמעו לי, יראת ה' אלמדכם! מלאי אפוא חובתך קדושת זאת. יה"ר שיקוים בך — וכל בניך למודי ה' ואז יהי' גם — רב שלום בוניך.

ערהאבען איז פאר מיר דער מאמענט, וואס איך בענרים די הויכגעשטעלטע הערען פארשטעהער פון דער מלוכה'שער און קאמונאלער מאכט; אין איינעגעם נאמען, ווי אויך אין נאמען פון די אלע, וואס זענען בייהילפיג געווען צו דער ענטשטעהונג פון דער דאזינער פרעכטינער ישיבה, וועלכער וועט זיין דער קוואל פון תלמוד'ישער וויסענשאפט. —

איך ערפיהל מיין אנגענעהמען חוב, כדי אין דאזיגען פייערליכען מאמענט צו דאנקען הארציג דער הויכער רעגירונג פאר דער פערשטענדניש, פריינדליכקייט און אונטערשטיצונג, מיט וועלכען עס האבען זיך בעציוגען צו אונזער ארבייט די מאסגעבענדע פאקטארען.

די פריינדשאפט, וועלכע מיר האבען בעגעגענט אין אונזער אנגעשטרענגטער ארבייט וועקט אין אונז ערינערונגען פון פערגאנגענע צייטען, ליבענסווערטע צייטען אין דער פוילישער געשיכטע, ווי אויך אין דער היסטאריע פון די יודען אין פוילען. די געשיכטע פון דער ארגאניזירונג פון דער יודישער רעליגיע אין פוילען איז ענג פערבונדען מיט דער היגער שטאדט לובלין. דא⸗היע, איז אין דער צייט פון דער הערשאפט פון זיגמונט סטארי גערופען געווארען צום ערשטען מאל אין יאהר 1539 דער ערשטער גרויסער רבנים⸗צוזאמענפאהר, וועלכער איז געווען דער אנהויב פון א מעכטיגער ארגאניזאציע פון די יודישע קהלות, רע־



פרעזענטירט דורך דעם ועד ארבע ארצות. די דאָזיגע צוזאַמענפאָהרען זענען פאָרגעקומען פעריאָדיש אין לובלין און האָבען אָנגעהאַלטען דורך דער גאַנצער צייט פון דער הערשאַפט פון דער פוילישער מאַכט. דאָ אין לובלין איז עגטשטאַנען, אַ דאַנק די פּריווילעגיעס פון קעניג זיגמונט אויגוסט פון יאָהר 1567 די ערשטע ישיבה-גבוהה אין פוילען.

דעם 10-טען מאי 1571 האָט דער קעניג זיגמונט אויגוסט איבערגעגעבען אין די הענד פון דאַמאָלסטיגען הרב שלמה די זעלבע רעכט פאַר דער „ישיבה-גבוהה", וואָס עס האָבען בעזיצען די הויכע וועלטליכע אַקאַדעמיעס אין לאַנד.

די לובליגער ישיבה איז אין קורצען געוואָרען דער גרויסער רעליגיעזער זאַמעלפונקט, פונדאַנען זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ליכט-שטראַהלען פון רעליגיע און תלמוד'ישע וויסענשאַפט איבער דער גאַנצער וועלט, ביז צו די אונגליקליכע צייטען פון פוילען'ס צעפאַלונג.

מיט'ן מאָמענט פון ווידערגעבורט און אויפלעבונג פון דער ליכטיגסטער פוילישער רעפּובליק, געהען אונזערע בעמיהונגען אין דער ריכטונג פון ווידעראויפלעבען די אַמאָליגע רעליגיעזע טראַדיציעס.

די מויערען פון דאָזיגען פרעכטיגען בנין וועלען זיין עדות פונ'ם אונבריגזאַמען ווילען פון די רעליגיעזע יודען אין פוילען, וועלכע ווילען דערהאַלטען דאָס רעליגיעזע לעבען און די רעליגיעזע וויסענשאַפט אינ'ם גייסט פון אונזער בעריהמטער טראַדיציע. דאָס וועט אויך זיין אַ בעווייז פון פערשטענדניש פאַר אונזערע שטרעבונגען, וועלכע מיר האָבען געפינען ביים פאָלק אין תחית-המתים-אויפגעשטאַנענער ליכטיגער פוילישער רעפּובליק, צום כבוד, פון וועלכער איך רוף-אויס:

זאָל לעבען!

און איצט אַ וואָרט צו די בריימע יודישע מאַסען: וואָס האָט מיך בשוואוינען צום געדאַנק פון אַזאַ ישיבה? וואו איז דער גרונד, אויף וועלכען ס'האָבען זיך ענטוויקעלט די וואָרצלען פונ'ם דאָזיגען גליקליכען איינפאַל?

ווער ס'האָט זיך, נישט נאָר מיט אַ פערשטענדיגונג-אויג, נאָר אויך אַ מיטפיהלענדיג הארץ, צוגעקוקט צו די לאַגע פונ'ם ישיבה-בחור אין אונזער צייט האָט דערזעהען, אַז זי איז מורא'דיגער און כמעט נישט צו דערטראָגען ווען נישט דאָס מסירת-נפש פון זיין זייט. אפילו דער פּת במלח פון דער משנה איז אַ תענוג אַקעגען זיינע הונגער-ליידען און די טעג עסען, און דער על הארץ תישן — אַ גן-עדן אַקעגען שלאָפען אין די קאַלטע געוועלבער אַלס נאַכט-שומרים.

אָבער די דאָזיגע אונמענשליכע ליידען קאָנען איבערגעטראָגען ווערען ווען זיי ווערען בעגלייט דורך דעם געהעריגען כבוד, וואָס פּאַסט פאַר מאַרטירער, דאָ איז אָבער דער פאַל נישט געווען. בתכלית-הביטול, דערגידריגט און בעלידיגט איז געוואָרען דער איינציגער אמת'ער העלד פונ'ם יודענטום.

אויב ביז היינט האָט מען ביי אונז ווען נישט בעזאָרגט עכ"פ געזאָרגט פאַר די מאַטעריעלע ליידען פונ'ם ישיבה-בחור האָט מען לגמרי נישט פערשטאַנען די צחייטע, די גרעסטע, די מאָראַלישע ליידען זיינע און דאָס איז געווען דער חדוש, די רעוואָלוציע, אַזוי צו זאָגען פונ'ם געדאַנק פון ישיבת חכמי לובלין.

דאָס איז געווען די ערשטע פאַזע, דאָס געבוירען ווערען פון געדאַנק, ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבען דער צווייטער סטאַדיום, דער סטאַדיום פון רעאַליזירונג. דער גרויסער גבון ר' שמואל אייכענבוים גיט דעם ריזיגען פּלאַץ, אויף וועלכען מיר שטעהען איצט. אַ מעכטיגער ענטוזיאַזם האָט אַרומגענומען די גאַנצע יודישע מחנה, רעדריף זאָגען עדות די הונדערטער גדולים און צדיקים און די 30.000 יודען כ"י, וואָס בלויז דער רוף פון יח"ל האָט זיי פערזאַמעלט צום גרונד-שטיין-לעגונג, און ווען פוילען האָט אַליין נישט געקאָנט טראָגען די לאַסט פון ווייטערען בוי צוליב'ן שווערען עקאָנאָמישען קריזיס און גראַבסקי'ס ענלהצייטען, האָב איך מיך געווענדעט קיין אַמעריקא, וואָס האָט אָנגעשריבען אַ גאָלדען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון יח"ל. איך האָב אָבער געוואָלט, אַז יח"ל זאָל נישט זיין קיין

קנין פון יחידי=סגולה, דאָס גאַנצע פאָלק, די ברייטסטע יודישע מאַסען מוזען זיין בעטייליגט אין דער גרעסטער מצוה — מיט דער הילף פון די פושקעס קאָן עס טהון ישרער יוד, אפילו דער אָרימסטער און אַזוי האָט דער פאָלקס=גראָשען מישלים געווען דאָס גרויסע ווערק.

א געוואַלדיגער אויסדרויער, סבלנות האָט געפאָדערט דער צווייטער סטאַדיום, כדי עקשנות'דיג אויסצוהאַלטען און בעזיגען די אַלע מכשולים און שטיינער, וואָס זענען געווען אויפ'ן וועג, ביז ענדליך דאָס ווערק איז בעזה"י אויסגעפיהרט געוואָרען און דער בנין פון יח"ל איז אויסגעפערטיגט און ער קאָן עפענען ברייט זיינע טויערען פאַר די הונדערטער תלמידים פון דער גאַנצער וועלט, און היינט, האַלטענדיג ביי דער חנוכה דערלויב איך מיר צו מאַכען די גרויסע ברכה, וואָס אונזערע חכמים האָבען מתקן געווען: ברוך... שהחינו וקימנו, והגיענו לזמן הזה!

געלויבט איז דער בורא=עולם פאַר'ן רוח=ממרום, דער געדאַנק פון יח"ל. שהחינו!!! און פאַר'ן געבען כה און אויסהאַלט און אויסדרויער אויפ'ן שווערען וועג פון רעאַליזאַציע, וקימנו!!! און פאַר'ן צוברענגען אונז צום גליקליכען היינטיגען טאָג, ווען יח"ל ווערט געעפענט, והגיענו לזמן הזה!!!"

א שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען איז אויסגעבראָכען, ווען הרב שפּירא ענדיגט זיין רעדע

דאַן האַלט פאָלגענדע בעגריסונגס=רעדע דער גערער רבי שליט"א.

רעדע פון גערער רבי'ן

דער בעל=שם הקדוש זאָגט אויף דעם פסוק: „אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים", וואָס מיינט מען עפּים דעם „אין זה", זאָגט דער בעל=שם הקדוש, אז די כוונה איז כפי הגמרא. אז יראה הייסט „דרתא" און תורה הייסט — „תרעא לדרתא". ווען יעקב אבינו האָט געזעהען די יראה, וואָס איז שורה אויף דעם אָרט פון מקום=קדוש, האָט ער געזאָגט: „מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלקים". דאָ, ווייל עס איז „נורא המקום", איז עס דער דרתא אליין, — „כי אם בית אלקים". וואָרום „וזה שער השמים". די ביז=איצטיגע 14 יאָהר פון שם=ועבר איז גאָר נעהטען דער תרעא=לדרתא.

די ישיבה איז דאָך א בנין מפואר, וואונש איך, אז עס זאָל דאָ זיין דער תרעא לדרתא מיט'ן דרתא צוזאַמען, — בית גדול שיגדלו בו תורה ויראה, איך בענטש די תלמידים זיי זאָלען מצליח זיין בתורה ויראה, אמן.

עס האַלט נאָכהער פאָלגענדע רעדע דער טשאָרטקאָווער רבי שליט"א:

רעדע פון טשאָרטקאָווער רבי'ן

ווייסט איהר, יודען, ווער עס מאַכט היינט חנוכת=הבית? די הייליגע תורה מאַכט היינטיגען טאָג איהר חנוכת=הבית. די תורה הקדושה ציהט זיך היינט אַריין אין איהר אייגענעם בנין.

„ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן", זאָגט רש"י: „כלת כתיב, ככלה שנכנסת לחופה". די כוונה איז, אז ביים בנין חומרי איז דער גמר שוין אַלעס דערגרייכט; ביי בנין רוחני אָבער איז ערשט מיט'ן ענדיגען דעם בנין דער אָנהויב פון א פערשטאַרקטער קדושה.

ווען משה רבנו האָט געענדיגט דעם בנין=המשכן האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבען אויפ'סניי די רעכטע שמחה של מצוה.

„ויהי ביום כלות משה", ווען עס איז געענדיגט געוואָרען דער בנין=המשכן איז דאָס געווען „ככלה שנכנסה לחופה". דאָס זאָג איך אויך אויף דעם הייליגען בנין פון דער ישיבה, וואָס מיט דעם ענדיגען פון דעם בנין הויבט זיך אָן די קדושה פון אויפבויען דעם בנין רוחני פון תורה און יראה.



די רביים פון טשאָרטקאָוו און גור ביי דער ישיבה־עפנונג
אין מיטען — די ישיבה־פאָהן

„יודע הי' בצלאל לצרף אותיות שבהם נבראו שמים וארץ". די ארץ, אז זי פער־לירט א רגע די השגחה פון שמים, דא הויבט זיך אן געביך דער הסתר־אסתיר, סיט'ן בנין המשכן האט בצלאל מצרף געווען די ארץ צוריק צום שמים.

יודען! מיר לעבען היינט אין א שרעקליכער הסתרה־צייט. איך האף און וואונש, אז פון דער שמחה של מצוה ביי דעם כלל ישראל, פון אט דעם הייליגען בנין זאל זיך מצרף זיין צוריק דער שמים צו ארץ.

„והארץ היתה תהו ובהו וחושך על פני תהום", ווען עס איז א תהו־ובהו און א חשכות קומט אבער דער „ויאמר אלקים יהי אור" און עס ווערט „ויהי אור".

נאך דער בעגריסונג ווענדעט זיך דער טשארטקאווער רבי צום פיעטרקאווער רב, אז ער וואונשט איהם אריכות ימים ושנים, אז ער זאל קאנען אליין מרביץ־תורה זיין ביי די תלמידים תורה ויראה און אייך, אלע יודען, וואונש איך שפע, ברכה והצלחה, אין דעם זכות, וואס איהר וועט תמיד נעדענקען אין „ישיבת חכמי לובלין". עס וועט זיין „ויהי אור" און מיר וועלען מאקי נאך זוכה זיין צום אור גדול פון גלוי שכינה פון בנין בית הבחירה, אמן.

נאך די בעגריסונגען קומט־פאר דאס פייערליכע עפנען די טויערן פון די ישיבה, ווי אויך דאס אנקלאפען א מזוזה ביים הויפט־אריינגאנג.

נאכהער נימ־איבער דער רב דעם גאלדענעם שליסעל דעם יונגסטען תלמיד פון דער ישיבה, נדל מעלכע פון בערלין, וועלכער עפענט־אויף דעם הויפט־אריינגאנג אין דער ישיבה.

מיט א פייערליכער שטים רופט־אויס דער רב:

— אזוי ווי עס זענען דא געעפענט געווארען די טויערן פון דער ישיבה, אזוי זאל דער רבונו־של־עולם עפענען די טויערן פון ישועות ונחמות פאר יודען.

דערויף הילכט־אפ דער הונדערט־טויזענד־קעפיגער עולם מיט א דונערענדען:

— א מ ן ! ! !

טויזענדער יודען, וואס זענען געשטאנען דערביי, זענען געווארען גערירט ביז טרעהרען.

נאכהער לייענט דער ריישער רב, הרב לעווין, די דעפעשען, וואס זענען געשיקט גע־ווארען צום מלוכה־פרעזידענט מאשטשיצקי, מארשאל פילסודסקי, צום פרעמיער סלאוועק און צום בילדונגס־מיניסטער טשערזווינסקי.

די תלמידים פון דער ישיבה, צוזאמען מיט'ן רב, נעהען־ארויף אויף דעם ישיבה־באלקאן און איינער פון די יונגסטע תלמידים פון דער ישיבה, לייבעל בידערמאן, אנ'אייניקעל פון ר' יעקב מאיר בידערמאן, האלט א רעדע.

נאכהער נעהמט ווידער דאסווארט דער רב, וועלכער בענטשט די תלמידים.

די פייערונג האט זיך געענדיגט 8 אווענד.

גלייך נאכ'ן שליסען די פייערונג האט זיך אנגעהויבען דער דורכמארש איבער'ן ישיבה־בנין. צעהנדלינער טויזענדער מענשען מארשירען דורך לאנגע רייהען איבער'ן בנין און בעוואונדערען דאס פרעכטיגע ווערק.

א צווייטע רייהע מארשירט־דורך דעם זאל, וואו ס'געפינט זיך דאס בית־המקדש אין מיניא־ור.

בעגריסונג פון א תלמיד

צווישען די פארשידענע בעגריסונגען, האט גרויס ענטוזיאזם ארויסגערופען די בעגריס־סונג פונ'ם תלמיד אהרן [illegible] וועלכע איז דורך אין שטאטיש, [illegible]



דאָס בית־המקדש אין מיניאַטור

בײַ אַ פֿייערליכער שמחת תורה פֿאַר אַ תּלמיד

„מיר, די תּלמידי-הישיבה, זענען בעזונדערס מרגיש דאָס גרויסקייט און ערנסט-קייט פֿונ'ם איצטיגן מאָמענט, ווייל ווער נאָך ווי מיר, ווייסן נאָך דאָס שרעקליכע הי-צער פֿון די יונגע לומדי-תּורה אין דער היינטיגער צייט.

איהר קאָנט אייך, רבותי, בשום-אופֿן נישט פֿאָרשטעלן, וואָס עס פֿיהלט און לעבט איבער דאָס אָרימע שטעטעלדיגע ישיבה-יונגעל, בעת ער נעהמט אריין אין דער פֿרעמדער שטוב עסן זיין „טאָג".

איך געדענק, מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען כ'האָב געלערנט אין אַ פּראָווינציעלע ישיבה האָב איך אַמאָל געטראָפֿן מיינס אַ חבר זיצען אין אַ ווינקעלע אין בית-המדרש שטאַרק פֿערוויינט. אויף מיין פֿראַגע וואָס דאָס בעדייט? ענטפֿערט ער מיר אין אַ געבראָכענעם שטים: „איך עס היינט ביי אַ-יוד מיט זעהר מאָדערנע קינדער און ווען כ'בין מיך היינט געגאַנגען וואַשען צום מיטאָג, זאָגט צו מיר איינער פֿון זיי: וואָס פֿויג דיר, יונגעלע, זיך צו וואַשען דריי מאָל אין טאָג? גענוג איין מאָל אין דער פֿריה פֿאַר אַ גאַנצען טאָג"... מיין חבר, וועלכער איז געווען זעהר שעמעוודיג און אונדרייסט, האָט הכנעה'דיג געפֿאָלגט דעם „מוסר" פֿון זיין ברויט-געבער און דאָס וואַסער צוריקגעשטעלט אויפ'ן אָרט. זעלבסט-פֿערשטענדליך, האָט ער ביי יענער סעודה קיין ברויט שוין נישט געגעסען און שוין אַוועק-געגאַנגען אַ הונגעריגער. און אַ גאַנצען טאָג האָט ער געפֿיהלט שטאַרק געוויינט פֿון צער און חרפּה, נישט געקאָנט מעהר לערנען און אויך נישט געגאַנגען מעהר עסען...

דאָס איז אַ קליינער עפּיזאָד, וועלכער זאָגט אָבער זעהר פֿיעל.

אַ גרויסע היסטאָרישע זינד איז דאָס יודישע פֿאָלק בעגאַנגען אין משך פֿון פֿיעל יאָהרהונדערטער, מיט זיין קאַלטער כמעט גלייכגילטיגער בעציהונג צום יונגען לומד-תּורה אין דעם שפּעטערדיגען מנהיגי-ישראל — און איצט איז געקומען די היסטאָרישע שעה, ווען איהר כוז דעם חטא אויסקויפֿען!

די תּורה הקדושה דערצעהלט: ווען יוסף הצדיק איז געגאַנגען אין שליחות פֿון זיין פֿאָטער יעקב זוכען זיינע ברודער, האָט ער געבלאָנדזשעט אין פֿעלד, ביז ס'האָט זיך צו איהם בעוויזען אַ מלאך-אלקים און איהם געוויזען דעם ריכטיגען וועג. וימצאהו איש והנה תועה בשדה, וישאלהו האיש לאמר: מה תבקש? ויאמר: את אחי אנכי מבקש!

אָט דאָס בילד, רבותי, האָט זיך ביי אונז אָבגעשפּילט אין דער לעצטער תּקופֿה.

מיר, די יודישע יוגענד, האָבען אויף זיך אַ גרויס שליחות פֿון אונזער הייליגען פֿאָטער, פֿון אָבינו שבשמים, צו לערנען און צו פֿערשפּרייטען די תּורה הקדושה. ללמוד וללמד לשמור ולעשות.

ליידער אָבער זענען דאָ זעהר ווענינע, וואָס ווילען אויף זיך מקבל זיין דאָס דאָזיגע שליחות. און דאָס שמערצליכסטע איז, וואָס אויך די ווענינע זענען צעוואָרפֿען אויף פֿער-שידענע פּונקטען, נישט האָבענדיג דעם פֿאַסענדען מרכז-התּורה.

פֿון אונזערע אַלעמענס הערצער האָט זיך אַרויסגעריסען אַ שמערצליכער וועה-געשריי: „את אחי „אנכי" מבקש"! צוזאַמען מיט מיינע ברידער, די לומדי-תּורה, וויל איך זוכען דעם „אנכי ה' אלקיך"! דורך התחברות חברים וועלען מיר צו שלמות קומען!

לאַנג, לאַנג איז עס געווען אַ קול קורא במדבר, ביז ענדליך השי"ת האָט אונז גע-שיקט זיין מלאך-אלקים דעם געטליכען שליח אין דער פּערזאָן פֿון אונזער גרויסען רבי'ן, אדוננו, מורנו ורבנו, הגאון רבי מאיר שפּירא, ה' יאריך ימיו ושנותיו (שטאַרקער בייפֿאַל) און דער דאָזיגער יוד האָט עס פֿערשטאַנען אונזערע ליידען אין זיין הייליגע שטים האָט מעכטיג אָבגעקלינגען: „נסעו מזה", מ'דאַרף איבערייסען מיט די אַלטע שעדליכע מעטאָ-דען, אַ סוף זאָל געמאַכט ווערען צו די אומענשליכע ליידען פֿון די תּלמידי הישיבות, אַ מקום-מנוחה מוז געשאַפֿען ווערען און אַ מרכז-התּורה אויפֿגעבויט ווערען.

און אָט זעהען מיר פֿאַר אונזערע אויגען דאָס גרעסטע מקום-תּורה זייט דעם צווייטען-יעהריגען גלות.

און ווען מיר, די ערשטע 120 תלמידים פון דער ישיבת חכמי לובלין, האבען ענד־ליך די זכי׳ צו בעטרעטען די שוועל פונ׳ם דאזיגען בית ד׳ — ווייסען מיר גלייכצייטיג, אז גרויסע, זעהר גרויסע פליכטען נעמען מיר אויף זיך. און מיר ערקלערען דא אפען פאר אייך, הייליגע יודען, אז זאל מען חלילה נישט מיינען, אז די גשמיות־בעקוועמליכקייטען פון דער ישיבה האבען אונז געבראכט קיין לובלין. חס מלהזכיר! ווייל אויך אין די שווערסטע מאמענטען פון אונזער מאטעריעלען דחקות, האבען מיר חלילה אויף קיין איין רגע נישט אבגעטרעטען פון אונזער פאזיציע און נישט געבראכען און פערצווייפעלט געווארען!

אונזער גאנצע שטרעבונג איז: „שבתי בבית ה׳!” מיר זאלען במנוחה זיך קאנען ווידמען דער הייליגער תורה.

און ווען איך האב די זכי׳ צו שטעהן אויפ׳ן דאזיגען ארט און רעדען אין נאמען פון מיינע חברים, די תלמידים, וויל איך איבערגעבען אונזער גרויסען רבי׳ן, אונזער הארציגע ברכה:

גרויסער רבי! מיט מסירת־נפש האסטו געשאפען יח״ל; פאר דאס גלויבען מיר און האפען, ווערט יח״ל שאפען א סך, א סך אזעלכע יודען, מנהיגי־ישראל, ווי דו ביזט עס, גרויסער רבי!

השי״ת זאל שטארקען דיינע כחות, אז זאלסט בכח זיין אונז צו ערציהען צו דעם וואס דו ווילסט און שטרעבסט!

ויה״ר שתשרה שכינה במעשה ידיך, אמן”.

דער ערשטער שיעור

צוזאמענגעס נאך דער ערעפנונג קומט־פאר אין גרויסען ישיבה־זאל דער ערשטער שיעור, וואס איז איינגעארדענט געווארען מיט א בעזונדערער פייערליכקייט.

דער עולם נעהמט שטראמען צום זאל. אלע טהירען און טויערן זענען אפען, „כל הרוצה ללמוד יבא וילמוד” אין אייניגע סעקונדען איז דער זאל, די גאלעריעס, די שבגות׳דיגע צימערן איבערפולט מפה אל פה. אלץ שטעהט און ווארט אין דער גרעסטער שפאנונג אויפ׳ן אנהויב פון שיעור, ווען דער קול־התורה וועט זיך צום ערשטען מאל פונאנדערטראגען איבער די כתלי־הישיבה. דא און דארט גיט מען זיך איבער די איינדרוקען פונ׳ם נאר־וואס איבער־געלעבטען טאג און אט נעהט א פרישער טאג מיט פרישער שמחה און מיט פרישען תענוג...

די תלמידים זיצען שוין אלע אויף זייערע ערטער. עס זאגט זיך נאר אזוי „זיצען”. פאקטיש איז ביים גרויסען געדראנג אונמעגליך צו זיצען. עס איז אויך שווער אין איצטיגען מאמענט אונטערצושיידען פון תלמידים ביז נישט־תלמידים. דער איצטיגער שיעור איז נישט בעשטימט אויסשליסליך פאר די תלמידים, נאר פאר אלע, פאר׳ן גאנצען כלל ישראל...

האלב 12 אזייגער און דער רב קומט אריין פון א זייטיגען צימער, אנגעטהון אין בגדי־שבת ויום־טוב. מיט א גמרא אונטער׳ן ארעם געהט ער גלייך ארויף אויפ׳ן פארדיום נע־בען ארון־קודש, ווארפענדיג א בליק איבער׳ן זאל.

דער עולם שטילט זיך איין. וואס אמאל שטילער און שטילער... דער מאמענט איז א העכסט־פייערליכער. א הדרת־קודש, א הייליגער ציטער נעהמט אלעמען ארום, עס דאכט זיך, ווי גייסטער פון די אלע גאונים וקדושים, אויף וועמענס נאמען די ישיבה רופט זיך, די גייסטער פון חכמי־לובלין שוועבען־ארום אין זאל, צוהערענדיג זיך צום ערשטען שיעור.

דער רב עפענט די גמרא און זאגט די „תפלת בית־המדרש בכניסתו”:

„יהי רצון מלפניך... שלא יארע דבר־תקלה על ידי ולא אכשל בדבר־הלכה וישמחו כי חברי... והצילני מכל מכשול ומעות... הן בהוראה, הן בלימוד... גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך”...

די שטים ביים רב איז א געבראכענע, א ציטערדיגע.

די בעגייסטערונג ביים עולם וואקסט, יעדער איינער איז גערירט, יעדער איינער איז ארומגעכאפט פונ׳ם פייערליכען ערנסט פון גרויסען און ערהאבענעם מאמענט.

דער רב עפּענט די גמרא און הויבּט־אָן לערנען די ערשטע משנה פון יומא: „שבעת ימים קודם יום־הכפורים"....

עס נעהמט־אָוועק אַ שאַרפער פּלפּול אין עניני־קדשים, וועגען קדושת־עזרה, קדושת הר־הבית א. אַ. וו.

אַרומרעדענדיג אַ גאַנצע רייהע ענינים אין הלכה אגדה, איבּערהויפּט אין קדשים, קומט דער רב צו צום פּסק־הלכה פון „קדושה ראשונה קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבוא".

אַט מיט'ן כח פון דאָזיגען פּסק־הלכה — רופט־אויס דער רב — זאָג איך, אַז די קדושת־ראשונה, די ערשטע קדושה, וואָס די פריצייטיגע גדולים וגאונים, די חכמי־לובלין, האָבּען געגעבּען דער שטאָדט, בּעשטימענדיג איהר פאַר דעם מרכז־התורה, — גרינדענדיג דאָ — זייערע ישיבות, די דאָזיגע קדושה איז קדשה לעתיד לבוא. הגם במשך דער צייט זענען שוין אין לובלין קיין ישיבות נישט געווען, אָבּער די קדושה איז פערבּליבּען אויף לעתיד לבוא, אויף דער איצטיגער צייט, ווען לובלין איז אויפ'סניי פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מרכז־התורה דורכ'ן גרינדען אין איהר די „ישיבת חכמי לובלין".

די ווערטער פונ'ם רב ווערען אויפגענומען אָהן אַפּלאָדיסמענטען, אָהן אויסרופען. דער מאָמענט איז אַ צו־ערנסטער, אַז מען זאָל זיך אַזעלכעס ערלויבּען. דאָס שטילקייט, דער „קול דממה דקה" איז דער בּעסטער אויסדרוק פונ'ם טיעפסטען עקסטאַז, אין העלכען דער עולם געפינט זיך...

— — — — — — — — — — — — —

דער שיעור איז געענדיגט און דער רב ווענדעט זיך מיט איניגע ווערטער צו די תלמידים:

— איך וואָלט אייך געוואָלט זאָגען, טייערע קינדער, עטליכע ווערטער, וואָס זאָלען אייך דיענען אַלס יסוד אויף ווייטער. איהר קומט דאָך אַהער אין ישיבה אַריין, כדי צו בּעקומען אַנ'ערציהונג, אַ חינוך. מאָ פערלאַנג איך פון אייך, טייערע קינדער, אַז איהר זאָלט פערשטעהן, וואָס אַזעלכעס עס בּעדייט דאָס וואָרט חינוך.

דאָס ערשטע מאָל געפינט מען אין דער תורה דאָס וואָרט חינוך אין ספר בראשית: „וירק את חניכיו". זאָגט דאָרט רש"י ז"ל: „כל חינוך שבמקרא הוא לשון כניסה" לדבר שהוא עתיד לעמוד בו".

חינוך הייסט, אַלזאָ, אַז די זאַך, צו וועלכער מען נעהמט זיך און מען גרייט זיך צו, זאָל מען דערבּיי בּלייבּען.

רש"י ז"ל בּרענגט דערויף אַ ראי' פון דריי פּסוקים: חנוכת הבית, זאת חנוכת המזבח און חנוך לנער.

פון די אַלע דריי פּסוקים איז נעדרונגען, אַז חינוך הייסט, אַז מען זאָל בּיי דער בּעגייסטער זאַך אויף תמיד פערבּלייבּען. חנוכת־הבית — דאָס איז אַנ'אייבּיגקייט, אַ זאַך, וואָס מען פערבּלייבּט דערבּיי, „קדושה ראשונה קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבוא", ס'הייסט, אַז די קדושה פערבּלייבּט. דאָס זעלבּע איז אויך מיט חנוכת־המזבח. ווייל לויט'ן דין זענען די אבני־מזבח, וואָס ווערען צושטערט „אין להן פדין עולמות", ס'הייסט, אַז די קדושה שהוט בּיי זיי אויף תמיד פערבּלייבּען. דעם זעלבּען טייטש האָט אויך דער „חנוך לנער", אַז דער חינוך, וואָס דאָס יונגעל בּעקומט, דאָס וואָס ער הערט און זעהט פון מחנך זאָל בּיי איהם פערבּלייבּען, „גם כי לא יזקין לא יסור ממנו"...

— איך וואונש אייך, טייערע קינדער — האָט דער רב פערענדיגט — אַז איהר זאָלט דאָ בּעקומען דעם אמת'ען חינוך, אַז די תורה און יראה, וואָס איהר וועט אין זיך דאָ איינזאַפּען, זאָל בּיי אייך פערבּלייבּען, אַז עס זאָל זיין „קדושה ראשונה קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבוא"...

מעהר האָט זיך דער עולם שוין נישט געקאָנט איינהאַלטען. הילכיגע יחי־אויסרופען האָבּען אָבּגעריסענע אין זאַל:

יחי הרב! זאָל לעבּען דער לובּלינער רב!

לובלינער רבנות

צוזאמען מיט די ישיבה־פייערליכקייטען האט אין דער זעלבער צייט די שטאדט לובלין איבערגעלעבט א פייערליכען מאמענט מיט'ן איבערגעבען דאס כסא־רבנות דעם נייעם רב, רבי מאיר שפירא ז"ל.

גלייך ווי דער קהלה־ראט האט אויסגעוועהלט דעם הרב שפירא אלס רב אין לובלין, איז אויסגעוועהלט געווארען א קבלת־פנים־קאמיטעט, אין וועלכען עס זענען אריין די חשוב'סטע בעלי־בתים און דעלעגאציעס פון פערשידענע מוסדות, וועלכע זענען גלייך צוגעטרעטען אויסצוארבייטען א פלאן ווי אזוי מקבל־פנים צו זיין דעם גרויסען רב.

די אמת'ע שמחה האט זיך אבער ערשט אנגעהויבען שבת.

לויט'ן פראגראם פון קבלת־פנים־קאמיטעט האט דער רב געדאוועגט אין דער מהרש"ל שוהל, וואו עס איז בעשטימט געווארען, אז דער רב וועט האלטען די ערשטע דרשה.

די גרויסע היסטארישע שוהל איז געווען איבערפולט איבער די ברעגעס און טויזענדער מענשען האבען זיך געפונען אין דרויסען, נישט האבענדיג די מעגליכקייט אריינצובעקומען זיך אין דער שוהל.

דער רב איז אנגעקומען אין דער שוהל אריין אין דער בעגלייטונג פון זיין פאטער און עטליכע דאזארעס. די שוהל־גבאים האבען צוגעפיהרט דעם מרא־דאתרא אויף זיין פלאץ, אויפ'ן ארט פון מהרש"ל ז"ל.

פאר קריאת־התורה האט דער רב בײ א פייערליכער שטילקייט אנגעהויבען זיין רבנות־דרשה:

די חז"ל זאגען: „במקום גדולים אל תעמוד". דער רב טייטשט־אויס: דארט, וואו גדולים זענען געשטאנען זאלסטו נישט זיין קיין עומד נאר א הולך. דער רב האפט, אז פערנעהמענדיג דעם כסא־רבנות אין לובלין, וואו עס האבען אנגעפיהרט מיט'ן רבנות די גרעסטע מנהיגים פון יודענטום, שטעהענדיג במקום גדולים, וועט ער נישט זיין קיין עומד, נאר א הולך פון איין שטאפעל צום אנדערען, פון איין מדרגה צו דער אנדערער, צו דערהויבען דעם גייסטיגען מצב פון דער שטאדט.

דער מדרש זאגט, אז ווען אברהם אבינו איז געגאנגען צוזאמען מיט זיין זוהן יצחק צו דער עקדה, האט ער געהאט אונגעהויערע שטערונגען. דא האט זיך דער שטן געשטעלט ווי א בארג, דא האט ער זיך צעגאסען ווי א טייך. אבער אברהם־אבינו האט גלייך דערקענט, אז דאס איז מעשה שטן און ער האט דערויף קיין אכט נישט געלעגט.

פרעגט מען די קשיא, פארוואס ער האט דערזעהן דעם איל, האט ער זיך אויך נעקאנט טראכטען, אז דאס איז מעשה שטן, אז דאס האט זיך דער שטן פערשטעלט פאר א'איל, כדי אברהמ'ן צו נארען?

נאר דער תירוץ איז: נאחז בסבך בקרניו. דער איל איז געווען פערפלאנטערט צווישען די צווייגען. עס איז נישט געווען קיין גלאטער איל, פונקט ווי עס איז געווען א גלאטער פליסענדער טייך, פונקט ווי עס איז פאר איהם געשטאנען א שעהנער הויכער בארג. דעם שטן'ס שטיקעל ארבייט קומט שטענדיג ארויס גלאט און פיין. אבער זעהענדיג דעם איל, ווי ער קעמפט מיט מסירות־נפש, פלאנטערט זיך צווישען די צווייגען, האט ער פערשטאנען, אז דאס איז אן'עכטער איל און ער האט איהם געבראכט אלס קרבן אויפ'ן מזבח אנשטאט זיין בן־יחיד.

אויך בײ אונז איז דאס זעלבע, ווען מיט'ן התמנות־הרבנות וואלט צוגעגאנגען גלאטיג, וואלט מען געקאנט האבען פחד, אז דאס איז מעשה שטן, ווען אבער מיר זעהען, אז עס איז געווען פערפלאנטערט בסבך בקרניו, זענען מיר זיכער, אז עס איז עילה לרצון...

די דרשה פון הרב שפירא, וועלכע האט געדויערט בכך־הכל א שעה צייט, האט ארויסגערופען א געוואלדיגע בעגייסטערונג ביים עולם צוהערער. און ווען דער רב ענדיגט זיין דרשה הילכט די שוהל פון די טויזענדער קולות, וואס ווינשען מזל־טוב און יחי רבינו!

נאָכ'ן דאַוונען האָט דער גאַנצער עמליכע טויזענט קעפּיגער עולם בעגלייט דעם בע־ליבטען רב צו דער ישיבה, וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ „מ ש" דער ישיבה־בנין איז געווען בעלאַגערט פון טויזענדער מענשען, אַלע ווילע האָט זיך אַרויסגעריסען פון אַלעמענס ברוסטען אַ פרישער זמר, וועלכער דער עולם אויפ'ן גרויסען פּלאַץ פאַר דער ישיבה האָט אויפגעכאַפּט.

לובלינער יודען ווינשען זיך מזל־טוב איינער דעם אַנדערען מיט טרערען אין די אויגען, וואָס האָבען זוכה געווען צו אַזאַ גרויסען רב און צו אַזאַ גרויסער שמחה.

די שמחה פון דעם דאָזיגען שבת, וועלכער האָט זיך פאַרצויגען ביז שפּעט אין דער נאַכט — ליגט נאָך איצט אין זכרון פון יודישען לובלין

די ענטוויקלונג פון ישיבת חכמי לובלין

די דריי יאָהר עקזיסטענץ פון ישיבת־חכמי־לובלין, האָבען ערשט פאַר אונז ענטפּלעקט די גענִיאַלע גרויסקייט פון רבי מאיר שפּירא זצ"ל. טראָגענדיג אויף זיינע פּלייצעס די אונגעהויערע מאַטעריעלע לאַסט פון דער ישיבה, האָט ער אָבער בעוויזען משפּיע צו זיין אויף זיינע תלמידים מיט זיין גדלות בתורה, מיט זיין אונערשיטערליכען אידעאַליזם, מיט זיין גרויסען מסירות־נפש פאַר'ן כלל־ישראל. די אַלזייטיגקייט פון דעם גרויסען גאון, האָט געווירקט אויף זיינע בעגאַבטע תלמידים ווי אַ לייכטענדע זון, וועלכע וואַרימט אויס די שמעקעוודיגסטע און שענסטע רויזען. די ישיבה איז תמיד געווען פול מיט חדוה, מיט דער פרייד פון שאַפען. די תלמידים זענען פון זייער רבי'ן ערצויגען געוואָרען אין אַן אַטמאָספערע פון גייסטיגער שעפערישקייט, ווירקזאַמקייט און מסירות־נפש'דיגער אחריות פאַר'ן כלל־ישראל. די וועלט האָט געשטוינט איבער דעם גרויסען גם פון הרמת קרן־התורה, וואָס איז אין דער ישיבת־לובלין געשאַפען געוואָרען. די ישיבה האָט געהאַט איהר בעדייטונג נישט בלויז פאַר איהרע עטליכע הונדערט תלמידים, נאָר זי איז געוואָרען די אָנציהונגס־קראַפט פאַר פיעל יונגע בחורים, וואָס אַ דראַנג פון קנאת סופרים האָט זיך אין זיי דערוועקט, כדי ווען־עס־איז צו קאָנען אַריינקומען אין דעם לובלינער פּראַכטיגען תורה־היכל. אויסערדעם איז די ישיבת־חכמי־לובלין געוואָרען דער לעבעדיגער פּראָטעסט געגען די גוים און ליידען, וואָס בחורים לומדי־תורה לעבען איבער און אַן'איבערברוך האָט עס געמאַכט אין דער פסיכיק פון די רעליגיעזע מאַסען, וועלכע האָבען דעם „פּת במלח תאכל ועל הארץ תישן" אויפגענומען נים ווי אַ טראַגעדיע, נאָר ווי עפּעס אַ געבאָט...

די דריי יאָהר ישיבת־חכמי־לובלין זענען געווען אַ טריאומף־מאַרש פון רבי מאיר שפּירא זצ"ל איבער דער יודישער וועלט. זיין אידעאַל צו הייבען דעם כבוד־התורה האָט זיך פולשטענדיג איינגעגעבען און די יודישע וועלט האָט ערוואַרט נאָך פיעל, פיעל לייסטונגען און גראַנדיעזע אויפטהוען פון דעם גרויסען פאָלקס־פיהרער און לעהרער, אָבער אינמיטען איז דאָס גרויסע אומגליק געשעהען...

די ענטשטעהונג פון ישיבת חכמי לובלין

נאָך אַלס גאָר יונגער מענש, האָט רבי מאיר שפּירא זיך געשטעלט פאַר זיין הייליגע אויפגאַבע איפצוהויבען דעם כבוד־התורה גאָר הויך און אַוועקשטעלען דעם ישיבה־בחור אין צענטער פון יודישען לעבען, ענטוויקלענדיג ביי איהם דאָס געפיהל פון זעלבסטווירדע. וואו ער געפינט זיך נאָר, איז ער מרביץ־תורה און ער נוצט אויס יעדע געלעגענהייט, כדי צו דעמאָנסטרירען דאָס חשיבות פון ישיבה־בחור אַלס דעם טרעגער פון אָריגינעלען יודישען פאָלקס־גייסט.

ווי ווייט ער איז אין אָט דער שטרעבונג געגאַנגען, כאַראַקטעריזירט אַ פאַקט, וואָס ער פלעגט דערצעהלען פון די ערשטע יאָהרען פון זיין רבנות־אַמט. אַ בעל־הבית, אַ גביר אין

בײם איבערגעבען דאָס כתב־רב נות דעם לובלינער רב זצ״ל



אַ תקיף אין שטעדטעל, האָט עפּעס געדאַרפט פון רב אַ טובה, ער זאָל זיך פאַר איהם משתדל זיין ביי דער מאַכט וועגען אַנ'ענין. דער רב האָט אָבער צוליעב איהם בעקאַנטע טעמים דעם בעל-הבית נישט געוואָלט אויפנעהמען. נישט האָבענדיג קיין אַנדערע עצה, איז דער בעל-הבית געפאַלען אויף אַנ'המצאה: ער האָט זיך געוואָנדען צום רב'ס בעליבסטען תלמיד, אַ 12-יעהריגען יונגעל, אַז ער זאָל פאַר זייגעטוועגען בעטען ביים רב. דאָ האָט דער רב גלייך ערפילט די בקשה פון זיין תלמיד... פון דאַמאָלט אָן האָבען די בעלי-בתים געוואוסט, אַז אויב מען דאַרף עפּעס פון רב אַ טובה טוז מען זיך ווענדען דורך דער פערמיטלונג פון אַ תלמיד...

זייענדיג אַדורכגעדרינגען מיט'ן אידעאַל צו הויבען דעם אָנזעהען פון די כחות לומדי-תורה איז איהם ענדליך געקומען אויפ'ן געדאַנק צו שאַפען אַ ריזיגען ישיבה-בנין, וואָס זאָל קודם-כל פערזאָרגען די בחורים מיט כל-טוב, אַז זיי זאָלען נישט דאַרפען בייגאַכט פינסטערען אין די געוועלבער און ליידען נויט. און דאַן, ווען זיי וועלען לעבען אין מענשליכע בעדינגונגען, וועט זיך בפילא שטאַרקען דאָס געפיהל פון זייער אייגענעם ווערט; לערנענדיג תורה בהרחבה ביי אַ שטאַרקער גייסטיגער השפעה, וועלען זיי אויסוואַקסען גדולי-ישראל בעלאָדענט מיט אַלע מעלות און פעהיגקייטען, וואָס עס איז נויטיג פאַר ריכטיגע מנהיגע ישראל.

זיין גרויס יודיש האַרץ האָט נישט געקאָנט מעהר צוזעהען דעם תהו-ובהו אין חינוך פון יונגען דור, ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען דאָס שפלות, אין וועלכען די לומדי-תורה האָבען זיך געפונען. ער האָט בעשלאָסען צו נעהמען זיך רעאַליזירען דעם גראַנדיעזען פּלאַן אויפצובויען די ישיבת-חכמי-לובלין.

גרויס איז געווען די התלהבות ביי דער גרונד-שטיין-לעגונג פון דעם גרויסען ישיבת-בנין אין לובלין. דער טאָג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ'אמת'דיגען פאָלקס-יום-טוב. הגם מען האָט נאָך נישט געוואוסט פונוואַנען עס וועלען זיך נעהמען די נויטיגע געלד-פאָנדען, איז אָבער דאָס פאָלק מיטגעריסען געוואָרען מיט דעם פעסטען און אונערשיטערליכען גלויבען פון דעם שעפער פון יח"ל.

גלייך האָט דער רב זיך גענומען מאַכען פון זיין פאַנטאַזיע — אַ ווירקליכקייט.

איבער גאַנץ אייראָפּאַ איז ער געפאָהרען. אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער האָט ער געטראָגען דעם גרויסען געדאַנק פון ישיבה-בוי און אומעטום אָנגעצינדען די הערצער מיט בעגייסטערונג פאַר דער גרויסער אידעע. ענדליך האָט ער אונטערגענומען זיין גרויסע נסיעה קיין אַמעריקאַ. 13 חדשים איז ער דאָרט געווען נע-ונד. 14 שטאַטען האָט ער בעזוכט אין דער לענג און אין דער בריים. 242 רעדעס האָט ער דאָרט געהאַלטען און 53.000 דאָלאַר האָט ער געזאַמעלט. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די נדבות זענען נישט געווען פון יחידים-גבירים, נאָר פון דער מאַסע, פון פאָלקס-גראָשען. דער רב האָט מיט זיין אימפּאָנירענדער וואָרט מיטגעריסען די מאַסען און אין זיי דערוועקט אַ ליבשאַפט צו דער תורה. אַנ'אַמעריקאַנער רב האָט אויף איהם ריכטיג געזאָגט די מליצה: „בר"ם (242 — אַ רמז אויף זיינע געהאַלטענע רעדעס...) זכר אותו האיש לטוב, שאלמלא הוא נשתכחה תורה מישראל"...

ענדליך האָט דער רב דערגרייכט זיין ציעל. דאָס בנין פון ישיבת-חכמי-לובלין איז פערטיג. דאָס האָט איהם געקאָסט געוואַלדיגע מיה און אָנשטרענגונג. ער איז ביי דעם בנין גרוי געוואָרען פון די פערשידענע מאָמענטען פון פערצווייפלונג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. אָבער ווען ער האָט ענדליך געזעהען די פרוכט פון זיין אַרבייט, איז ער געווען גליקליך פאַר שמחה און מיט אַ געפיהל פון דערהויבענקייט און האָפנונג, איז ער צוגעטרעטען צו דער פייערליכער ערעפנונג פון דער ישיבה...

לאָדזער רבנות

די פּאָפּולאַריטעט פון לובלינער רב זצ״ל איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג. אין דער לעצטער צייט האָט די לאָדזער קהלה בעשלאָסען צו אַנגאַזשירען דעם לובלינער רב אַלס הויפּט־רב פון דער לאָדזער קהלה.

די פערהאַנדלונגען צווישען די פאָרשטעהער פון דער לאָדזער קהלה מיט'ן לובלינער רב איז שוין ווייט אַוועק. לאָדז האָט זיך מתחייב געווען צו דעקען דעם חוב פון דער ישיבה מיט 50.000 זל., מיט אַ נעהערינגען געהאַלט פאַר'ן רב, ווי אויך מיט אַ שטענדיגער חודש־תמיכה פאַר דער ישיבה.

און פּלוצלונג אומגעריכט פאַר זיך, פאַר זיינע נאָהנטע, פאַר זיינע פיעל טויזענדער פריינד און פערעהרער און פאַר'ן גאַנצען כלל ישראל — איז געקומען די שרעקליכע בשורה, אַז דער לובלינער רב, רבי מאיר שפירא זצ״ל, איז נסתלק געוואָרען.

די לעצטע טעג פון לובלינער רב זצ״ל

דעם לעצטען יום־טוב פון זמן־שמחתנו אין לובלין, איז נישט מעגליך אין דער אָרימער מענשליכער שפּראַך צו שילדערען.

מי שלא ראה שמחה זו — לא ראה שמחה מימיו.

ליל שמיני עצרת צו די הקפות איז דער רב אַוועק אין בית המדרש פון חוזה זצ״ל דאַוועגען מעריב און אָפּריכטען הקפות.

ער האָט מסביר געווען אויף זיין שמייגער:

היות ווי ער האָט אַ מנהג, זייט צוויי יאָהר צו דאַווענען און צו זאָגען הלל אין חוזה'ס ביהמ״ד די ערשטע נאַכט פסח — היי־יאָהר אָבער וועט ער פסח נישט דאַוועגען — ער רעכענט צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל... דעריבער וויל ער די דאָזיגע חזקה פערשטאַרקען, דערמיט, וואָס ער וועט אָפּריכטען הקפות אין דאָזיגען הייליגען מקום...

שוין איין מאָל זענען דאָס געווען הקפות.

פאָראויס איז נעגאַנגען דער רב זצ״ל מיט דער ספר־תורה אין האַנד, זיין ליכטיגע צורה האָט געשיינט און נאָך איהם אַ גרופּע תלמידים מיט סלאַוואוטער ש״ס־גמרות אין די הענד (דער רב האָט זיך נוהג געווען צו מאַכען הקפות נישט בלויז מיט תורה־שבכתב, נאָך אויך מיט תורה־שבעל־פה) און די שמחה, דאָס געזאַנג, די פרייד האָט אַלעמען מיטגעריסען, אפילו די פרייע עלעמענטען. די לובלינער „ברית־החייל" זענען געקומען צום רב'ס הקפות און דער רב האָט זיך מיט זיי שטאַרק געפרעהט...

צומאָרגענס, שמיני עצרת, האָט ער געדאַווענט אין מהרש״ל'ס שוהל.

צו שחרית האָט ער אַוועקגעשטעלט ביים עמוד זיין יונגסטען 13־יעהריגען ליבען תלמיד און וואונדערבאַרער בעל־תפילה יעקעלע האם פון יאַראָסלאַוו. דאָס דאַוועגען פון יונגען חזן האָט אַלעמען בעצויבערט און אַרויסגעבראַכט פון די כלים. און צו תפלת־גשם האָט דער רב אַליין געדאַווענט אַלס שליח־ציבור.

שוין איינמאָל געווען אַ גשם: די פאָדלאָגע פון דער שוהל איז געווען נאַס פון טרעהרען. אַ געוויינעריי. ווי צו כל־נדרי. אָבער פאַרוואָס און פאַר ווען מען וויינט אַזוי — האָט קיינער נישט געוואוסט...

דער אַריינמאַרש פון דער מהרש״ל־שוהל צו דער ישיבת חכמי לובלין — איז געווען אַנ'אמת'ער טריומף־צוג און אַ גרויסע תורה־דעמאָנסטראַציע.

דער רב אין בעגלייטונג פון זיינע 200 תלמידים אַרומגענומען מיט אַ קייט פון די ברית־החייל'ניקעס, זענען געגאַנגען איבער די גאַסען פון לובלין און געזונגען און געטאַנצט.

פון אַלע פענסטער און באַלקאָנען האָט מען אַרויסגעטראָגען ברענענדע ליכט און צוגעפּאַטשט מיט די הענד — אַ שמחה — אין לשער ואין לספר...

אַזוי זענען אַריבער די יום־טוב־טעג אין אַ געהויבענער שטימונג.

זונטאָג, פ׳ נח, האָט דער רב בעת דער סעודה צוזאַמען מיט זיינע תּלמידים, געהאַלטן אַ התלהבות׳דיגע דרשה און בעזונדערס זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן מאמר חז״ל:

מינן מלכי, מינן אפרכי (פון אונז — מלכים. פון אונז — מושלים).

געמיינט האָט ער דערמיט צו זאָגן, אַז עס איז שוין צייט, אַז אויך די גייסטיגע מדרגה פון דער ישיבה זאָל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אייגענע, פון תּלמידים, און מני׳ ובי׳ האָט ער אויסגעוועהלט איינעם פון זיינע תּלמידים, ר׳ יוסי כּאַראַוואָוער, אַלס משגיח, אַלס לייטער, און איינגעלאַדען איהם צו זיך.

ר׳ יוסי כּאַראַוואָוער האָט תּיכף אָנגעהויבן האַלטן אַ פּראָגראַם־רעדע, ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאָר די הנהגה פון דער ישיבה.

אַזוי זענען אַריבער די נאָך־יום־טוב־טעג. דאָס ענין מיט׳ן לאַדזער רבנות האָט אין שטאָדט און אין דער ישיבה געפונען אַ שטאַרקען אָבקלאַנג. אין שטאָדט איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיטעט „למען הרב״, נישט אַרויסצולאָזען דעם רב בשום־אופן. דערביי האָבען זיך די לובלינער בעלי־בתּים געזאָלט מתחייב זיין מיט 50.000 זל. לטובת דער חובות־אַקציע פון דער ישיבה. פון דער אַנדערער זייט זענען די הויפּט־בעדינגונגען פון ענין לאָדזער רבנות געווען אַן׳אָנגעזעהענע סומע לטובת דער ישיבה. דאָס האָט געלאָקט...

זונטאָג, פּ׳ נח, איז געקומען קיין לובלין איינער פון די עלטערע און געהונגערטע תּלמידים פון גאַליציען, וועלכער האָט מיטגעבראַכט אַ יונגעל אין דער מכינה. דער רב האָט זיך שטאַרק מיט איהם געפרעהט און אויסגערופען צו איהם:

— שמעריל, גוט וואָס דו ביזט געקומען. דאָס ברענגען דעם תּלמיד אין דער מכינה איז נאָר געווען אַ סיבּה. גוט, וואָס דו ביזט געקומען...

אין זעלבען טאָג האָט ער מיט׳ן דאָזיגען תּלמיד אַ סך שפּאַצירט אין גאָרטען פון דער ישיבה און געשמועסט מיט איהם וועגען עניני הישיבה און לאָדזער רבנות.

— איך האַלט, אַז דאָס געלד פון לאָדזער רבנות איז נאָר אַ פּתח. אַ גרויסען טייל פון חוב וועט מען דעקען אויף אַן׳אַנדערען אופן.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבען:

— אית מאן דפרע בגופי׳ ואית מאן דפרע בממוני׳ (איינער צאָהלט מיט׳ן גוף און איינער צאָהלט מיט געלד).

שפּעטער האָט מען פערשטאַנען, אַז דאָס האָט ער געמיינט די אַסעקוראַציע־סומע פון דער געזעלשאַפט „פּשעזאָרנאָשטש״.

אַן׳אַנדערש מאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט:

— דעם חוב וועל איך פּטר׳ן מיט מיתת הבעל...

געמיינט האָט מען, אַז דאָס איז אַ ווערטעל אַזאַ, ליידער איז עס אָבער געוואָרען אַ טרויעריגער פאַקט...

דער לעצטער שבת איז געווען פול מיט שנויים. אָבער מען האָט אויף זיי נישט געלעגט קיין אַכט.

ביים זאָגען „אשת חייל״, האָט דער רב ספּעציעל אַקצענטירט דעם פּסוק: „ותשחק ליום אחרון״. דאָס דאָזיגע האָט ער איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל מיט גרויס דבקות.

אין ישיבה איז אַ מנהג צו זינגען יעדען פרייטאָג־צו־נאַכטס דעם אבן־עזרא׳ס זמר: „לבי ובשרי ירננו לא׳ חי״. אין דעם דאָזיגען זמר האָט דער רב זצ״ל דעם לעצטען סטראָף איבערגעאַנדערש און לייטעט אַזוי: „אזלת ידנו, ותש כוחנו, ובת־קול תנחמנו עוד אביכם חי״.

דעם לעצטען פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט מען דעם דאָזיגען זמר נישט געזונגען...

מאָנטאָג, פּ׳ לך, ווען ער איז צוריקגעקומען פון עקר הספרים, האָט דער רב ערקלערט, אַז עס שווינדעלט איהם שטאַרק און געלעגט זיך אין בעט אַריין.

דינסטאָג אין דער פריה איז איהם נישט בעסער געוואָרען. פערקעהרט, ער האָט בעקומען אַ שטאַרקע היץ. ער איז שוין נישט אַריינגעקומען צום שיעור.

שפּעטער האָט דער רב געלאָזט אַריינרופען צוויי תּלמידים מנגנים און געהייסען זיי זינגען דעם מזמור „יענך ה׳ ביום צרה״.

מיטאָג־צייט האָט די טעמפעראַטור געהאַלטן 39. מען האָט געשיקט נאָך א דאָק־טאָר און דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַנ׳אַנגינע.

ער האָט זיך אָבער געהייסן וואַרפן די ישיבה־פאַסט. אינטערעסירט זיך מיט אַלע ענינים און אַרומגערעדט מיט׳ן ישיבה־לייטער וועגן דער ראַטע, וואָס מען דאַרף באַצאָ־לן אין דער ווירטשאַפטס־באַנק.

דינסטאָג ביינאַכט איז געקומען א צווייטער דאָקטאָר, פעסטגעשטעלט דעם זעלבן דיאַגנאָז : א געוועהנליכע האַלז־קראַנקהייט.

ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק, האָט דער רב געהייסן אָפּשפּרעכן אַנ׳עין־הרע...

אין דעם זעלבן אָוונט האָט ער אויפגענומען א דעלעגאַציע פון דער חברה ביקור־חולים, וועלכע האָבן געבעטן, אַז ער זאָל זיי ערלויבן דעם יונגן בעל־תפילה יעקעלע האָס צו דאַווענען שבת, פ׳ וירא, לטובת דער געזעלשאַפט.

דער רב האָט די דעלעגאַציע זעהר וואַרים אויפגענומען און פערשפּראָכן צו ערפילען זייער בקשה. דערביי האָט ער צוגעגעבן, ווען ג—ט וועט איהם לאָזן, לעבן, וועט ער אויך זיין ביים דאַווענען אין שוהל...

מיטוואָך איז איהם שוין שווער געווען צו רעדן. ער האָט שוין די פּאָסט נישט פערלאַנגט דורכצוקוקען.

מען האָט בסדר געמאַכט פּאַרע אין האַלז אָבער עס האָט ווייניג־וואָס געהאָלפן.

אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטאָג 2 אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער געהייסן אַרייגרופען צו זיך דעם משמר־תלמידים, וואָס לערנען אין שיעור־זאַל און געהייסן זיי זינגען דעם פּיוט : „להתודע ולהתגלות”...

דעם דאָזיגען פּיוט זינגט מען אין ישיבה יום־הקדוש אינמיטען דער נאַכט. בשעת מען וועקט־אויף די תלמידים צו עבודת־הבורא.

די זעלבע נאַכט האָט ער מעהר קיין אויג נישט געקאָנט צו־מאַכן. געהאַט א שרעק־ליכע נערוואָזיטעט.

דאָנערשטאָג אין דער פריה האָט מען געפרעגט צי מען זאָל רופען דאָקטוירים. אין תחילת האָט ער נישט מסכים זעווען דערצו. שפּעטער האָט ער שוין יאָ מסכים געווען, בתנאי, אַז זיין ידיד־נאמן, דער לובלינער רבי ר׳ שלמה אייגער, זאָל זיין דערביי.

דער דאָקטאָר האָט ווידער קיין איבערלישעס נישט געזעהן און אַלעמען בערוהיגט.

נאָכ׳ן דאָקטאָר׳ס אַוועקגעהן האָט ער געשמועסט מיט׳ן לובלינער רבי׳ן און אוים־געדריקט זיך, אַז ער האָט נישט קיין צייט קראַנק צו זיין...

ער האָט אויך געשמועסט מיט די תלמידים און געזאָגט זיי : די חז״ל זאָגען: יסורין ממרקין עוונותיו של אדם, און „אין ממנין פרנס על הציבור אלא א״כ מוחלין לו כל עונותיו”. ביי איהם קומט עס אוים אין דאָפּעלטן, אי יסורים, אי התמנות (געמיינט דאָס לאָדזער רבנות).

ה׳ שלמה האַלבערשטאַדט האָט איהם אויך געוויזען א בריעף פון אייגעם פון די גדולי ישראל און א פערזענליכער ידיד נאמן פון רב זצ״ל, וועלכער ווינשט איהם מז״ט צום לאָדזער רבנות. דער רב האָט איבערגעלייענט דעם בריעף און מען האָט אין איהם דער־קענט, אַז ער האָט שטאַרק הנאה דערפון.

די תלמידים, זעהענדיג, אַז דער רב ווערט בסדר שוואַכער, האָבן זיי איהם גע־פרעגט, צי זיי זאָלען זאָגען תהלים. ער האָט זיי ענטשידען פערבאָטען.

— האַלט מיך נאָר נישט פאַר אַזאַ חולה ! — איז געווען זיין ענטפער.

אין לעצטען טאָג פון זיין לעבן איז איהם שווער אָנגעקומען דאָס דאַווענען. א תלמיד האָט איהם געמוזט אַרומוויקלען די רציעות פון די תפילין. דאָס דאַווענען האָט געדויערט העבער 2 שעה.

שפּעטער האָט דער רב אויפגעהערט צו רעדן און אַלץ, וואָס ער האָט פערלאַנגט, האָט ער דערלאַנגט בכתב.

דאָנערשטאָג פאַרנאַכט האָט ער נאָך לאַנגע השתדלות ענדליך אַרייגערופען א מנין

תּלמידים און געהייסען זיי אַרויסגעהן אויס'ן אַלטען בית־החיים מתפּלל זיין „שהבריאים לא יחלו והחולאים יתרפאו", ד. ה. מען זאָל מתפּלל זיין בּדרך הכלל: אַז געזונדטע זאָלען נישט קראַנק ווערען און די קראַנקע זאָלען געזונד ווערען.

בּייטאָגס איז פאָרגעקומען אַ קאָנסוליום פון עטליכע דאָקטוירים. מען האָט געמאַכט אַן'אַנאַליז, וועלכע האָט געגעבען אַ בּעפרידיגענדען רעזולטאַט.

די דאָקטוירים האָבען קיין שום קאָמפּליקאַציעס נישט געזעהען.

ווען די דאָקטוירים האָבען פערלאָזט דאָס צימער פון גרויסען חולה, האָט זיך דער לובּלינער רבּי צו זיי געווענדעט:

— מיינע ליבּע פריינד, איהר זאָלט וויסען, אַז איהר נעהמט אויף זיך אַ גרויסע אחריות. דער דאָזיגער חולה איז אַ וועלט־מענש. טאָמער, אויבּ איהר געפינט עפּיס נישט ווי עס דאַרף צו זיין, קיין געלד שפּילט קיין ראָלע נישט. מיר זענען גרייט אַרויסצורופען דאָקטוירים פון וואַרשאַ, פון וויען, פון בּערלין.

די דאָקטוירים האָבען ווידער בּערוהיגט און זענען אַוועק.

דערנאָך האָט ער געשיקט רופען דעם 90־יעהריגען לובּלינער רפאל פעלדשער, וועלכער האָט געמאַכט אַ פּאַרובּקע און דער חולה האָט זיך אַבּיסעל בּעסער געפיהלט.

ער האָט געהייסען אַריינרופען אַ מנין, וועלכע זאָלען דאַווענען מעריב בּיי איהם אין צימער און איהם מוציא־זיין מיט'ן דאַווענען. אַליין האָט ער שוין נישט געקאָנט דאַווענען.

בּיינאַכט איז געקומען מבקר־חולה־זיין ה' שמואל אייכענבּוים און פערבּראַכט בּיי איהם בּיז האַלבּ 2.

2 אַזייגער בּיינאַכט האָט ער זיך געהייסען אַדורכרייניגען דעם מאָגען.

די תּלמידים האָבען עס אָבער נישט געוואָלט מאַכען אויף אייגענער אחריות און גענומען קלינגען טעלעפאָניש צום דאָקטאָר.

היות ווי עס איז שווער געווען צו בּעקומען אַ טעלעפאָנישע פערבּינדונג מיט'ן דאָקטאָר, האָט דער רבּ זיך עטליכע מאָל איבּערגעפרעגט:

— וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? איך הייס מאַכען...

נאָכדעם, ווי מען האָט עס איהם געמאַכט, האָט ער זיך געוואַשען די הענט און זיך אַבּיסעל בּערוהיגט.

אין אַ האַלבּער שעה אַרום האָט ער זיך געווענדעט צו די אָנוועזענדע:

— אפשר קאָנט איהר מיך אַריבּערטראָגען אין דער סאַלע?

די סאַלע האָט ער געמיינט זיין אויפנאַהמס־צימער, אַ גרויס צימער מיט 2 מהירען.

האָט מען גענומען מאַכען די הכנות פון איבּערטראָגען דאָס בּעט אין דעם דאָזיגען זאַל.

מען האָט דעם חולה אַרויפגעלעגט אויף דער סאָפע און אַזוי־אַרום איהם געטראָגען.

בּעת מען האָט איהם אַרויפגעלעגט אויף דער סאָפע, האָט ער נאָך געפּרובּט אַראָבּשטעלען אַ פוס אויף דער ערד, אפשר וועט ער נאָך קאָנען געהן מיט אייגענע כחות.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אויף די מהירען פון דעם דאָזיגען צימער געפינען זיך די שילדלעך פון די מנדבים, אויף וועלכע איין שילדעל ווייזט, אַז מנדבֿ־געווען צום אויספערטיגען דאָס צימער האָט די חברה ביקור־חולים אין משיקאַגאָ און דאָס צווייטע שילדעל — פון דער חברה חסד־של־אמת פון סט.־לואי...

ווען דער רבּ האָט זיך שוין געפינען אין דעם דאָזיגען צימער, האָט ער פּלוצלונג בּעקומען אַ שינוי אין מראה.

די רביצין האָט אָנגעהויבּען שטאַרק וויינען, האָט דער רבּ צו איהר אויסגערופען:

— וואָס וויינסטו, עס געהט איצט די אמת'ע שמחה...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געבּעטען אַ העמד, וועלכעס ער האָט איבּערגעטהון...

דערנאָך האָט ער געבּעטען אַ בּליישטיפט מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר, אויף וועלכען ער האָט מיט אַ צובּראָכען כתב אויפגעשריבּען די דריי לעצטע ווערטער:

„ט ר י נ ק ט א ל ע ל ח י י ם"!...

מען האָט געבּראַכט בּראָנפען מיט פערבּייסעכץ, יעדער תּלמיד איז צוגעגאַנגען

טיגשען לחיים. דער רב האָט יעדענס האַנד געהאַלטען גאַנץ לאַנג...

אין אַ זייט איז געשטאַנען דער יוה, וואָס האָט דעם בופעט אין דער ישיבה, וועל־כער האָט נישט געהאַט די הדייסטקייט צוצוגעהן צום רב לחיים־ווינשען, האָט דער רב איהם צוגערופען, געהייסען געהמען אַביסעל בראָנפען און געהאַלטען זיין האַנד גאַנצע 5 מינוט... נאָכ'ן בראָנפען־טרינקען האָט ער געהייסען מאַכען אַ ריקוד'ל.

— זינגט „בך בטחו אבותינו! — האָט דער רב געגעבען דעם לעצטען בעפעהל צו זיינע תלמידים.

די תלמידים האָבען פרום דעם בעט פון זייער רבי'ן אָנגעהויבען טאַנצען און זינגען:

— בך בט—חו אבו—תינו, בטחו ותפלטמו!... און דער רב האָט צוגעמאַכט מיט די הענד, ווי זיין שטייגער איז געווען.

אַזוי האָט עס געדויערט עטליכע מינוט און אייגציגווייז האָבען זיך די תלמידים אַרויסגעשלייכט פון צימער, אַריין אין שיעור־זאַל און גענומען זאָגען תהלים מיט גרוים בכיות און יללות.

דער אָפּקלאַנג פון די יללות האָט דערגרייכט צו די אויערן פון רב און ער האָט צונעריפען דעם דיזשורירענדען תלמיד און אַ שעפּטשע־געטהון צו איהם זיין לעצט וואָרט:

— נאָר שמחה!...

דאַן האָט ער ווידער גענומען די האַנד פון דאָזיגען תלמיד (זיין נאָמען איז דוד חייסבראָט, פון אָטוואָצק) און לאַנג, לאַנג געדריקט...

פּלוצלינג האָט דער תלמיד דערפיהלט, אַז דאָס האַנד־דרוקען פון רב איז עפּיס אַ קראַמפּהאַפטעס.

האָט ער אַרויסגעריסען זיין האַנד פון רבינ'ס האַנד און געמאַכט אַ געוואַלד.

אין זעלבען מאָמענט האָט דער הייליגער לובלינער רב אַ קנאַק־געטהון מיט די פינגער און דערביי איז געווען יציאת־נשמה — — — —

דער תלמיד איז אַריינגעלאָפען אין שיעור־זאַל, ווי מען האָט אייגגעריסען און אַ תלמיד האָט אויסגערופען:

— ווער וויל אַוועקשענקען דעם רבי'ן פון זיינע יאָהרען?

האָט זיך געהערט אַ מעכטיגער אויסגעשריי:

— אַלע! אַלע!

אָבער אין זעלבען מאָמענט איז דוד אָטוואָצקער אַריינגעלאָפען אין שיעור־זאַל און אויסגערופען:

— ברידער, דער רבי איז שוין נישטאָ!...

ווער איז אימשטאַנד צו שילדערען, וואָס עס האָט זיך אָבגעשפּילט אין יענעם מאָ־מענט אין שיעור־זאַל פון ישיבת חכמי לובלין.

אַלע תלמידים האָבען זיך אַנידער געוואָרפען אויף דער ערד און אָראָבגעריסען פון זיך די מלבושים און ספּאַזמירט און געליאַרעמט און געקלאָגט:

— דער רבי איז נישטאָ!

— אונזער טאַטע איז אומגעקומען!

— די קרוין פון אונזער קאָפּ!

— דער „אור המאיר" איז אויסגעלאָשען געוואָרען!

און געשעהן איז דאָס אין דער נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג, ז' מרחשון תרצ"ד, האַלב 4 אַ זייגער פאַרטאָג.

דאַמאָלט איז נסתלק געוואָרען הגאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל, אין עלטער פון 46 יאָהר מיט 8 חדשים.

הוי, מי יתן תמורתו..

נאָך דער הסתלקות

4 אזייגער פאַרטאָג, תיכף נאָך דער הסתלקות איז געקומען אין ישיבה אַריין דער אוהב־נאמן, און יד־ימינו פון נפטר־געהאָרענעם רב זצ״ל — דער לובלינער רבי ר' שלמה אייגער שליט״א.

אויף איהם האָט דער נפטר זצ״ל געלעגט גרויסע האָפנונגען. מיט איהם האָט ער לעצטענס זעהר א סך פערבראַכט, עצות געהאַלטען ביי פערשידענע ענינים און בדעה־געהאַט, דאָס אין פאַל, ווען ער וועט איבערגעהמען דאָס לאַנדער רבנות זאָל דער לובלינער רבי דערוויל איבערנעהמען די הנהגה פון דער ישיבה...

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען דעם רושם, וואָס די פלוצלונגע הסתלקות פון רב זצ״ל האָט אויף איהם געמאַכט. ווי א קליין קינד האָט ער זיך צעוויינט — און צוזאַמען מיט איהם — אַלע אַרומיגע, און זיך נאָרגישט געקאָנט פאַסען.

אויף דער עהד זענען געלעגען דעם רב'ס קינדער — תלמידים, און געקורטשעט זיך אין מוראַ'דיגען צער, אין שרעקליכען געוויין.

דאָס צימער, וואו דער לובלינער רב זצ״ל איז נפטר געוואָרען, האָט מען לעדיג געמאַכט און אָבגעהויבען דעם נפטר. אַרומגעשטעלט פיעל ליכט און אַלע תלמידים האָבען זיך ארומגעשטעלט און גענומען לערנען משניות.

גלייכצייטיג איז געשאַפען געוואָרען א קאָמיטעט פון די 10 פון די גדולי־הישיבה אָנצופיהרען מיט אַלע ישיבה־ענינים.

10 אזייגער ביי־טאָג איז פאָרגעקומען א טרויער־זיצונג פון דער לובלינער קהלה, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט אַלע פרנסים און דאָזאָרעם פון אַלע ריכטונגען און פאַר־טייען מיט די פרעזעסען זילבער און לעווענסאָן בראש און דער גאַנצער לובלינער ראַבינאַט.

עס זענען צו דער זיצונג אויך געקומען די רביים פון לובלין, ביאַלע און טריסק.

די לאָמפען ברענען אין זיצונגס־זאַל פון דער קהלה. עס ברענען אויך פיעל ליכט. די רעדנער שטיקען זיך מיט זייערע טרעהרען און קאָנען בשום אופן נישט רעדען...

דער טעלעפאָן און דער טעלעגראַף אַרבייט מעשים. מען איז מודיע דער גאַנצער וועלט וועגען דער גרויסער אבידה, וואָס דאָס יודענטום האָט געהאַט.

דער ישיבה־טעלעפאָן קלינגט אָהן אויפהער. מען פרעגט זיך אָן פרטים פון דער פטירה, ווייל וואו עס קומט־אָן די שרעקליכע ידיעה — וויל קיינער נישט גלויבען. אין די דערהאַלטענע דעפעשען, אַז דער לובלינער רב איז נישטאָ. מען רעכענט, אַז דאָס איז א שטי־קעל פון ביזוויליגע מענשען. ווייל ווי־אַרום קאָן זיך גלויבען, אַז דער מענש, וואָס איז געווען פול מיט לעבען און אַריינגעבראַכט חיות און שמחה אין צעהנדליגער טויזענדער מענשען, אַז דער דאָזיגער קוואַל פון חיות לעבט נישט מעהר.

אין דער שטאָדט לובלין איז די שמערצליכע בשורה געפאַלען, ווי א דונער אין מיטען העלען טאָג. אַ'אמת'ע חורבן־שטימונג אין שטאָדט. מענשען שטעהען אין גאַס און וויינען ווי קליינע קינדער. לובלין האָט זיך ערשט אין די לעצטע טעג אָנגעהויבען קענען אויף זייער רב, אָנגעהויבען פיהלען, וואָסער ציהרונג דער גאון איז פאַר זיי. און פלוצלונג — נישטאָ מעהר דער רב, נסתלק געוואָרען!...

אין גאַס הויבען זיך אָן בעווייזען טרויער־מודעות מיט דעם פאָלגענדען אינהאַלט:

קרעו לבבכם ואל בגדיכם!

כל ראש לחלי וכל לבב דוי!

עומדים אנו לקראת צלמות הנורא והאיום!

גלה כבוד מישראל!

נלקח ארון מישראל!

הוסרה עטרה מראש כל ארם!

אין די שבחים, וואָס ווערען געזאָגט אין דער טרויער־מודעה נאָכ'ן גרויסען נפטר, ווערט געזאָגט:

ראש שבטי ישראל, לב האומה, דמות האדם בצלם האלקים. מאיר עיני הגולה, שר ישראל, רכבו ופרשיו גאון עולם, מופת הדור קברניטי יועצו ומשרתו. עבד ד׳ נאמן ומסור לעדתו וכו׳ וכו׳.

דער רושם איז אונבעשרייבליך, אין פיעל שוי-פענסטער הויבען זיך אן בעווייזען די דאזיגע טרויער-מודעות מיט׳ן בילד פון גרויסען נפטר, פאר וועלכע עס זאמלען זיך גרופען און קלאגען און וויינען און ברעכען די הענד.

דער צער איז אנ׳אלגעמיינער. פון די גדולי-ישראל, די רביים און רבנים, די ראשי הקהלה ביז צו דעם פחות-שבפחותים. עס וויינען די בונדיסטען. פונקט ווי עס קלאגען די ארטאדאקסען. צווישען די טרעגער און מארק-שטעהער — א געקלאגעריי און א געקרעכצעריי.

נעבען מיר שטעהט א פשוט׳ער בעל-עגלה און רעדט צו מיר מיט א וויינענדיג קול און פערטרעהרטע אויגען:

— גלויבט מיר, מיין פריינד, איך בין א טאטע פון 5 קליינע קינדער. ..ען כ׳האב געהערט די ידיעה, אז דער רבי איז נישטא, האב איך אויסגערופען צו די בעלי-עגלות, יודען און קריסטען, אז ווען מען זאל מיר פריהער זאגען: לעג דיר אוועק א טויטער. וועט דער צדיק בלייבען לעבען, וואלט איך גרייט געווען מיט שמחה צו שטארבען, כדי צו זיין א כפרה פאר׳ן צדיק, ווייל נאד מיר וועלען טרויערען בלויז 5 קינדער און נאד דעם הייליגען רבי׳ן טרויערט די גאנצע וועלט...

דער צער איז געווען אזוי גרויס, אז נישט מען האט געגעסען, נישט מען האט גע-האנדעלט, נישט מען האט געארבייט — חושך איז געווען אין לובלין.

11 אזייגער בייטאג זענען אויף דער פאדערונג פון לובלינער ראבינאט געשלאסען געווארען אלע געשעפטען, אבגעשטעלט געווארען די ארבייט אין אלע ווארשטאטען. יעדער האט געווארפען זיין בעשעפטיגונג.

די ביטול-מלאכה האט געדויערט ביז 1 אזייגער.

די עקסטרא טרויער-אויסגאבע פון דער ארטיגער צייטונג איז מאמענטאל צוכאפט געווארען. לובלין האט אויסגעזעהען, ווי איינגעהילט אין שווארצען טרויער.

אויך אין דער נישט-יודישער וועלט איז דער טרויער גרויס. דער רב איז געווען בעליבט ביי נישט-יודען אויך. דער וואיעוואדא האט איהם שטארק פערעהרט. און עס איז נישט געווען קיין איין ענין, וואס דער רב זאל ביי איהם בעטען, אז דער וואיעוואדא זאל אבזאגען.

די שטאדטישע מאכט געדענקט נאך די רעדע אין דער פוילישער שפראך, וואס דער רב זצ״ל האט געהאלטען אין דעם לעצטען 19-טען מערץ, אין נאמענס-טאג פון מאר-שאל פילסודסקי. דאס התפעלות איז געווען אונגעהויער גרויס, אז דער וואיעוואדא האט זיך רעמאלט אויסגעדריקט צו א לובלינער כלל-טוער:

— אט דאס הייסט א גרויסער פוילישער פאטריאט! דאס איז א מענש, פאר וועל-כען מיר אלע בויגען די קעפ.

און דא פלוצלונג — דער רב איז נסתלק געווארען, און אזוי יונג!...

קומען דעלעגאציעס פון פערשידענע מלוכה׳שע קערפערשאפטען און אינסטיטוציעס און דריקען-אויס זייער מיטגעפיהל דער קהלה, פרעגען זיך אויס די פרטים פון דער פטירה און זאגען-אז זייער אנטייל אין דער לוי׳.

דער שול-אינספעקטאר נים-ארויס א פעראָרדנונג, אז אלע שול קינדער, אהן אונ-טערשיד פון גלויבען זאלען זיך בעטייליגען אין דעם לוי׳-צוג.

דער פוילישער ראדיא האט 1 אזייגער בייטאג מפרסם געמאכט פאר דער גאנצער וועלט, אז דער לובלינער רב נעמינט זיך מעהר נישט צווישען די לעבעדיגע.

א פאלקס טרויער איז פולסטען זין פון װארט.

דערווייל דערנעהנטערט זיך דער הייליגער שבת. פערפאלען, מען מוז בעהערשען דעם צער, די וועהטאג, ווייל דער אויבערשטער, ברוך-הוא, האט אזוי געהייסען!...

אויך אין דער ישיבה האָט יעדער געמוזט איינהאַלטען דעם פריוער, ווייל עס געהט צו שבת־קודש.

די רביצין אין איהר גרויסען אונגליק און שרעקליכען צער, וואָס איהר איינציגער און טייערסטער און נאָהנטסטער איז אַוועקגענומען געוואָרען — געדענקט דאָך צו דערמאָהנען, אַז די ישיבה־קיך זאָל צוגרייטען די מאכלי־שבת פאַר די 200 ישיבה־קינדער, וועלכע האָבען אַ גאַנצען טאָג נישט גענומען דאָס מינדסטע אין מויל אַריין.

די האַלטונג פון דער רביצין האָט אַרויסגערופען נישט נאָר בעוואונדערונג, נאָר ממש שטוינונג און דרך־ארץ, איבערהויפּט האָט די בעוואונדערונג צו דער דאָזיגער פרוי זיך פערשטאַרקט מיט'ן אָנקומען פון שבת.

עטליכע מינוט פאַר שבת האָט די רביצין אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די פריוער־קליידער, אָנגעטהון די בגדי־שבת און אַריין ליכט־צינדען אין דעם צימער, וואו איהר גרויסער און הייליגער מאַן איז געלעגען.

פאַר ליכט־צינדען האָט זי אויסגערופען צום גרויסען נפטר:

— הייליגער רבי! שטענדיג האָב איך געשטרעבט און געהאָפט, אַז איך זאָל פריהער אַוועק פון דער וועלט פאַר דיר, ווייל וואָס מ'שטיינסגעזאָגט האָט אַ חשיבות מיינע פאַר יאָהר לעבען לגבי דיינע לעבענס־טעג. דיין איין טאָג לעבען האָט דאָך מעהר חשיבות, ווי מיין גאַנץ לעבען!...

— אָבער געשעהן איז אַנדערש, ג־־ט האָט אַזוי געוואָלט. בעט איך דיך, הייליגער מאַן, בעמיה־זשע זיך, אַז דאָס דאָזיגע מלכות, דאָס מלכות פון תורה, וואָס דו האָסט געשאַפען, זאָל בלייבען. עס זאָל נישט צושטערט ווערען חלילה. און דאָס וועט זיין מיין איינציגע טרייסט...

דער משגיח־רוחני פון דער ישיבה, רבי שמעו'לע זשעליכאָווער דערלאָזט נישט, אַז עמיצער פון די ישיבה־תלמידים זאָל חו תמיד מקבל־שבת זיין ביים עמוד. ער בעטראַכט זיי פאַר פולשטענדיגע אוננים, מיט'ן גאַנצען חומר־הדין.

שוין איינמאָל איז דאָס געווען אַ דאַווענען. די פּאַרלאָגע איז ממש געווען פערפלייצט מיט טרעהרען. דאָס ערשטע מאָל דאַווענען זיי דאָך אָהן דעם רבי'ן. דאָס ערשטע מאָל פעהלט אויף זיין מקום־קדוש, וואָס איז שוין צוזאַמען מיט דעם טיש פערקלאַפּט מיט נעגעל, די הייליגע צורה פון גרויסען צדיק און מען זעהט מעהר נישט זיין ליכטיג שבת־פנים, איינגעהילט אין דעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה, וואָס בעציהרט זיין קאָפּ יעדען פרייטאָג־צו־נאַכטס...

נאָכ'ן דאַווענען געהען אַלע תלמידים איינער נאָכ'ן אַנדערען אַריין אין דעם צימער, וואו דער רבי ליגט און זאָגען איהם: גוט־שבת, רבי!...

דאָס דאָזיגע ריהרענדע בילד צו פעראייבינען, וואָלט דאַכט זיך דער גרעסטער דיכטער אין דער וועלט נישט איטשטאַנד געווען...

דערנאָך איז אויפ'ן בעשלוס פון תלמידים־ראש דער גאַנצער עולם תלמידים אויך אַריין אין צימער פון דער רביצי'ן און געזאָגט איהר „גוט־שבת".

אויב מען וויל האָבען אַ בעגריף, וואָס הייסט הערשען איבער זיך, האַלטען זיך, שטאַרקען זיך, בעהערשען דאָס אבלות, דעם צער, ווייל אַזוי איז דער רצון־הבורא, וועלכער האָט בעפוילען נישט צו פערשוועכען דעם הייליגען שבת מיט טרויער — האָט מען בעדאַרפען בייוואוינען די שבת'דיגע סעודה אין עס־זאַל פון ישיבת חכמי לובלין.

די טישען בעדעקט מיט ווייסע טישטוכער, די חלות טיט'ן וויין מיט די שבת־ליכט ווי תמיד. די תלמידים זיצען אַרום די לאַנגע טישען. יעדער אויף זיין אָרט. די רביצין, ווי איהר שטייגער, נימט אָכטונג ביים אויסטיילען דאָס עסען, אַז איהרע קינדער זאָל גאָרנישט פעהלען. אָבער דער אויבנאָן איז לעדיג און ווען מען נימט אַ בליק צום דאָזיגען אָרט — בלייבט שטעקען דער ביסען אין מויל און טרעהרען גיסען זיך פון די אויגען, כאָטש עס ווילט זיך נישט וויינען, ווייל מען טאָר נישט וויינען...

דער אויבענאָן איז לעדיג!

עס פעהלט דער רבי !

און דאָך. שבת נאָכ'ן עסען, פערזאמלען זיך די תלמידים אין שיעור=זאַל בײ די שבת'דיגע שיעורים, מען לערענט ווי תמיד. אין צימער, וואו דער רבי לינט, שטעהט א משמר תלמידים און מען לערענט משניות...

לובלינער יודען געזעגענען זיך מיט זייער גרויסען רב

מוצאי שבת=קודש פרשת „לך לך מארצך"....

עס בעווייזען זיך שוין איינצעלנע שטערען אויף לובלינס פינסטערען האָריזאָנט. די גרויסע יום=כפור=ליכט וואָס האָבען א גאַנצען שבת'דיגען מעת=לעת געברענט אַרום דעם הייליגען נפטר, הויבען שוין אָן צו צאַנקען. דער 24=שעה'דיגער געהאַמעוועטער טרויער ברעכט פלוצלינג אויס אין א מורא'דיגער יללה...

עס הויבט זיך אָן נאַכט. די לעצטע נאַכט פון גרויסען גאון און צדיק מהר"ם שפּירא זצ"ל. אין זיין ישיבה, אין דער ישיבה, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט מיטן בלוט פון זיין האַרץ, די ישיבה פאַר וועלכער ער האָט בעצאָהלט מיט זיין יונג, שעפעריש לעבען, די ישיבה, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַלס מאָנומענט, אַלס הערליכע מצבה לדורות.

די פּאָסט=טרעגער ברענגען א מאַסע טעלעגראַמען פון ארבע פינות=עולם, וועלכע מען האָט צוליב שבת אין דער ישיבה=קאַנצעלאַריע נישט געוואָלט אָננעהמען. דער טעלעפאָן הויבט אָן קלינגען פון וואַרשאָ, לאָדז, פון פיעטריקאָוו, פון ווילנע, פון קראָקאָ און פון לעמבערג. מען קלינגט אויך פון וויען און פון פראַנקפורט. — די גאַנצע יודישע וועלט איז פערצווייפעלט פון שרעקליכען טרויער. פון אַלעמענס הערצער רייסט זיך אַרויס א מאויס'דיגער קרעכץ:

— אוי מה הי' לנו...

די ישיבה אלס עסק=הככה

אָבער דער טרויער אין דער ישיבה האָט נאָרנישט קיין גרעניץ און קיין גביל. די תלמידים, אַראָבגעוואָרפען פון זיך די בגדי שבת, ווידער אָנגעטהון די קריעה=קליידער, געהען אַרום און שלאָגען זיך קאָפּ אין וואַנט, יאָמערען, טרויערן, פערברעכען די הענד און קענען זיך נאָרנישט בעהערשען.

מען געזעגענט זיך

לובלינער יודען סימען זיך געזעגענען מיט זייער גרויסען רבי'ן.

מיט יעדען טאָג איז די צוגעבונדענקייט צום רב געוואָרען אַלץ שטאַרקער. לובלינער יודען, אָהן אונטערשיד פון פּאַרטיי און ריכטונג, האָבען אָנגעהויבען דערקענען זייער רב, אָנגעהויבען שטאָלצירען מיט זייער רב און אין די לעצטע טעג האָט שוין דער רב נישט געהאַט קיין איינציגער נעגנער אין שטאָדט. אזוי, אַז די ידיעה וועגען דער בעמיהונג פון דער לאָדזער קהלה צוצונעהמען זייער רב, האָט לובלין ממש אויפגעטרייסעלט.

און דאָ פלוצלינג — נישטאָ מעהר דער רב!...

וואָלט מען כאָטש געוואוסט אין שטאָדט, אַז דער רב איז קראַנק, וואָלט מען איהם כאָטש געראַטעוועט ווי געהעריג, וואָלט מען כאָטש מעורר רחמים געווען פאַר זיין יונג לעבען, וואָלט מען כאָטש אין לובלינער שוהלען און בתי מדרשים תהלים געזאָגט. אויף די היסטאָרישע קברים אײנגעריסען — וואָלט דער צער נישט געווען אַזוי גרויס. אָבער איצט, ווען לובלין האָט זיך דערוואוסט פון דער טרויעריגער בשורה ערשט, ווען דאָס אומגליק איז שוין געשעהען פיהלט זיך דאָך יעדער איינער אַזוי צובראָכען, פערצווייפעלט, ווי ער וואָלט געווען א מיטשולדיגער אין דעם גרויסען אומגליק וואָס עס האָט דער שטאָדט געטראָפען...

שטראָמען דעריבער מאַסען מענשען צו דער ישיבה, כדי זיך צום לעצטען מאָל געזע=

גענען מיט זייער גרויסן רבין, וועלכן זיי האָבן ביים לעבן אַזוי ווייניג געקענט אָנבאַ־שאַצן.

די ברית החיילניקעס

די אָרדנונג האַלטן די מיטגלידער פון ברית־החייל, וועלכע טראָגן נישט אָב פון ישיבה־בנין פון פרייטאָג פריה, ווען דאָס אומגליק איז געשעהען.

אויך די דאָזיגע יונגעלייט זענען דורכגעדרונגען מיטן שמערצליכן צער. זיי דערמאָנען זיך די ליבשאַפט און די האַרציגע בעציהונג, וואָס דער רבי האָט צו זיי אין דער לעצטער צייט אַרויסגעוויזן. ער האָט זיי זאָגאַר איינגעלאַדן אין דער ישיבה צו די שמחת־תורה׳דיגע הקפות. איצט האַלטן זיי וואַך און היטן די אָרדנונג אין און אַרום דער ישיבה, אַז עס זאָל נישט קומען צו קיין קאַטאַסטראָפע בעת דער ריזיגער לוי׳ און דער טרויער זאָל נישט גע־שטערט ווערן צוליב אומאָרדנונג.

דער תלמידים־ראַט האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו די לובלינער יודען, דאָס יעדער זאָל אונטערשרייבן אַ התחייבות און זיך בעשטייערן מיט אַ גרעסערער סומע אָדער מיט אַ חודש־אָבצאָהל לטובת דער ישיבה, כדי לובלין זאָל דערמיט אויסבעסערן די עולה, וואָס די שטאָדט איז בעגאַנגען ביים לעבן פון איהר גרויסן רב. די דאָזיגע התחייבות׳ן לעגט יעדער בעזונדער אוועק אין אַ ספּעציעלן קאַסטן, וואָס שטעהט נעבן דעם נפטר. די דאָזיגע התחיי־בות׳ן וועט מען מיטגעבן דעם רב אין קבר אריין. לובלינער יודען ווילן זיך אַזוי אַרום מזכיר זיין פאַרן צדיק און גלייכצייטיג וועט מען איהם אָנטהון אַ נחת־רוח.

אויפן גרויסן ישיבה־הויף שטעהען טישלעך און מען פיהלט אוים די התחייבות׳ן. די ישיבה־פּושקעס ווערן פול מיט מטבעות. די קאַנצעלאַריע אַרבייט פיבערהאַפט. און יודען מיט אויסגעשריבענע התחייבות׳ן אין די הענד שלייכן זיך מיט דראָבנע טריט און מיט אוי־סערגעוועהנליכער יראת הרוממות צום ישיבה־בנין.

עס בילדעט זיך אַ לאַנגע רייהע ביז צום צימער, וואו עס געפינט זיך דער גרויסער נפטר. איינער נאָכן אַנדערן געהען אַריין די לובלינער יודען צו זייער רב, געזעגענען זיך מיט איהם, זענען היים מתפלל, בעטן מחילה, בעגיסן זיך מיט טרעהרען און זענען מבטיח צו שטיצן זיין גרויסע און הייליגע ישיבה מיט אַלע מעגליכקייטן.

אָבגעזעגנט זיך וואַרפט מען אַריין די התחייבות אין דעם קאַסטן און מען שלייכט זיך אַרויס דורך אַ צווייטער טהיר.

עס דעפּילירען פערביי צעהנדליגער טויזענדער מענשען פון פערשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען. גאַנצע חסידים־שטיבלעך אין קאָרפּאָרע, ווי אויך גאַנצע בעל־הבית׳ישע גרופּען, און אַלע מיט געבויגענע קעפּ, מיט טרעהרען־פולע אויגען, מיט ביטערע קרעכצען און צעבראָ־כענקייט.

שפּעט ביינאַכט שלייכן זיך אַריין מיט דערשראָקענע בליקען אָרימע טרעגער, דראָזש־קאַזשעס אין זייערע ליווריעס, קוקען זיך אום, בויגען זיך אַריבער איבערן גוף פון זייער רבין און בעטן מחילה דעם צדיק...

נאָך האַלבער נאַכט הויבן אָן אָנצוקומען רבנים און דעלעגאַציעס פון דער פּרעמדר. יודען פון דער נאָהנטער סביבה אויף פּייערדישע פוהרלעך, וועלכע שטעלן זיך אָב נישט ווייט פון ישיבה־בנין. פון קיין שלאָף ווייסט מען גישט. ווי אַזוי קען זיין אַ רייד פון שלאָפען נעהן אין אַזאַ פינסטערע נאַכט! מישט מען זיך אוים מיטן משמור־תלמידים, וואָס לערנט משניות לעליי־נשמתו און מען לערנט אויך אַ פּרק משניות, מאַכענדיג דערביי נאָס מיט טרעהרען די בלעטער פון ספר...

ווי חייט דער רושם פון דער פּטירה האָט געמאַכט אין לובלין, קען מען זעהען פון די עטליכע שורות פון דער אָרטיגער צייטונג „לובלינער טאָגבלאַט” וועלכע מיר ציטירען דאָ:

„דער טויט פון הרב שפּיראָ האָט אַזוי טיעף איינגעטרייסעלט דער עיקר דערפאַר, ווייל איהם נפטר האָבען אַלע געזעהען אַ גרויסע און שטאַרקע פּערזענליכקייט, אַ שאַפענדען גייסט. אַ בויענדע האַנט איז אַ מענש, וועלכער האָט זיך הויך אויפגעהויבן איבער זיין סביבה טיטגעריסען איהר מיט זיך און געצווינגען איהר נאָכצוגעהן זיינע וועגען

נים לובלין האָט זיך אויסגעזוכט אַ רב, נאָר הרב שפּירא האָט זיך אויסגעזוכט לובלין, הרב שפּירא האָט אין זיין פאַנטאַזיע געלעבט מיט דעם לובלין פון אַמאָל, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער וועט ביכולת זיין אויפצולעבען יענעם גייסט וועגען וועלכען עס דערצעהלען אונז די אַלטע שטיינער אויפן לובלינער היסטאָרישען בית־החיים".

נאָכדעם ווי דער שרייבער שטעלט זיך אָב אויפן פאַקט, וואָס לעצטענס האָט דער רב נישט געהאַט קיין איינציגען נעגער אין שטאָדט, געהט ער איבער צו בעריהרען דעם ענין לאָדזער רבנות:

„און אָט קומט אַ ידיעה, אַז הרב שפּירא קלויבט זיך צו פערלאָזען לובלין. לאָדז וויל איהם אַוועקנעהמען. אמת, לובלין איז פינאַנסיעל צו אָרים, אויף צו קענען זיך פערגינען צו האָבען אַזאַ רב, און דאָך פערדריסט זיך, ווען אַן׳אַנדערע שטאָדט קלויבט זיך מיט איהר עשירות צו בעזיגען אַ דלות. לובלין איז נישט ביכולת געווען זיך אַקעגענצושטעלען. דער רייכער מחותן האָט דאָך צוגעזאָגט דעם חתן אויסצוהאַלטען זיין אָרימע מאַמע — די ,ישיבת חכמי־לובלין... האָט זיך דערהערט אַ קול: „מיר וועלען נישט אַרויסלאָזען אונזער רב פון לובלין". אַ שוואַך קול, דאָס קול פון אָרימען לובלין. אויף מעהר און שטאַרקער איז עס פּאַקטיש נישט אימשטאַנד געווען.

און פּליצלינג, נישטאָ הרב שפּירא, נישט לובלין און נישט לאָדז"

און דער מחבר קומט צום אויספיהר:

„ווידער איז לעדיג געוואָרען די שטוהל פון מהרש"ל, וועלכע וועט מסתמא לאַנגע יאָהרען בלייבען נישט פערנומען.

דער פּלוצלינגער טויט פון הרב ר׳ מאיר שפּירא שליסט אָב אַ קאַפּיטעל געשיכטע פון יודישען לובלין".

אין טאָג פון דער קבורה

די תמיד־פערשלאָפענע לובלינער גאַסען, איז ממש נישט צו דערקענען. אַ בעוועגונג, אַ האַרמידער, אַ געפּאָהערריי, אַ געגייערריי. אַלע ווילע ברעטגען צוגען הונדערטער מענשען פון אַלע ווינקעלעך פון פּוילען, ספּעציעלע צוגען פון די גרעסטע פּוילישע צענטרען, אויטאָבוסען און לאַסט־אויטאָס, פול געפּאַקט מיט מלוים. עס פעהלען אויך נישט די פּויערישע וועגעלער, וועלכע קומען אָן אין לאַנגע רייהען, און ברענגען יודען פון דער נאָהנטער סביבה, כדי צו געזעגענען זיך און אָבגעבען דעם לעצטען כבוד דעם גרויסען יודישען מנהיג, וועלכער איז אַוועק פון אונז.

הונדערטער רבנים שפּרייזען מיט געבראָכענע טריט צום ישיבה־בנין. רבנים אין זייערע פראַכטען און אַטלאַס׳ס, עס וואַרפען זיך אין די אויגען גאַליציאַנישע, פּוילישע און ליטווישע לבושים. ווער עס האָט נאָר בעוויזען צו קומען, דער איז געקומען אָבשיד נעמען פון גרויסען חבר וועלכער האָט אַזוי הויך אויפגעהויבען דעם כבוד התורה און כבוד הרבנים ביי יודען.

עס קומען אָן מאַסען דעלעגאַציעס פון אַלע אָרטאָדאָקסישע אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטען, גאַנצע שטעדט און שטעדטלעך, פון אומעטום, וויל אומעטום האָט יעדעם יודיש האַרץ אַ ציטער־געטהון, הערענדיג, אַז דער לובלינער רב איז נסתלק געוואָרען.

דער ישיבה־בנין איז פול איבער די ברעגעס. עס קומט פאָר אַ בעראַטונג פון די רבנים מיטן לובלינער רבי בראש, ווי אַזוי עס זאָל פאָרקומען די טהרה מיט די לבישה פון גרויסען נפטר.

עס ווערט בעשלאָסען, אַז מיט דער טהרה פערנעהמט זיך די לובלינער חברה קדישא, צו וועלכער דער נפטר האָט געהערט אַלס גבאי ראשון. די בעציהונג פון רב זצ"ל צו דער דאָזיגער חברה איז בעזונדערס כאַראַקטעריסטיש, אַז עס פלעגט אויסקומען זיין משמור, פלעגט ער תמיד זיין דער ערשטער, ווען ער פלעגט זיין שטאַרק פערנומען, האָט ער געדינגען אַ פערטרעטער און בעצאָהלט דעם פערטרעטער מיט דער פולער האַנד.

אין דער טהרה בעטייליגען זיך אויך רבנים פון דער פרעמד, וועלכע זענען חברים פון דער חברה קדישא.

עס ווערט בעשלאָסען. אז מ'זאָל דעם נפטר טובלען אין זיין אייגענער מקוה, אין דער מקוה, וועלכע ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין ישיבה־בנין.

ביים בויען די דאָזיגע מקוה, האָט דער רב זצ"ל ערקלערט, אז היות ווי ער קלויבט זיך אליין צו שרייבען א ספר תורה (ער איז אויך געווען אַן אויסגעצייכענטער סופר־סת"ם), דאַרף ער האָבען אַן אייגענע מקוה אויפן אָרט...

אין דער דאָזיגער מקוה האָבען זיך אויך געטובלט אַלע תלמידי־הישיבה, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען אַלס די נושאי המטה און קיין שום אַנדערער מענש וועט נישט צוגעלאָזט ווערען צו דער מטה.

דער עולם וואַקסט פון מינוט צו מינוט. די ברית־החיילניקעס קאָנען זיך היינט נישט קיין עצה געבען מיט'ן עולם. עס העלפען שוין צו אַלע מיטגלידער פון די אָרטיגע יוגענד־אָרגאַניזאַציעס ווי אויך די צעירים פון דער פרעמד, די אָרדנען טראָגען וויים־שוואַרצע צייכענס אין די לאַצען.

די מיטגלידער פון לוי־קאָמיטעט פון דער קהלה אַרבייטען מעשים. פּאָליציי אָהן א צאָהל געפונען זיך אויפן אָרט.

עס הויבען זיך אָן צונויפצוקומען די דעלעגאַציעס פון שטאָדט. די שול־קינדער פון אַלע אָהן אויסנאָהם יודישע שולען וועלכע שטעלען זיך לענג־אויס די גרויסע לעוואַרטאָווער גאַס, וועלכע איז פון באַלד אין דער פריה אָבגעשלאָסען פאַרן פערקעהר.

עס קומען אָן פאָרשטעהער פון דער מאַכט. זיי ווערען אויסגעזעצט אויפן הויף אַקעגענאיבער דעם הויפט־איינגאַנג אין דער ישיבה. עס זיצען: דער וויצע־וואָיעוואָדע דלוגאָצקי, דער שעף פון ד. אָ. ק. געגעראַל דאָבראָזשיצקי אין בעגלייטונג פון זיין אַדיוטאַנט, שטאָדט־קאָמענדאַנט פּילקאָווניק טשאַפּיצקי, שול־קוראַטאָר איבער דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט שליווינסקי, לובלינער שטאָדט־סטאַראָסטע אָלעאַרטשיק, פּאָליציי־קאָמיסאַר פּיעכאָטאַ און אַנדערע הויכע בעאַמטע.

מיט דער אָרדנונג פיהרט אָן דער מיליטערישער ראַבינער קאַפּיטאַן דאַאַך, וועלכער פערטרעט דאָס קריגס־מיניסטעריום בעת דער לוי'.

אויפן גאַס, וועלכע איז אָבגעשלאָסען פאַרן פערקעהר שטעלען זיך אויס די שול־קינדער אין לאַנגע רייהען צוזאַמען מיט זייערע לעהרער און ערציהער.

די חברה־קדישא צוזאַמען מיט עטליכע צעהנדליג רבנים, טרעטען צו צו דער טהרה.

נישט מיט קיין ליכט האָרץ נעהמען אַריין די חברה־קדישא־לייט מהין זיין רעבע דעם רבין זייערע און עהרען־גבאי. פון דעם צימער וואו עס קומט פאָר די טהרה הערט זיך דער מעכטיגער אויסגעשריי:

— אָמר ר' עקיבא, אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתם — אביכם שבשמים!...

דער גרויסער קאָרידאָר ווערט אָבגעלעדיגט. מען טראָגט אַראָב דעם נפטר אין זיין מקוה, אין דערנאָך אין דעם צימער וואו ער האָט תמיד געלערנט, צונרייטענדיג זיך צו שעורים דאָס צימער געפינט זיך אין שכנות פון גרויסען שיעור־זאָל.

די תלמידים נעהמען אַריין צו דער הלבשה פון קיטעל און טלית.

דער נפטר ליגט אויף זיין שיעור־טיש. דערנעבען ליגט אַן אָפענע די גמרא, וועלכע איז איצט פעריתומט געוואָרען. ערשט מאָנטאַג אין אָווענד, האָט דאָך דער רב אין איהר געלערנט!

קיין זייטיגע מענשען א חוץ די ישיבה־תלמידים ווערען נישט אַריינגעלאָזט צו דער הלבשה, טראָגט זיך פון דעם צימער אַרויס א יאָמערליך געוויין. דאָס געזעגענען זיך די קינדער צום לעצטען מאָל מיט זייער גרויסען טאַטען.

און אַט ווערען די טהירען געעפענט און דער אָרון איינגעהילט אין שוואַרצען ווערט אַריינגעטראָגען אויף די אַקסלען פון די תלמידים אין גרויסען ישיבה־זאַל.

א האַרצרייסענדע יללה רייסט זיך אַרויס פון טויזענדער ברוסטען.

עס ברענען אַלע זשיראַנדאָלען און די גרויסע אַנטיקוואַרישע דריי הונדערט קילאָ'דיגע מנורה, וועלכע איז געווען אַזוי חשוב ביים רב אין די אויגען, דאָס פרוכת פון אָרון הקודש אָראָבגענומען ווי אין טאָג פון חורבן. דער שיעור־זאַל מיט דער גאַלעריע ברעכען זיך פשוט

פון דער מענשען־מאַסע. צווישען וועלכע עס געפינען זיך פיעל רביים און רבנים. דעלעגאַציעס פון גאַנץ פוילען.

די יללה איז אַזוי גרויס, אַז מען קען נאָרנישט בערוהיגען דעם עולם. כדי מען זאָל קענען אָנהויבען מספיד צו זיין דעם נפטר.

און אָט שטעלט זיך אַרויף אויף אַ שטוהל ר׳ שמעונ׳לע, דער משגיח רוחני פון דער ישיבה און הויבט אָן זיין הספד עפ״י קבלה.

דער איסטשילער רבי שטעלט זיך אַוועק נעבען דער מיטה און שמועסט זיך אויס מיטן נפטר... דער דאָזיגער צדיק איז אַזוי צובראָכען אַז זיין הויכע פיגור קאָרטשעט זיך איינגאַנצען פון צער.

און אָט איז מספיד דער פאָרשטעהער פון מועצת גדולי התורה הרה״ג ר׳ מנחם זעמבאַ

יעדעס וואָרט שניידט זיך איין ווי אַ שטאָך פון אַ שפיזן אין אַלעמענס הערצער. דאָס גאַנצע בית־מדרש ווערט פערוואַנדעלט אין אַ טרעהרען־איגזעל, ווער האָט זיך געזאָלט ריכטען, אַז דאָס דאָזיגע בית־מדרש פון רבי מאיר שפירא זצ״ל וועלכעס איז תמיד געווען דער קוואַל פון שמחה און חדות־הנפש, זאָל פלוצלינג פערוואַנדעלט ווערען אין אַ׳עמק הבכה... עס קען זיך דאָך פשוט נישט גלויבען, אַז די ליכטיגע צורה פון רב זצ״ל וועלכע האָט אַריינגעבראַכט אַ ליכטיגקייט אין אַלע ווינקעלער, לעבט נישט מעהר און דער עולם האָט זיך אַצינד פערזאַמעלט אויסצוהערען זייגע שבחים.

דער הספד פון הרב זעמבאַ צורייסט פשוט די הערצער און ווען ער דערמאָהנט די צוויי „מאורות הגדולים", דעם „חפץ־חיים זצ״ל און דעם איצטיגען נפטר, וועלכע דער כלל ישראל האָט אין אַ קורצער צייט פערלוירען, פערענדיגענדיג דעם הספד מיט דער תפיסה, „עלי׳ השלם כל הקרבנות כלם" — דערגרייכט דער טרויער צו זיין קולמינאַציאָנס־פונקט.

יעקעלע האָס, דער יונגסטער און בעליבסטער תלמיד פון נפטר זצ״ל מאַכט אַ מלא רחמים.

דאָס קליינע יונגעלע שטעלט זיך אַרויף אויף אַ שטוהל און זינגענדיג וויינענדיג, צוקלינגט זיך זיין שטימעלע און יעדעס וואָרט צעברעכט און רייסט שטיקער:

— את נשמת ארוננו. מורנו ורבנו ר׳ יהודה מאיר בן הרב ר׳ יעקב שמשון שהלך לעולמו!...

און ווידער ברעכט אויס אַ מוראדיגע יללה, ביז דער קליינער חזן פערענדיגט זיין ריהרענדע תפילה.

די תלמידים הויבען אָן מאַכען הקפות אַרום דער מיטה פון זייער גרויסען רבין.

מיט די הקפות פיהרט אָן רבי שמעונ׳לע עפ״י קבלה מיט צירופי פרוטות און צירופי אותיות...

די תלמידים — אַקסעל אויף אַקסעל זענען מקיף דעם ארון פון זייער גרויסען רבין און דער גאַנצער עולם זאָגט „יושב בסתר"...

אַ שרעק נעהמט אַלעמען אַרום אין דאָזיגען מאָמענט. מען האַלט פשוט איין דעם אָטעם, דאָס האַרץ קלאַפט האַסטיג און פון די אויגען גיסען זיך טרעהרען ווי פון אַ קוואַל.

נאָך די הקפות טראָגען די תלמידים אַרויס די מיטה פון דעם ישיבה־בנין. פון דער ישיבה, וועלכע ער האָט ערשט מיט פירטהאַלבען יאָהר צוריק מחנך געווען און געהאָפט מרביץ תורה צו זיין עד זקנה ושיבה...

דער אָרון ווערט אַוועקגעשטעלט אויפן ישיבה־הויף און פון דעם באַלקאָן הויבען זיך אויפסניי אָן די הספדים.

דער רייזשער רב, דעפ. הרב לעווין גיט אַנ׳אַלזייטיגע כאַראַקטעריסטיק איבער דעם נפטר. ער שילדערט זיין פּאָליטישער טעטיגקייט און געזעגענט זיך מיט זיין נאָהנטען פריינד און חבר, מיט וועלכען ער האָט יאָהרען לאַנג פערבינדען אַ נאָהנטע פריינדשאַפט. און ענדיגט מיטן אויסרוף:

— צר לי עליך אָחי, כי נעמת לי מאד!...

דער מיטגליד פון וואַרשאָווער ראַבינאַט הרב קאַנאַל, וויצע־פּאָרזיצער פון אגודת־

הרבנים, נעמט אָבשיד פון גרויסען נפטר אין נאָמען פון גאַנצען רבנים־כלל.

אַ קרוב פון נפטר, דער קאַלאָמייער רב, הרב לי״א. האַלט אַ ריהרענדען הספד אָבער ער מוז איבעררייסען אין מיטען, ווייל טרעהרען שטיקען איהם.

און צום סוף — דער ישיבה־תלמיד לעבעוואָהל. געזעגענט זיך מיט זיין רבין אין נאָמען פון אַלע תלמידי־הישיבה אויף דער שוועל פון דער ישיבה...

די שבועה פון די ישיבה־תלמידים ביי דער מיטה פון זייער גרויסען רבי׳ן

אָמר ר׳ מאיר בשעה שהאָדם מצטער, שכינה מה היא אומרת, קלני מראשי קלני מזרועי. ר׳ מאיר זאָגט, ווען דער מענש איז בצער, קלאָגט די שכינה הקדושה, וועה צו מיין קאָפּ, וועה צו מיין האַנד.

ווי טראַגיש און שמערצליך פיהלען מיר, עלענדע תלמידים, די דאָזיגע ווערטער אַצינד. קלני מראשי, מיר האָבען פערלוירען אונזער קאָפּ, אונזער רבי און ערציהער; קלני מזרועי, מיר האָבען פערלוירען אונזער שפּייזער און ערנעהרער.

ר׳ מאיר שכב, תורה מאי תהא עלי׳. הייליגער רבי, ביזט איינגעשלאָפען. תורה מאי תהא עלי׳, וואָס וועט זיין מיט אונזער תורה, וואָס וועט ווייטער זיין מיט דיינע תלמידים. אונזער האַרץ איז אַזוי פערשניטען אַז ס׳איז שווער אַ וואָרט אַרויסצוזאָגען. דאָס האַרץ איז אַזוי פערשטיינערט. אַ מיר קאָנען שוין אַפילו נישט וויינען.

דו הייליגער רבי, האָסט דאָך גוט געוואוסט, אַז דו מיט דיינע תלמידים זענען ווי איין נשמה אין צוויי גופים; דו, וואָס האָסט אונז אהבת נפש געליבט; דו, וואָס ווייסט ווי צוגעבינדען מיר זענען געווען צו דיר, ווי אַזוי ביזטו פון אונז אַזוי יונג אַוועק?

ניין, דו ביסט נישט אַוועק, מ׳האָט דיך פון אונז פשוט אַרויסגע׳גנב׳עט. מ׳האָט אינגאַנצען פערשטעלט פון הימעל, מ׳זאָל נישט קענען מעורר רחמים זיין. אוי, מה הי׳ לנו.

נישט איין חולה מסוכן איז שוין אין דער ישיבה געווען; ערשט דעם זומער, האָט מען אַ בענדינגער תלמיד נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע, אין גאַנצען מיאיש געווען אי. דו הייליגער רבי, האָסט זיי אַלע פון טויט מציל געווען, פון מלאך המות געניגל אַרויסגעראַטעוועט; אָבער ווען דו גרויסער רבי, ביזט קראַנק געוואָרען, איז נישט געווען ווער עס זאָל דיך ראַטעווען, וואו זענען מיר געווען?

שוין 3 יאָהר ווי מיר זענען דאָ, און ס׳איז חלילה נאָך קיין איין מכשול נישט געווען און דו הייליגער רבי, ביזט עס דער ערשטער קרבן. אוי נא לנו כי חטאנו.

ווען אַ פּראָסטער ייד, אַ טאַטע פון יונגע קינדער נעהמט אַוועק, איז אויך אַ רחמנות, און דו הייליגער רבי, אַ טאַטע פון 200 קינדער, פאַרוואָס האָסטו אונז אַזוי גיך פערלאָזט? רבי „על מי נטשת אלה הצאן”, אויף וועמען האָסטו אונז איבערגעלאָזט, מיט וועמען בלייבען מיר אַצינד?

רבש״ע! זעה אונזער צובראָכענע האַרץ, שטאַרק אונז און טרייסט אונז. זאָלען מיר קענען אויסהאַלטען די יסורים, זאָלען מיר קענען אַלעס איבערטראָגען.

מיר דאַנקען צו השי״ת, וואָס ביים גרייסען אומגליק און חורבן, וואָס האָט אונז געטראָפען, האָבען מיר דאָך דעם גאַנצען מוט נישט פערלוירען. עס איז דער כח פון אונזער הייליגען רבי׳ן, וואָס לעבט אין אונז, נישט צו רעזיגנירען און פערצווייפלען אינם שווערסטען מאָמענט; לאָמיר שטאַרקען איינער דעם אַנדערען; לאָמיר זיך קלאַמערן פעסטער צוזאַמען און דאָ ביים ארון הקודש פון אונזער הייליגען רבי׳ן, לאָמיר אָבגעבען אַ הייליגע שבועה, אַז כאָטש אונזער מנהיג און מדריך איז ווי אַ גבור אויפ׳ן שלאַכט־פעלד געפאַלען, וועלען מיר אָבער זיין טרייער לעגיאָן, דעם פאָנעט נישט פערלאָזען; געגוג געווען אַ תאַלבער שטימה זיין, וואָס עס הייסט אחריות. וואָס מיר זענען זיינע תלמידים געווען, ער זאָל אונז אַריינגעבען דעת און בעוואוסטזיין, וואָס עס הייסט מסיה״נ פאַר תורה, פאַר השי״ת.

אַ הייליג קרבן ברענגט אַצינד די יודישע וועלט, אַ קרבן וואָס האָט זיך מוסר נפש

געהען פאר יודען כל ימי חייו; א קרבן פון 46 יאהר, וואס האט זיין פערמענען, זיין קאריערע און אצינד אויך זיין יונג לעבען פאר אונז מקריב געווען — זאל זשע די יודישע וועלט געדענקען אין זיינע יתומים, וואס זענען געבליבען אהן זייער גייסטיגען פאטער און בעצאהלען זייער חוב פארן הייליגען נפטר.

זאל וויסען די גאנצע יודישע וועלט, אז „ישיבת חכמי לובלין", דער בעליבטער בן־יחיד פון אדמו"ר הגאון הקדוש זצ"ל, לעבט און וועט לעבען; ס'זאל חלילה אפילו ברויט צום עסען און וואסער צום טרינקען פעהלען, אבער מיר תלמידים וועלען דא נישט פעהלען. צו היי־לינג איז ביי אונז יח"ל אז מיר זאלען זיך מיט איהר שיידען. מיר גלויבען פעסט, אז ס'וועט אונז חלילה פון הימעל נישט פערלאזען; מיר זענען איבערצייגט, אז רוח קדשו פון מרן זצ"ל וועט וייטער רוהען צווישען די הייליגע ווענד פון יח"ל און משפיע זיין פון זיין רצון אויף אונז.

דאס לעצטע ווארט פון אונזער הייליגען רבין איז געווען „נור בשמחה", און עס וועט זיכער באלד מקוים ווערען.

און צו אייך מנהיגי ישראל, רביים ורבנים, ראשי עדה ועסקנים, ווענדען מיר אונזער ווארט, געזאגט פון אונזער צוריסען הארץ: געדענקט אינם זכרון פון הייליגען נפטר; געדענקט אין אייער אלטען חוב לגבי איהם און קויפט איהם אויס אצינד.

בעזונדער איז גרויס דאס אחריות פונם אדמיניסטראטיווען ראט מיטן פרעזעס ר' אלי' מאזור בראש, וועמען מרן הקדוש זצ"ל האט אנפערטרויט דאס הויכע אמט און אויף איהם גרויסע האפנונגען געלעגט, זאל ער אצינד איבערגעהן צו בלויז מעשים און זיינע פליכטען, די הייליגע צואה פון רב זצ"ל, צו ערפילען.

אויך לאדז דארף און מוז איהרע בעזונדערע פליכטען צו אונז ממלא זיין.

און דו הייליגער רבי, ווען דו שיידסט זיך שוין אויף אייביג פון אונז, ווען מיר וועלען די זכי' נישט האבען דיך צו זעהען, דיין הייליג ווארט צו הערען, בעטען מיר דיך אצינד: געדענק אן אונז; פערגעס נישט אין דיינע תלמידים; בלייב אונזער אייביגער ראש־מסיבתא און פיהרער און זיי משפיע פון דיין גייסט אויף אונז.

געדענק אינ'ם כלל־ישראל וואס ליידט אזוי שווער, — וואס טובל'ט זיך אין א ים פון צרות און ליידען; האסט זיך ביים לעבען פאר איהם מוסר־נפש געווען, זיי דאס ווייטער פאר איהם, האסט תמיד פאר דער גאולה געארבייט, לאז נישט אב אויך אצינד; אוהב ישראל, טרייער פאטער, ליבער רבי, נעה צום כסא הכבוד, זיי מעורר רחמים פאר אונז, זאל שוין אמאל קומען אונזער הילף, זאלען מיר שוין אויסגעלייזט ווערען פון די אלע צרות און אויך פונם איצטיגען חורבן און דערלעבען די ישועת ד'.

דער לוי'־צוג ריהרט פון ארט. די מיטה געטראגען אויף די אקסלען פון די תלמידי־הישיבה, פאראויס, דערנאך — דער לובלינער ראבינאט, די רביים, די לובלינער קהלה, די רבנים, די פארשטעהער פון דער מאכט און דער המון מלוים.

די לאנגע לובארטאווער גאס, וואס האלט 3 קילאמעטער, שטעלט מיט זיך פאר איין שטיק שווארצקייט, די גאנצע גאס פון עק ביז עק, איז פול מיט מלוים און עס קומט שווער אן דאס בעוועגען זיך.

אלע באלקאנען און פיעל דעכער זענען בעלעגט, ברעכען זיך פון מענשען. גאנץ לובלין דאס יודישע ווי דאס נישט־יודישע איז געקומען אבגעבען דעם לעצטען כבוד דעם גרויסען רב.

אזוי ארום בעוועגט זיך לאנגזאם דער לוי'־צוג ביז מען קומט צו צו דער מהרש"ל־שוהל.

איך דערמאהן מיר בעת איך בין געווען אין דער דאזיגער היסטארישער שוהל א פריי־ערדיגעם מאל. דאס איז געווען ל"ג־בעומר תרפ"ד, אין טאג פון דער גרונד־שטיין־לייגונג פון יח"ל, דאמאלס האבען מיר צוזאמען מיטן רב זצ"ל געדאווענט מעריב אין דער דאזיגער שוהל און דער רב האט געצעהלט ספירה.

קיינמאל קען איך נישט פערגעסען דאס דאזיגע ספירה צעהלען פון רב. דאס התלהבות, דער ברען איז די פערלדיגע ווערטער פון רב'ס גאלדען מויל, פון דעם פה מפיק מרגליות.

און איצט — — — — — —

חזן יאַנקעלע האַסס אַ תלמיד פון דער לובלינער ישיבה מאַכט אַ אזכרה נאָך דעם לובלינער רב זצ״ל ביי אַ זיצונג פון דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט אין לובלין כ״ח סיון תרצ״ה.

ע נ ד ע

ישיבת חכמי לובלין

רעדאגירט און
צוזאמענגעשטעלט
דורך
נתן גורמאן

אַלבום ישיבת חכמי לובלין

כתן
גורמאַן



דער ישעפער און גרינדער פון דער ישיבה,
דער לובלינער רב הרה״ג ר׳ מאיר שפירא שליט״א (לעצטע אויפנאַהמע)

תרצ״א ווארשא 1931

לעבענס-ביאגראפיע פון שעפער פון דער וועלטס-ישיבה

א. ג. „ישיבת חכמי לובלין" הרה"ג ר' מאיר שפירא

דער שעפער פון יח"ל

אין דער יוגענד, ווען זיין נאמען האט געש'מ'ט אלס שאצער עלוי.

הרב שפירא, דער לובלינער רב, איז געבוירען ז' אדר תרמ"ז אין שטאדט שאץ (בוקאווינא), איז א אוראייניקעל פון בעריהמטען ר' פנחס'ל קאריצער, איינער פון די גרעסטע בעל-שם-טובים חברים און תלמידים.

נאך אלס קינד האט מען ביי איהם בעמערקט גרויסע פעהיגקייטען, א דאנק וועלכען ער האט זיך ערווארבען דעם נאמען, גערופען צו ווערען „שאצער עלוי". דאס גאונישע קינד האט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון זיין זיידען דעם בעוואוסטען גאון דער מאנאסטרישטשער רב ז"ל, דער מחבר פון ספר „מנחת שי", וועלכער האט דעם גאונישען טאלאנט צו זיך קיין מאנאסטרישטש (גאליציען) גענומען, וואו ער האט פערברענגט אייניגע יאהר און זיך פערפאלקאמט אין ש"ס ופוסקים. צוזאמען מיט זיין פערפאלקאמונג אין יודישע לימודים, וואקסט ביי איהם דער דענקונגס-גייסט, ווי אויך א קאלאסאלער אוצר פון ידיעות און קענטנישען פון פערשיעדענע וועלטליכע ענינים, ווי אויך אין וויסענשאפטליכע געביעטען.

אלס יונגעל פון 14 יאהר, האט ער שוין געהאלטען אין דער שאצער שוהל א טיעפזיניגען דרוש מיט אזא אראטארישען שוואונג און טעמפעראמענט, אז ריהאט אלעמען בעצויבערט און פערוואונדערט. שוין דאמאלס איז געווען צו דערקענען, אז ער וועט זיין איינער פון די

די קאנפערענץ ביים חפץ חיים אין ווארשא.

א זיצונג פון ועד המאוחד מיט'ן אנטייל פון הרב שפירא. פון רעכטס אויף לינקס: גראדזיסקער רבי, פאביאניצער רב, סלאנימער רב, הרב שפירא און בענדינער רב.

גרעסטע ווארט-זאגער אין דער יודישער וועלט. עס דויערט נישט לאנג און ער ווערט בעקאנט אלס גאון און תלמיד חכם.

א פראדוקט פון זיין גאונישער קראפט איז דאס ספר „אמרי-דעת", דרושים און פלפולים אויף תורה, וואס ער האט ארויסגעגעבן צו 18 יאהר, ווי ער ווייזט ארויס א טיעפע בקיאות און חריפות. פון דעם ספר איז אויך צו זעהן, אז דער מחבר איז גוט בעקאנט אין דער אסטרא-נאמישער וויסענשאפט. פון די הסכמות, וואס די גרעסטע גאוני הדור פון יענער צייט האבען געשריבען איז צו זעהן, אז זיי האבען איהם שוין דאמאלס בע-טראכט אלס צוקונפטיגען גאון, דער וועלט-בעריהמטער גאון, דער ברזשעזשא-נער רב ז"ל שרייבט אויף איהם נאך אלס 16-יעהריגער בחור: בעברי דרך בוקאווינא ראיתי עילוי אחד בן ט"ז שנה ור' מאיר שמו, עוקר הרי הרים בחריפות ובקיאות וברכתי עליו: ברוך יוצר המאורות.

אין יאהר תרס"ו האט ער חתונה מיט דער טאכטער פון בעריהמטען חסידישען עושר ר' יעקב ברייטמאן פון טארנאפאל. ביי זיין שוועהר איז געווען א ברייט יודיש הויז, וואו ס'האבען שטענדיג געגעסען הונדערטער אורחים. אין יענעם געגענד האט מען זיין הויז גערופען „די יוד. מלוכה".

הרב שפירא, ווילענדיג אין מאריענבאד.

א געשפרעך פון הרב שפירא מיט'ן מונקאטשער רבי'ן וועגען יה"ל.

דער וויטער בליק פון גאונישען מה עפענען פאר הרב שפירא די פערבארגענסטע ווינקעלעך פון דער יודישער וועלט, בעזונדערס שטעלט ער זיך אב אויף זיין אייגענעם ארטאדאקסישען קבוץ, דאן זעהט ער שוין דאס, וואס אנדערע האבען מיט יאהרען שפעטער ערשט דערזעהן; דעם גרונדשטיין צו שטארקען דאס ארטאדאקסישע צבור-לעבען. די קראפט פון פעראייניגונג, וואס מוז צוזאמענשמידען די יודישע ארטאדאקסיע, בכדי צו קאנען אויסהאלטען דעם לעצטען דראנג, וואס האט שוין דאמאלס געשטורעמט געגען דעם אמת יודישען לעבען.

אין יאהר תרס"ד גרינדעט ער אין טארנאפאל א ארטאדאקסישע ארגאניזאציע „תפארת הדת" מיטין געדאנק צו גרינדען אזעלכע אין גאנץ גאליציען. אין משך פון דער גאנצער צייט, וואס ער האט געוואוינט אין טארנאפאל, איז ער געווען פרעזידענט פון „תפארת הדת".

אין יאהר תרע"א נעמט ער אן דאס כסא הרבנות אין גלינע (מזרח-גאליציען), וואו ער ווערט אויפגענומען מיטן גרעסטען כבוד דורך דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג.

דאס יודישע חינוך-וועזען, וואס איז געווען א ברענענדע פראגע ביי דער גאליציאנער ארטאדאקסישער וועלט, איז איהם געווען נאהנט צום הארצען, צוזעהענדיג די קאטאסטראפאלע לאגע פון

קהלה-זיצונג אין לובלין.

די זיצונג אין קהלה, אויף וועלכע הרב שפירא איז אויסגעוועהלט געווארען אלס לובלי-נער רב. (דאס בילד ווייזט ווי מען לויפט פאר די רעוואלוציע).

יודישען חינוך, האט ער זיך מיטן גאנצען ברען געווארפען ראטעווען דעם יונגען דור. נאך א מיהפולער ארבייט איז איהם געלונגען אויפצושטעלען אין גליכע דאס ערשטע מוסטער-חדר א. נ. בני-תורה, וועלכעס האט ארויסגערופען גרויס ענטוזיאזם ביי די ברייטסטע שיכטען, באלד האבען זיך אנגעהויבען שאפען עהנליכע אין גאנץ גאליציען. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס מ'האט אויף דער גרינדונגס-קאנפערענץ פון אגודת ישראל, וואס איז פארגעקומען פאר דער מלחמה אין לעמבערג, אין וועלכער ס'האבען אנטייל גענומען די גרעסטע און שענסטע פערזענליכקייטען פון גאנץ גאליציען, — איבערגעגעבען די הענדע - פעראנטווארטליכע שטעלע אלס לייטער און פרעזידענט פון ועד החינוך ביי דער דאמאלסטיגער לעמבערגער צענטראלע דעם געערטען הרב שפירא, וועלכער האט באלד נאך דער קאנפערענץ געוויזען די עפענטליכקייט, אז מ'האט זיך אין איהם נישט גענארט; ער האט ענטוויקעלט א אינטענסיווע טעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון חינוך און בכלל האט די בעוועגונג אנגעהויבען צו בליען.

נאר דא ברעכט אויס די וועלט-מלחמה און די גאנצע ארבייט ווערט אונטערגע-בראכען. בעת דער רוסישער אינוואזיע אין מזרח-גאליציען ציהט ער זיך איבער צו זיין שוועהר קיין טארנאפאל, אלס

פאר דער ערעפנונג פון דער ישיבה.

דער קבלת־פנים־קאמיטעט עמפפאנגט דעם רב אויפ'ן באהן־הויף, אנקומענדיג קיין לובלין צו דער ערעפנונג.

גרעניץ-שטאדט איז טארנאפאל געוועזן דאמאלס איינס פון די וויכטיגסטע בע-לעבסטע דורכפאהר-פונקטען פון גא-ליציען ביז רוסלאנד און ממילא אויך דער צענטר פון יודישע ליידען אין דער צייט פון דער רוסישער אקופאציאנס-מאכט. דורך טארנאפאל פלעגען זיך וואכענלאנג ציהען טויזענדער אומגליק-ליכע יודישע פאמיליעס, וועלכע די אכזריות'דיגע האנד פון צאריסטישען אקופאנט האט פון זייערע וואוין-ערטער ביים פראנט געטריבען אין גלות. ס'פלע-גען אויך דורך טארנאפאל דורכגעהן טוי-זענדער יודישע געפאנגענע דורך די עסטרייכישע ארמעע און מעהרסטענטייל זענען זיי אלע געווען אין א אונבעשרייב-

די הערשענדע אָרדנונג ביי די ערעפנונג.

פראַגמענט פון אַנוועזענדע דעלעגאַטען אין געסט.

קאַנט מיט'ן אַריינדרינגען אין די אַרבייטער-קרייזען, זיי צו געבען אַ רעליגיעזע ערציהונג. ער ווידמעט דעריבער פיעל צייט פאַר דער בעוועגונג צו ערציהען אַ יודישען רעליגיעזען אַרבייטענדיגען דור. אין זיין גרויסן חינוך-בנין, וואָס דער גרונד-שטיין איז געלעגט געוואָרען אין גלינע, קאָן מען זעהען, וואָסאַרע הכנות ער האָט געמאַכט פאַר'ן אָנהויבען רעאַליזירען זיינע שטרעבונגען פאַר דער ערציהונג פון יודישען אַרבייטער, די געביידע פאַר דער ישיבה „בני תורה", וואָס איז דורך איהם געשטעלט געוואָרען אין גלינע, וועהט באַלד געשטעלט מיט אַ שטאַק העכער ספּעציעל אויף איינצוּאָרדנען פאַך-קורסען.

די אַלזייטיגקייט פון זיין דענקען און אַרבייט קאָן מען אויך זעהן פון דער גרויסער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער בעקומט טעגליך פון פערשיעדענע תורה-אויטאָריטעטען וועגען אַלערליי פראַגען ווי עגונות, עירובין און פערשיעדענע כלל-ענינים, ווי אויך רבנים, וואָס ווערען געיהודפט אין זייערע קהלות, קומען צו איהם מיט בקשות, ער זאָל מיט זיין שטאַרקען איינפלוס אויסגלייכען, אַזוי אויך בעקומט ער הונדערטער בריעף, וואָס בעווייזען זיין אַקטיוויטעט אין כללישען לעבען, זיין גרויסע ראָלע און איינפלוס ביי דער יודישער בעפעלקערונג. אין יאָהר 1922 ווערט ער אויסגעוועהלט אַלס סיים-דעפּוטאַט. זיין טעטיג-

די וויכטיגסטע געסט ביי דער ערעפנונג.

רעכטס — טשארטקאווער רבי, לינקס — גורער רבי.

קייט אין סיים אלס דעפוטאט איז גענוג ערפאלגרייך; פיעל מיטגעארבייט אין פערשיעדענע סיים-קאמיסיעס און זיין מיינונג איז אויך געווען איבעראל שטארק געאכטעט פון יודען ווי פון נישט-יודען.

א רוהמפול בלאט אין זיין ביאגראפיע איז די טעטיגקייט אויף דער ערשטער כנסיה׳ גדולה פון אגודת ישראל אין וויען אין חודש אלול תרפ״ג, וואו ער איז געווען די הויפט-פיגור פון דער פוילישער דעלעגאציע, זיינע ארויסטרעטונגען זענען דורך אלע אויסגעהערט געווארען מיט א פערכאפטען אטעם, ער איז אויך געוועהלט געווארען אין דער עקזעקוטיווע פון דער אלוו. אגודת ישראל.

א גענויאלער אויפטהו איז עס געווען דאס איינפיהרען דעם שוין איבעראל אנגענומענעם **דף יומי, וועלכער** איז געווארען בעשלאסען אויף דער כנסיה גדולה און איז אין דער גאנצער וועלט איינגעפיהרט געווארען.

ווען עס איז פריי געווארען דאס רבנות-אמט אין פיעטרקאוו, ווערט ער דארט אויפגענומען מיט דער גרעסטער שמחה אלס רב אין שטאדט, באלד דערנאך גרינדעט ער א ישיבה, מיט וועלכער ער אליין פיהרט אן. דאן האט ער זיך גענומען ענערגיש אויספיהרען זיין אל-



דאָס אויסערליכע אויסזעהן פון דער ישיבה.
דער בנין האָט 110 צימערן, און 180 פענסטער.

ליכען מצב פון הונגער און נויט, מיט איין וואָרט: דאָרט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דאָס גאַנצע שרעקליכע בילד פון יודישען צער און ליידען. דאָס אַלץ צוזעהענדיג, האָט זיך הרב שפּירא צייטווייליג אָבגעווענדעט פון זיין ספּעציפישען חינוך-געביעט און מיט דער גאַנצער אָפּפערוויליגקייט זיך געווידמעט אין דער הילפס-ארבייט פאַר זיינע פערוואָגעלטע, ליידענדע ברידער און זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער רעטונגס-אַקציע צו בעזאָרגען די אומגליקליכע מיט אַלעם וואָס נויטיגט זיי.

בכלל האָט זיך דער רב זיין דרך. וואו ער קומט, אפילו אויף צייטווייליג, גרינדעט ער דאָרט אַ ישיבה, אַזוי האָט ער נאָך אַלס בחור געפיהרט אַ ישיבה אין זיין געבורטס - שטאָדט שאָץ, שפּעטער נאָך דער חתונה אין טאַרנאָפּאָל. אין יאָהר תרע״ב איז ער געווען איינינע וואָכען אין אַ פראַנקפורטער סאַנאַטאָריום אויף קוהראַציע. דאָרט האָט ער פאַר אַ שולם יודען געזאָגט יעדען טאָג אַ שיעור, צו וועלכען זיינען געקומען הערען די גרעסטע פערזענליכקייטען, ווי סעמינאַר-רעקטאָר לאַנגע, ראַבינער פאָזען, יאָזעף ראָטשילד א. א. זיי זענען געוואָרען שטאַרק בעגייסטערט פון זיין לערנען.

זייענדיג אין לעמבערג בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע 3 חדשים, האָט ער דאָרט געגרינדעט אַ ישיבה, וואו ס׳האָבען זיך פערזאַמעלט אין תורה

די ערעפנונג פון ישיבת חכמי לובלין.



דער פייערליכער מאמענט פון בעגריסען אין נאמען פון מועצת גדולי התורה (X גורער רבי, — XX טשארטקאווער רבי).

60 דערוואקסענע בחורים, די אלע ישיבות עקזיסטירען נאך היינט.

זיינערצייט, ביי דער עסטרייכישער הערשאפט, איז ער דעלעגירט געווארען קיין וויען אלס דעלעגאט פון גאליציען צו דער אגודת-ישראל-קאנפערענץ. און פון דער קאנפערענץ געוועהלט געווארען אין דער דעלעגאציע אונטערצוהאנדלען מיט דער דאמאלסטיגער טערקישער רעגירונג וועגען ארץ-ישראל-פראגען.

ווען לעמבערג איז געווען אונטער דער הערשאפט פון אוקראאינער רעגירונג, האט זיך אנגעהויבען שאפען אין גאנץ מזרח-גאליציען שטאדטישע נאציאנאל-ראטען. פון אלע פארטיי-פארשטעהער, הרב שפירא ווערט דאן פרעזידענט פון נאציאנאל-ראט ביי זיך אין שטאדט און אין זיין הויז קאנצענטרירט זיך די גאנצע כלל-טעטיגקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג. שפעטער, ווען מזרח-גאליציען ווערט פערנומען דורך פוילען, האט ער אנגעהויבען צו ארגאניזירען די אגודת-ישראל אין מזרח-גאליציען. דורך דער צייט זענען פארגעקומען עטליכע קאנפערענצען אין לעמבערג, וואו ער איז געווען דער רוח החיים און טאן-געבער פון אלעם.

מיט 8 יאהר צוריק איז ער געוועהלט געווארען אלס רב אין סאנאק (גאליציען).

אויסער זיין שטרעבונג צו פערשפרייטען דעם למוד-התורה צווישען די ברייטסטע יודישע קרייזען, ווערט ער אויך בע-

אויפ'ן וועג אין ישיבה אריין.

טשאָרטקאָווער רבי אין בעגלייטונג פון הרב שפּירא און זיינע 2 זיהן.

טען טרוים פון שאַפען אַ וועלט-ישיבה, וואָס זאָל ווערען דער גייסטיגער צענטר פון דער יודישער תורה אין פאָלקאָמען זין פון וואָרט. זיין בליק איז געפאַלען אויף לובלין, וואָס ווערט גערופען ירושלים דפּולין.

דער אויסוואָהל איז געווען אַ געלונגע-נער, אָבער צו דער פערווירקליכונג איז נאָך ווייט געווען. נישט געווען קיין אינ-טערעס און אָרט דערצו, אָבער דאָ האָט זיך אַ וואַרים יודיש האַרץ אָבגערופען און נעמליך דער חשוב'ער לובלינער איינוואוינער, ר' שמואל אייכענבוים, וואָס זיין נאָמען איז ווערט מיט גאָל-דענע אותיות פערשריבען צו ווערען אין דער יודישער געשיכטע. האָט אוועק-געשאָנקען אַ פּלאַץ פון 52 טויזענד קוואַדראַט - מעטער אויפצושטעלען די ישיבה.

צו דער פייערונג פון דעם גרונד-שטיין לעגען אין לובלין (ל"ג בעומר תרפ"ד) זע-נען געקומען אַ גרויסע צאָהל מענשען מיט פיעל צעהנדליגער פון די גרעסטע רביים און רבנים, בראש די רביים פון גור, טשאָרטקאָוו, ראַדזין, סאָקאָלאָוו, סלאָנים א. א. די פייערונג האָט דאַמאָלס געהאַט אַ שטאַרקען אָבקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט, פון דאַמאָלס אָן איז דאָס לעבען און ווירקען פון הרב שפּירא איי-נגאַנצען געווידמעט די יח"ל, זיין גאַנצע

דאָס אַנקלאַפּען די מזוזה דורכ'ן טשאָרטקאָווער רבי'ן ביים אַריינגאַנג אין ישיבה.

ענערגיע האָט ער אָוועקגעגעבען דער ישיבה.

די אויסגאַבען ביים שטעלען דעם בנין פון דער ישיבה ווערען וואָס-אַמאָל גרעסער, ווייל דער פּלאַן ווערט ברייטער מיט'ן צוקומען פון די שטאַקען. ער האָט איינגעפיהרט די ספּעציעלע פּושקעס און דעם היינט שוין בעקאַנטען טאָג-גראָשען, וואָס יעדער יוד האָרף געבען פאַר דער ישיבה, וועלכע האָבען אַריינגעברענגט בעדייטענדע הכנסות. א וויכטיגער אויפטוה איז אויך געווען דאָס איינפיהרען די פייערליכע סיומים פאַר'ן ענדיגען יעדע מסכת, וואָס זענען גלייכציטיג געפייערט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט.

הרב שפּירא האָט דורך דער צייט אויך געמאַכט אונצעהליגע רייזעס אין פערשיעדענע טיילען פון פּוילען, בעת סיומים און אַקציעס פאַר דער ישיבה. צו דעם צוועק איז ער אויך געווען אייניגע מאָל אין דייטשלאַנד, טשעכיען, האָלאַנד, בעלגיען, ענגלאַנד און פראַנקרייך.

אין יאָהר תרפ״ו ווערט ער געוועהלט אַלס פּרעזידענט פון דער אגודת ישראל אין פּוילען, וואו ער ענטוויקעלט אַ זעהר ברייטע טעטיגקייט, איבערהויפּט אויף זיין בעליעבט חינוך-געביעט. ער האָט דאַן אָרגאַניזירט דעם קרן-התורה אין פּוילען. ער איז אויך געווען דער איניציאַטאָר פון אַרויסגעבען דעם טעגליכען אָרט. קאַלענדאַר און פיעל אַנדערע אָרט.

הרב שפּירא אַקעגענפאהרענדיג דעם טשאָרטקאָווער רבי'ן צום באַהן־הויף.

אויסגאבען. ער האָט אויך פיעל געליים-
טעט פאַר פערשיעדענע ענינים, שריפט-
ליך שרייבענדיג אַרטיקלען פון צייט צו
צייט. עס הויבט זיך דאָן אָן דער גרוי-
סער עקאָנאָמישער קריזיס אין פוילען
און די הכנסות פאַר דער ישיבה ווערען
בעדייטענד שוואַכער. ער מאַכט דערי-
בער זיין בעריהמטע רייזע נאָך אַמעריי-
קא אין די אינטערעסען פאר דער ישיבה.
ער איז דאָן דורכגעפאָהרען אַלע שטאַ-
אַטען, האַלטענדיג במשך 16 חדשים
240 עפענטליכע רעפעראַטען. איבעראַל
איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט'ן
גרעסטען כבוד, און אויך געשאַפען א
גרעסערע סומע פאַר דער ישיבה. די ריי-
זע אין א פרעמד לאַנד האָבען איהם גע-
קאָסט פיעל מסירת נפש און איבערמענש-
ליכע אַנשטרענגונגען. ער איז צוריק-
געקומען פון אמעריקא יונג אין יאָהרען
אָבער שוין גרוי און געבויגען... אין תרפ"ז
ערשיינט זיין גרויס ספר „אור המאיר"
פיעל מיט גאונישע חידושי תורה, וואָס
מאַכט אויך א געוואַלדיגען איינדרוק אין
די תלמודישע קרייזען.

ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען און
וויכטיגסטע געשעהענישען אין דער
יודישער וועלט בעגעגענען מיר דעם רב
ביי די שווערסטע און פעראַנטוואָרט-
ליכסטע אַרבייטען, זיינע אַרויסטרעטונ-
גען אויף פערשיעדענע קאָנפערענצען
מאַכען דעם גרעסטען רושם. און ער

דער גענעראל פון ד. אָ. ק., הער דאָבראָדשיצקי צו גאסט ביי דער ערעפנונג



פון רעכטס אויף לינקס — ראטמאן ר' משה אייזענבערג, גענעראל ה' י. דאָבראָדשיצקי, סענאטאר ר' אשר מענדעלזאהן, ג' דעפּ. ר' פייוויש סטעמפעל

ווערט הורך אלעמען בעצייכענט אלס גלענצענדסטער יודישער אראטאר.

בעת דער 2-טער כנסיה גדולה, וועלכע איז פארגעקומען אין וויען איז הרב שפּירא געווען דער מיטעל-פונקט פון אלע פערהאנדלונגען. ער האט אויך זעהר אקטיוו געארבייט ביים ארגאניזירען די אלוו. מועצת גדולי התורה, ער איז אויך געוועהלט געווארען דערנאך אין ועד הפועל פון דער אלוו. אגודת ישראל און אין ועד הפועל פון אלוו. מועצת גדולי התורה.

א געניאלער איינפאל זיינער איז עס געוועז דאס שרייבען די ספר תורה פון כלל ישראל פאר ישיבת חכמי לובלין אין חנוכה תר״ץ. ווי ס׳האבען שוין געקויפט אותיות פיעל טויזענטער יודען, דערינטער אויך אלע וויכטיגסטע רעליגיעזע פערזענליכקייטען.

כ״ח סון תר״ץ, האט ער דערלעבט זיין לעבענס-טרוים צו עפענען די וועלט-ישיבה יח״ל, אויף וועלכע ס׳האבען בייגעוואוינט א ערך פון 60 טויזענד מאן, דערינטער אלע וויכטיגסטע ארט. פער-

פרעסע-קאנפערענץ ביי דער ערעפנונג.

זיצען פון רעכטס: בירנבוים — „פאסישע צייטונג", צאנג — „וועסטינגער גאזעטע", וויינריב — „אוניטעד פרעס", שעהן — „פעדעראנט פרעס", ר' לייבל ראזענבוים, ר' שמואל אייכענבוים, הרב שפירא, הרב מ. הורוויץ, ריישא — בנימין מינץ — תל־אביב. פון לינקס צו רעכטס: פ. סטעמפעל. פון רעכטס אויף לינקס שטעהענדיג: דער ערשטער — משה מארק, דריטער — י. ל. פויגעל, פינפטער — י. מ. קעניג, זעקסטער — א. ז. פרידמאן.

זעניליסקייטען, בראש די רביים שליט"א פון גור, טשארטקאוו, ראדזין, סאקאלאוו, אמשינאוו, רבנים פון פיעל שטעדט.

די פייערליכע עפענונג האט געמאכט א שטארקען רושם אין דער גאנצער וועלט. א טאג נאך דער עפענונג איז פארגעקומען א זיצונג פון לובלינער קהלה, אויף וועלכע הרב שפירא איז אויסגעוועהלט געווארען אלס לובלינער רב מיט א בעדייטענדע מעהרהייט.

הרב שפירא איז היינט איבעראל אנגענומען אלס תורה-אויטאריטעט. אין אלגעמיין איז ער שטארק בעליעבט ביי די יודישע בעפעלקערונג אין לובלין. דער לובלינער רב הרב שפירא איז איינער פון די בעליעבסטע יודישע פערזענליכקייטען.

רעכטס: דער שעפער פון בית־מקדש אין מיניאַטור — ר׳ העניך ווייַנטרויב, זאַגוראָוו.
לינקס: דער בעוואוסטער נדבן ר׳ שמואל אייכענבוים, לובלין.

יצחק ווייסברויט (קראַשניק)

מסירת הנפש ביי דער משפחה שפּירא

(דער הייליגער מאַמעשי—ז״ל)

די גוט - בעקאַנטע, פערצווייגטע משפחה שפּירא, שטאַמט פון דייטשלאַנד, זי ווערט גערופען אויפ׳ן נאָמען פון איהר שטאַם-שטאָדט שפּיירא (Speyer) וואו זי האָט געוואוינט ביז׳ן סוף פון עלפטען יאָהרהונדערט, ווען ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען די פערפאָלגונגען פון די קרייצער אויף די יודען אין דייטשלאַנד, בעת זייערע ערשטע צוגען אין יאָהר 1096, (די גוט־בעקאַנטע אין דער יודישער געשיכטע: גזרת תתנ״ו), וועגען וועלכער ס׳זענען פערפאַסט געוואָרען עטליכע קינות, וואָס ווערען געזאָגט יעדען תשעה-באב ביז׳ן היינטיגען טאָג. צווישען אַנדערען אויך די קינה ,,מי יתן ראשי מים ועיני מקור נוזליי״. דער שעפער פון חסידות רבי ישראל בעש״ט — דערצעהלט די חסידישע אגדה — האָט זעהר געאַכטעט די, וואָס האָבען געשטאַמט פון דער משפּחה שפּירא, ווייל ווער ס׳שטאַמט פון איהר — פלעגט ער זאָגען — איז פעהיג אויף קידוש-השם, ווי די אור-עלטערען פון אָט דער משפחה אין שפּיירא, רבי פנחס׳ל



דאָס בית־המקדש אין מיניאַטור, וואָס געפינט זיך אין אַ ספּעציעל צימער פון ישיבה־דבנין, וואו יעדער האָט די מעגליכקייט צו בעוואונדערן דאָס גרויסע ווערק. דאָס בית־המקדש איז אויסגעשניצט פון האָלץ און בעפּוצט מיט גאָלד, דורך דעם קינסטלער ר׳ העניך ווינשרויב פון זאַגוראָוו.

קאָריצער, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער זעלבער משפחה, טראָגענדיג אויך דעם נאָמען שפּיראָ — ווייסט צו דער־צעהלען די חסידישע אגדה — האָט צואה געלאָזט, אַז אויף זיין מצבה זאָל אויס־געקריצט ווערען דער פאַמיליען־נאָמען שפּיראָ, וואָס סימבאָליזירט פעהיגקייט אויף מסירות־הנפש און קידוש־השם.

ווי רבי אלעזר בר נתן, בעקאַנט אונטערן נאָמען ראבין גיט איבער אלס עד־ראית אין זיין „קונטרס גזרת תתנ״ו“ איבער די ערשטע קרייץ־צוגען אין דייטשלאַנד, פערעפענטליכט שפּעטער אין דער דייטשער שפּראַך א. נ. „Hebräische Berichte über die Judenverfolgungen während der kreuszuge, (herausgegeben von Neubauer und M. Stern in Berlin 1892).

זענען די יודען פון שפּיירא געווען די ערשטע, וואָס האָבען געוויזען דעם ביי־שפּיעל פון מסירות־נפש, נישט־וועלענ־דיג זאָגאַר לפנים איבערגעהן צו דער קריסטליכער קירכע, ווי ס׳האָבען געטהון די יודען אין טריבעריש (Tries). אַכט טאָג אין אייר איז עס געווען, אין אַ שבת־טאָג זענען די קרייצער אָנגעפאַלען אויף די דאָרטיגע יודען און פון זיי גע־פאָדערט ענטוועדער די קריסטליכע רע־ליגיע אָנצונעהמען, אָדער דורך דער

פּראָווינצער יודען אויף די וועגען קיין לובלין אין טאָג פון דער עפענונג.

שווערד אדורכצוגעהן. די שפּיירער יודען האָבען ס׳לעצטע אויסגעקליבען, און זיך געלאָזט שעכטען און הרג׳ענען פאַר דעם ג—טליכען כבוד, די גאַנצע יודישע בע-פעלקערונג איז לויט דעם דייטש (Berthold Costauz) געווען מוכן ומזומן צו ווערען אויסגעהרגע׳ט פאַר דעם כבוד פון דעם אַלמעכטיגען בעשע-פער, זייער העלדענמוטיגקייט און מער-טירערטום האָט אַנ׳אויסערגעוועהנליכען רושם געמאַכט אויף דער אָרטיגער נישט-יודישער בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט די קרייצער און נישט צוגעלאָזט צו אַ פאַלקאָמער שחיטה פון דער גאַנצער יודישער בע-פעלקערונג. דאָס פערגאָסענע בלוט פון די צעהן (לויט אַנדערע מקורים עלף) שפּיירער יודען האָט אויפגעברויזט דאָס גאַנצע דייטשע יודענטום, זיי געמוטיגט און אויפגעפאָדערט אויף אָפּפערוויליג-קייט און מסירות-נפש, און דאָס ביסעלע שפּיירער בלוט איז אין אַ גרויסען בלוט-ים פערוואַנדעלט געוואָרען, אַ ים פון יודיש בלוט פאַר דעם כבוד פון ג—ט.

די שפּיירער יודען זענען געווען די ערשטע, זיי האָבען געגעבען די אָנרעגונג און זייער ביישפּיעל האָבען נאָכגעטהון אַנדערע יודישע קהלות אויף גאָר דער וועלט בעת די גרויזאַמע קרייץ-צוגען.

נישט ריכטיג איז די השערה פון פיעל היסטאָריקער, דאָס די הריגות אין דייטשלאַנד הורך די קרייצער האָבען זיך

תלמידים איינגעשפאַנט אין אַ דראָשקע, וואו ס'געפינט זיך דער רב, פאַהרענדיג אַזוי פון בית־הקברות ביז אין ישיבה אריין (דאָס בילד ווייזט אַ בחור, וואָס דער דישעל איז איינגעוויקעלט אין זיין פּאַלע).

אַנגעהויבען אין קעלן (Köln) שטיצענדיג זיך אויף אַ דייטשען שרייבער (וועגען דעם ביי שפּר"ן און ציון ה' פען „דברי ימי ישראל" 4 ט.), וועלכער האָט אפילו געלעבט אין דער ערשטער צייט פון די ערשטע קרייץ־צוגען, אָבער האָך נישט נאָהנט ביים רהיין, וואו די קרייץ־צוגען זענען פאָרגעקומען, נעמליך אין אַכע, (Auge Groni) אין דער צייט, ווען רער ראב"ן, — ווען ס'האָט אלס יוד געווים מעהר פעראינטערעסירט — האָט געוואוינט אין שפּיירא, אַלזאָ אויפ'ן אָרט פון די געשעהענישען, און ער שטעלט פעסט, אַז די הריגות אין שפּיירא זענען געווען די ערשטע, ער שרייבט צוו. אנדערן: „ושם (געמיינט שפּיירא) היתה אשה חסידה אחת ושחטה עצמה על קידוש־השם, והיא היתה ראשונה לשוחטים ונשחטים אשר בכל הקהלות". און אַזוי ווייסט אויך אויס אין דער קינה „מי יתן", אין וועלכער שפּייער ווערט גערעכענט די אַלערשטע קהלה, אין וועלכער ס'איז פאָרגעקומען די הריגות פון די קרייצער, אַזוי נעהמט אָן פאָרזיכטיג ד"ר שמשון בערנפעלד אין זיין ספר הדמעות און אין „תולדות־מסע הצלב" און אַזוי שיינט צו זיין אמת, אַז די יודען אין שפּייער זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבען דעם ביישפּיעל פון מסירות־הנפש געוויזען, — און דאָס מערטירער־בלוט פון די שפּיירער איז איבערגעגאַנגען צו זייערע אייניקלעך, צו

דער רב צוזאַמען מיט די תלמידים פאַר'ן געהן דאַווענען אין מהרשל'ס שוהל אין טאַג פון דער עפענונג.

דער פערצווייגטע משפחה שפּירא, וואָס האָט שוין פיעל, פיעל מסירות-הנפש בעוויזען.

— — — — — — —

נאָכ'ן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען איז עס געווען. דער שוין סיי-ווי-סיי נישט קלאָרער יודישער האָריזאָנט אין רוסלאַנד איז געוואָרען פערכמאַרעט צוליעב די רעפּרעסיעס פון זיין ברודער ניקאָליי דער ערשטער, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל, צו אַסימולירען די אַלע מינדערהייטען און קודם-כל, ווי ס'פערשטעהט זיך די יודען, ער האָט איינגעפונען, אַז אַ צו הארטע ניס איז דאָס עם-הספר אים צו ווערען צושמאַלצען אין דעם רוסישען אויוען, צוגלייך מיט די אַלע קלייני אָדער גרעסערע מעהר-ווייניג קולטורעלע פעלקערלעך. בלויז צוליעב מאַטעריעלע גזירות ווי דער „תחום המושב״ א. אַנד. ער האָט זיך גוט אַרומגעזעהען און איינגעפינען, דאָס נישט צוזאַמען מיט'ן גוף וועט ער פערלענדען די יודישע נשמה, וועלכע שפּיעלט די גרעסטע ראָל ביים אַסימולאַציאָנס-פּראָצעס. ער האָט איינגעזעהען, אַז צו ווירקען אויף די יודישע נשמה צום גינסטיגען פון זיין ציעל, וועט ער נישט קענען אַזוי לאַנג, ווי דאָס יודישע ספר, וועט פריי אַרומשפּאַצירען אין דער יודישער גאַס און דאָס שרעקליכע איז געשעהען, ער האָט איינגעפיהרט אַ שטרענגע צענזור איפּ'ן יודישען ספר מיט אויסערגע-

די תלמידים ביים מיטאג אין עס־צימער, מיט דער בעטייליגונג פון: 1) הרב שפירא, 2) ר' משה שפירא (רב'ס ברודער), 3) סעקרעטאר שבתי שיינפעלד, 4) דער בוי־מייסטער פון יח"ל, ר' הערשל שטשעדרינסקי, 5) דער לייטער פון סניף יח"ל אין גראדזיסק.

וועגליכע שווערע בעדינגונגען, קודם-כל האט ער פערמאכט אלע יודישע דרוקע-רייען, איבערלאזענדיג צוויי פון זיי, איינע אין קיעוו, און די צווייטע אין זשיטאמיר, אום כדי די צענזור זאל נישט דארפען צוברעקלען איהרע קרעפטען, זי זאל זיך קענען, קאנצענטרירען אויף צוויי ערטער, קענענדיג אנווענדען די אלע שווערסטע רעפרעסיעס געגען דעם יודישען בוך. אויף וויפיעל די צענזור האט געוואכט איבערן יודישען ספר, קען דיענען דער פאקט: די רעגירונג פון זיין מאיעסטעט, דעם יעזואיט ניקאלאי דער ערשטער, האט ארויסגעגעבען א פערארדנונג, אז אלע ספרים, וואס זענען ערשינען אין אכצעהנטען יאהרהונדערט מוזען ווערען צענזורירט דורך א ספעציעל בעשטימטע קאמיסיע, וואס איז בעשטאנען פון עטליכע אסימולירטע מה-יפית-,,עם-ארצים". אלע פריוואטע ביבליאטעקען זענען צענזורירט געווארען. די צענזור-קאמיסיע, כדי נושא-חן צו זיין ביי דער מאכט, האט כמעט נישט אדורכגעלאזט קיין איין ספר, וועלכעם זאל אנערקענט ווערען פאר כשר. די אלע ,,נישט-כשר'ע ספרים האבען געזאלט לויט א פעראָרדנונג פון דער מאכט פערברענט ווערען אין פעטערבורג. (די רוסישע הויפט-שטאדט), ווי די בעזיצער פון די ספרים האבען בעדארפען אויף זייערע שפעזען דאס דארט אהינשיקען. און דעריבער די דורך די קאמיסיע פאר נישט

געסט ביי דער ערעפנונג.

דער פאטער פון לובלינער רב, הרב ר' יעקב שמשון שפירא שליט"א.



דער פרעזידענט פון אלוו. אגודת ישראל הרב ד"ר פנחס קאהן, וועלכער איז אנוועזענד געווען ביי דער עפענונג.

כשר אנערקענטע ספרים האבען דער-
גרייכט אין די טיעפע טויזענדער, האט
די רעגירונג געגעבען א פריוויליגיע דער
יודישער בעפעלקערונג, אז די שרפה פון
די ספרים זאל פארקומען אין דער גובער-
ניאלער שטאדט. דער דאזיגער פאקט
כאראקטעריזירט גענוג, וואסארע
רעפרעסיעס ס'האבען געהאט
אויסצושטעהען די יודען, וואס האבען
געהאט צו טהוען מיט דרוק-וועזען... ביי
אזעלכע שווערע בעדינגונגען איז עס אויס-
געקומען צו ארבייטען די אייניקלעך פון
די אמאליגע שפירער קדושים — די
ברודער שפירא, די זיהן פון רבי משה,
דער זוהן פון רבי פנחס'ל, קאריצער, די
אינהאבער פון דער סלאוויטער און שפע-
טער זשיטאמירער דרוקערייען. מיט אני-
אויסערגעוועהנליכען מסירות-הנפש, הא-
בען זיי פערעפענטליכט פערשיעדענע
חסידישע ספרים אהן דעם וויסען פון
דער צענזור, א זאך, וואס האט דעמאלט,
ביי אזעלכע שווערע צענזורען געשמעקט,
מיט פערשיקונג קיין סיביר א. אנד. נישט
קלענערע שטראפען, ובפרט נאך פערע-
פענטליכען א חסידיש ספר, אין וועלכען
די מאכט האט געזעהען דעם גרעסטען
שונא פון דער אסימולאציע.

א מיטארבייטער פון דער דרוקעריי,
ווערענדיג צוליעב עפעס א חטא אבגע-
זאגט פון דער ארבייט, האט דערלאנגט
אנאנקלאגע געגען די ברידער שפירא,
אז נישט קוקענדיג אויף דער פעראָרדנונג

רעכטס: דער לאַנדאַטער רב און דער רב ד"ר האמיידעס פון קאַטאָוויץ, לינקס: 1) דער פרעשויער רב ר' משה לוי, 2) ד"ר לוי נימצעוויטש פון גראָדנא, 3) גענעראַל־סעקרעטאַר פון יח"ל, שבתי שיינפעלד, 4) אַברהם לעבעל פון לאָדז.

פון קייזערליכען מאַיעסטעט פערעפענט־ליכען זיי חסידישע ספרים אָהן שום וועלכע עס איז צענזורעלע אויפזיכט — אַן אַנקלאַגע, וועלכע האָט געדראָט מיט שלעכטע פאָלגען.

דער מסור, האָבענדיג געוויסענס־ביסען, און נישט האָבענדיג שוין סיי־ווי־סיי וואָס אָנצו־ווערען, האָט זיך אויפ־געהאָנגען אין איינעם פון דער דרוקעריי־לאָקאַלען.

די מאַכט האָט איינגעפינען, דאָס די ברידער שפּירא האָבען עס אויס מורא פאַר די נעגען זיי דערלאַנגטע אַנקלאַגע איינגעהאָנגען דעם מסור.

כדי, אָבצוטוימען דעם אַנקלאַגער פון וועג, און צוזאַמען מיט איהם אויך אָב־צווישען די בעשולדיגונג. ס'איז פאָרגע־קומען א פּראָצעס און זיי זענען פערי־משפט געוואָרען מיט א „ווייסילקע" (אַרויסשיקונג) קיין סיביר און אויך אַדורך צו געהן א „בראַנד".

ס'פערשטעהט זיך, אז א בראַנד, וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי שורות ספּעציעל אַנגאַזשירטע קאָזאַקען מיט אייזערנע נאַהייקעס אין די הענד האָט אַנגעוואָרפען א מורא אויף דער פאַמיליע פון די ברידער שפּירא. —

מ'ווייסט אויך צו דערצעהלען אז אויף די הונדערטער קאָזאַקען, וואָס מ'האָט גע־האַט א קלער, אז פון זיי וועט דאָס בע־שטעהן דער „בראַנד" זענען אונטערגע־קויפט געוואָרען מיט „שוחד", בכדי זיי



די אָרדנער ביי דער עפענונג, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער מוסטער-האַפטער אָרדנונג.

זאָלען זיך בעציהען מיט רחמנות צו די קרבנות. די רעגירונג האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט און אַראָבגעברענגט פון פעטערבורג ספּעציעל אַ געוויסע צאָהל קאָזאַקען, זיי זאָלען עס אַדורכפיהרען דעם „בראַנד".

געוועהנליך, ווער ס'האָט געהאַט אַזאַ שטראָף איבערצוקומען האָט זיך בעמיהט דאָס אַדורכצומאַכען מיט'ן גרעסטען טעמפּאָ, פון אָבשטעלען זיך צווישען די צוויי שורות קאָזאַקען מיט די נאַהייקעס, און פון זיי מעהרערליך געשלאָגען בעקומען, פון דעם איז שוין, ווי ס'איז פערשטענדליך, אָבגערעדט, ווייל ס'האָט ממש געשמעקט מיט מסירות-הנפש.

און איינער פון די ברידער, אַדורכמאַכענדיג די בראַנד, איז איהם ס'היטעל אַראָבגעפאַלען פון קאָפּ, נישט קוקענדיג, וואָס דאָס אָבשטעלען זיך שמעקט מיט איבערמענשליכע יסורי-מות, האָט ער זיך איינגעבויגען, אויפגעהויבען ס'היטעל און עס אָנגעטהוען. נישט וועלענדיג געהן ענטבלויזט דעם קאָפּ, דאָס האָט ביי די קאָזאַקען די גרעסטע בעוואונדערונג אַרויסגערופען און זיי האָבען אָבגעשטעלט זייער ברוטאַלע טעטיגקייט, נישט וועלענדיג מעהר שלאָגען אַזאַ ג-טליכען מענש, וועלכער איז צוליעב, אַ נישט גרויסען איסור געווען מוכן ומזומן, מעהרערליך צום-טויט געשלאָגען צו ווערען.

נאָר קינדער פון די שפּיירער קדושים,

דער ביבליאָטעק-צימער, וועלכער ציילט היינט איבער 30 טויזענד ספרים.

פון רעכטס: דער ביבליאָטעקאַר שלמה האַלבערשטאַם, אויף דער לייטער — דער פרעשבורגער תלמיד, י. ה. שטערן, לינקס — ש. שיינפעלד.

אין וועלכע טישטראַכט און טיפליסט דאָס מערטירער-בלוט, זענען פעהיג אויף אַזעלכעס, און מיט רעכט צייכענט זיי אָן דובנאָוו אלס „די מערטירער צווישען חסידים".

און נישט קיין אַנדערע, נור טאַקי אַן'אייניקעל פון זייער פאַטערים ברי-דער, דער באַוואוסטער גאון רבי מאיר שפּירא שליט"א — דער לובלינער רב, דאָס אייניקעל פון רבי יודא מאיר שפּי-רא ז"ל פון שיפּיטיווקע, א ברודער פון רבי משה שפּירא אויס סלאַוויטא (זעה מיין אבהאנדלונג אין „ספר היובל" אי-בער רבי פנחס'ל קאָריצער) האָט עס די לעצטע יאָהרען נישט קיין קלענערער

די שטרענג־היגיעניש קוך.

מסירות-הנפש בעוויזען פאר דעם כבוד התורה, די געשיכטע איז א לאנגע און איז יעדען בעקאנט, מיט דערהנער איז זיין וועג געוועזן אויסגעפלאסטערט, און נישט קיין אנדערער, ווי אנ׳אייניקעל פון די אמאליגע שפיירער קדושים האט אזא מסירות-הנפש געקענט בעווייזען, א בראנד פון חירופים און גידופים, אבלא-בעריי און אביחוזק׳עריי פון אייגענע און פרעמדע, נאהנטע און ווייטע, — זיינע פעטערים צוליעב דעם יודישען ספר אין היטעל, ער פאר דער יודישער תורה און איהר כבוד.

די גאלדענע קייט פון די שפיירער קדושים האט נאך א רינג בעקומען.

רעכטס: 1) דער תלמיד, וואָס האָט בעגריסט אין נאָמען פון אַלע תלמידים בעת דער ערעפענונג אהרן לעבוואָהל פון אויסטריק, 2) דער פיהרער פון סניף, גראַדזיסק, א. קאָפּער (לינקס), און דערמיט דער פּרעשבורגער תלמיד חיים שטערן, וועלכער איז דער ערשטער צוגענומען געוואָרען אין ישיבה, וועלכער צייכענט זיך אויך אוים מיט זיין שאַרפער בקיאות.

מיר דאַרפען איהם העלפען.

אין אַלע שווערע צייטען, וואָס יודען האָבען איבערגעלעבט איז די גאַנצע אַר- בייט פון רעליגיעזען יודענטום געווען געווענדעט צו דערהאַלטען דעם לימוד התורה, וואָס דאָס איז דער רוהם און שטאָלץ פון יודישען פאָלק. און געווען זענען גרויסע פּערזענליכקייטען אין יודי- שען פאָלק, וואָס האָבען געוואָלט אַלע בעסטע תורה-כוחות צוזאַמען קאָנצענטרי- רען און מיט כבוד די תורה-לערענדע יונגע לייט אויסהאַלטען. שוועריגקייטען האָבען זיי אין זייער אַרבייט געהאַט,

דאָס ליעבשאַפט, וואָס הערשט ביי די תלמידים.

2 תלמידים פון ישיבת חכמי לובלין.

ווייל די לאָזונג אין גאַס איז געווען „פת במלח תאכל". און אזוי האָט זיך דאָס טאַקי געפיהרט. דער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיינע יאָהרען און כוחות פאַרן לימוד התורה געשפענדעט, האָט געמוזט ערגיץ אין דער פרעמד פעריאָגט ווערען און דחקות ליידען, אַלע טאָג ביי אַניאַנדער בעל-הבית עסען, וואָס דאָס האָט אויף איהם אַ סטעמפעל אויף איי-ביג געלעגט, און איהם פיזיש און גייסטיג צובראָכען. און פיעל פון זיי זענען אויף זייער גאַנץ לעבען קראַנקע, ליידענדע געבליבען.

און יעצט, ווען עס איז געקומען דער מאַן אין דער פערזאָן פון געערטען לובלי-נער רב, הרב שפירא, וועלכער האָט מיט צאַרטקייט די יודישע בית-המדרש-פלאַנץ אויף אַ נייעם באָדען איבערגע-זעצט. ער האָט זיין צייט, ענערגיע און יונגע כוחות פערווענדעט, און האָט דאָס



רעכטס: אַ מזוזה פון אלטען קאצקער רבי'ן, וואס איז געשאנקען געווארען דורך אַ געוויסען נדבן פאר דער ישיבה. לינקס: די פאהן פון דער ישיבה, וואס איז געהאפטען געווארען דורך די ב. א. י. אין לאדז:

גראנדיעזע מייסטער-ווערק געשאפען, וואו אונזערע ברידער און קינדער, וועלען זייער מנוחה אָרט האָבען, און אונטער אַ פאַטערליכען שוץ זיך געפינען, ווי אויסגעשטאט זיי וועלען זיין מיט כל-טוב, און וועלען ברחבה זיך דעם לימוד-התורה קאָנען אָבגעבען. דארפען מיר איהם העלפען, אַז נישט צולאסט זאָל אויף איהם די אויסהאלטונג פון דער ישיבה פאלען. און ווידמענען זאָל ער זיינע כוחות קאָנען אויפצושטעלען אַ נייעם קרעפטיגען יודישען תורה-דור. — מיר דארפען איהם העלפען.

דער יונגסטער תלמיד ·
פון דער ישיבה

לייבל בידערמאַן
געהט צום שיעור.



דער לובלינער רב זאָגט פאַר זיין שיעור פאַר די תלמידים אין ספּעציעלען שיעור־זאַל.



דער רעדאקטאָר און אַרויסגעבער נתן גורמאַן ביי זיין אַרבייט'ס־טיש.

רעפלעקסען „ישיבת חכמי לובלין"

ס'איז אומעטיג, ווייניג־וואָס, אין מאָנומענטאלען זין
איז אונז פערבליבען פון די גאָר אַמאליגע אלטערטימליכע
ישיבות —
סוריא און נהרדעא.
תורה־דענקמעלער פאַר דורות
וואַנדאלען אין פערשידענע קאַטאַסטראפעס האָבען
אָבגעטהון זייער ארבייט.
עס זענען דאָך פערבליבען אַ סך פיינע סמנים פון
יענע אַמאליגע אַזעלכע מאָנומענטען — אין מענשענס מח.
זיי האָבען געוואַנדערט צוריסענע, צופליקטע; א מהלך
פון דורות. עפּאָכען. איבער שטרויכלונגען פון אָנמאכט און
שכחה, ביז זיי האָבען אין מח פון א גאון זיך צונויפגעלעגט.
פון סטיכיע איז געוואָרען אָנגעשטרענגטע מיה, שפּע־
טער — קאַלטע טעכנישע אויפגאַבען.
אַ נייע צייט. פון דאָס פרימיטיווע אַלטערטימליכע ביז
אייראפעאיזם.
פון אומבעקוועם ביז צו קאמפארט.
ס'איז געווען אַ ליידענשאַפט וואָס איז כאראקטעריס־
טיש פאַר'ן גאון קאָנטראַסטען צו פעראייניגען אידעע און פאָרם.
אַ דענקמאָל פון תורה — אין היינטיגער צייט!

פון אַרויסגעבער.

צוליעב דעם, וואָס די אַרבייט פון קאָנצענטרירען די בילדער האָט אָנגעטראָפען אויף נישט פאַראויסגעזעהענע שוועריגקייטען, איז דאָס ערשיינען פון אַלבום אַרויסגעקומען אַביסעל שפּעטער, ווי ס'האָט געזאָלט געשעהען.

בעזונדערס הדיק איך דערמיט אויס אַ דאַנק פאַר די מיטהילף ביים זאַמלען די בילדער — פאָלגענדע פּערזאָנען: — שטערן, וואַרשא — ש. גראָנאַטשטיין, לובלין — ש. שיינפעלד, פּיעטרקוב. —

די פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמען זענען געמאַכט געוואָרען דורך די פאָטאָגראַפיסטען בוים — וואַרשא, וואַרמאַן — לובלין און נ. גורמאַן — וואַרשא.

די קלישען זענען געמאַכט געוואָרען אין דער צינקאָגראַפיע „גראַפיקאָן“, וואַרשא, מאַרשאַלקאָווסקא 131.

Druk. B-ci Wójcikiewicz, Warszawa, Pawia 10.

פערלאג „טאגבלאט" ווארשא

6

שיחת-חולין
פון רבי מאיר שפירא

געזאמעלט פון זיינע פריינד און תלמידים

פרייז 40 גראשען

1934 תרצ"ד



פארווארט

פיעל, זעהר פיעל איז שוין געשריבען געוואָרען וועגען דער פענאָמענאַלע פערזענליכקייט פון אונפערגעסליכען לובלינער רב רבי מאיר שפירא זצ"ל. מען האָט באַוואונדערט זיין ענערגיע, מען האָט געשטוינט איבער זיין לומדות און גאונות, מען האָט באַגייסטערט פון זיין איבערגעגעבענהייט אין [illegible]. מען געפינט נישט קיין ווערטער פאר זיין אונערמידליכקייט און פאר זיין ליעבשאַפט צום לעבענס־ווערק, וואָס ער האָט געשאַפען, — ישיבת חכמי לובלין.

א בעזונדער קאַפּיטעל איז אָבער די שיחת חולין פון רבי מאיר שפירא זצ"ל. אין די דאָזיגע „שיחת חולין" ענטפּלעקט זיך פאר אונז די דאָזיגע מערקווירדיגע און סענסאַציאָנעלע פערזענליכקייט אין איהר נאַצענטן פשרנעהם.

איין טאָג וואָרט — און מיר האָבען שוין א קלאָרען בעגריף וועגען דער פּשטות, מיט וואָס רבי מאיר שפירא האָט זיך אויסגעצייכענט. א שאַרפזיניגע בעמערקונג — און עס שוועבט שוין פאר אונזערע אויגען אויף דאָס בילד פון דעם גייסטרייכען רבי מאיר שפירא. א בליציגער וויץ — אָבער וויפיעל מראַניזם באַהאַלט ער הינטער זיך.

דער קומענדער ביאָגראַף פון רבי מאיר שפירא, ווען ער וועט וועלען פאר דער יודישער געשיכטע שילדערען די דאָזיגע פערזענליכקייט, וועט ער זיך נישט בלויז מוזען בעשעפטיגען מיט דעם לעבענס־וועג פון גרויסען רב, ער וועט נישט בלויז מוזען ווענדען זיין בליק אין די אויסגעדליגע חיבורים וואָס רבי מאיר שפירא האָט איבערגעלאָזט אין כתב־יד, ער וועט נישט [illegible] מוזען איהם נאָכגעהן פון דער שטילער בוקאָווינע, וואו רבי מ[illegible] געבוירען געוואָרען, ער וועט נישט בלויז מוזען נאָכפאָלגען די אַלע ישיבות אין וועלכע דער יונגער מאיר שפירא האָט געלערענט, ער וועט נישט בלויז מיט איהם מוזען מיטגעהן אין דעם פערוואָרפענעם גאַליציישען שטעדטיל גלינא, וואו ער האָט דאָס ערשטע כסא הרבנות פערנומען, ער וועט נישט בלויז מיט איהם ווייטער מוזען געהן קיין סאַנאָק און פון דאָרט אין פּוילישען סיים, און פון דאָרט קיין פּיעטרקאָוו, און פון דאָרט איבערן אָקעאַן קיין אַמעריקא, און פון אַמעריקא זיך איבערוואַרפען קיין לאָנדאָן, קיין בערלין, קיין ווין, קיין פּאַריז און פון דאָרט צוריק אין דעם אַלטען יודישען לובלין, וואו ער האָט ענדליך געגלייבט און געהאָפט, ענדליך מנוחה צו בעקומען, אָבער וואו עס האָט מיט איהם געטראָפען אַזאַ אומגעריכט־טראַגיש אומגליק.

דער קומענדער ביאָגראַף וועט די אַלע וועגען מוזען דורכמאַכען, אָבער ווען ער וועט וועלען דערביי אויך פערשטעהן, ווען ער וועט וועלען, אַז דער וועג זאָל זיין אַ ליכטיגער און איהם פיהרען צום ציעל, צום דערקענען די פערזענליכקייט פון רבי מאיר שפירא — וועט ער מוזען אַנקומען צו זיינע שיחת־חולין, וועלכע דער גרויסער יוד האָט איבער די אַלע וועגען, איבער די שטעדט און שטעדטלעך, וועלכע ער האָט בערייזט — פערשפּרייט.

די זאַמלונג פון די „שיחת חולין", וואָס מיר געבען איבער פאַר די ברייטע לעזער־קרייזען, זענען געזאַמעלט געוואָרען נישט בלויז פון אַלע שטעדט און שטעדטלעך אין פּוילען, וועלכע רבי מאיר שפירא האָט אין פערלויף פון זיין קורצען לעבענס־לויף בעזוכט, נור זיי זע־

נען אַנגעקומען צו אונז פון אַלע גרעסטע יורישע קיבוצים אין אַמעריקאַ און אייראָפּאַ, וואו רבי מאיר שפּירא האָט געוואוינט, און מען האַלט נאָך היינט אין איין נאָכדערציילן זיינע גייסטרייכע „שיחת חולין”.

אָהן שום איבערטרייבונגען קענען מיר מיט דער גאַנצער זיכערהייט פעסטשטעלן, אַז מיט דער איצטיגער זאַמלונג פון „שיחת חולין פערלייכטערן מיר זעהר פיעל די אַרבייט פון זיין קומענדען ביאָגראַף.

אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די דאָזיגע געזאַמעלטע גוטע ווערטער פון רבי מאיר שפּירא האָבען בלויז אַן'אינטערעס און אַ חשיבות פאַר געלערנטע און היסטאָ=ריקער, פאַר מענשען וועלכע אינטערעסירען זיך ספּעציעל מיט געשיכטע און מאָנאָגראַפיעס. די איצטיגע זאַמלונג, וועלכע מיר געבען איבער אין די הענד פון דעם אַזוי דאַנקבאַרען יודישען לעזער=פובליקום, וועט אָהן ספק געלייענט ווערען מיט אַ פערכאַפּענדען אָטעם דורך יעדען יוד.

שלאָגפערטיגקייט, גייסטרייכקייט, אמת'ער יודישער שאַרפזין, הומאָר פון ערשטער ראַנג, שוואונג, איבערראַשענדע געדאַנקען=בליצען, פּרעכטיגע וואָרט=שפּיעלען, שפּרודעלדיגע פאַלקסטימליכקייט — דאָס אַלץ ענטהאַלטען די שיחת=חולין פון רבי מאיר שפּירא זצ"ל.

די „שיחת=חולין”,פון רבי מאיר שפּירא, ענטהאַלטען נאָך עפּעס. אין זיי שפּיגלען זיך אָב די וויכטיגסטע און אַקטועלסטע געשעהענישען אין יודישען לעבען אין פערלויף פון דער לעצטער צייט. רבי מאיר שפּירא האָט זיך לעבהאַפט פעראינטערעסירט מיט אַלע פראַגען און פּראָבלעמען פון יודישען לעבען, און אין דער צייט ווען אַנדערע האָבען געפּרובט די פערווי=קעלטע פראַגען און פּראָבלעמען צו לעזען מיט שווערע און לאַנגע חקירות און פּלפּולים, האָט רבי מאיר שפּירא געפונען גלייך דאָס קורצע און שלאָג=פערטיגע וואָרט, וואָס עפענט ממש די אויגען און מאַכט אַזוי אָרום קלאָר די זאַך.

ווען מען לייענט איצט די דאָזיגע „שיחת=חולין” וויקלען זיך פונאַנדער פאַר אונזערע אויגען בילדער פון די אַלע שטורמישע קאַמפען, מיט וועלכע דאָס יודישע לעבען איז אין די לעצטע צענדליגער יאָהרען געווען אַזוי רייך, שווימען אויף צוריק דאָס אַלעס וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט און גלייכצייטיג בלייבען מיר ערשטוינט דערפון, וואָס ווי צוגעפּאַסט עס זענען נאָך די אַלע ווערטער אויך צו דעם היינטיגען טאָג, אויך צו די פראַגען וואָס מאַטערען אונז נאָך יעצט, אויך צו דער יודישער ווירקליכקייט פון היינט.

ווען מען וויל געפונען די פּאַסיגע כאַראַקטעריסטיק פאַר די „שיחת=חולין” פון רבי מאיר שפּירא, איז וועניג זיי צו באַצייכענען אַלס שאַרפזיניגע און גייסטרייכע, אין זיי ענט=פּלעקט זיך אויך אמת'ע גאונות. מיט וואָסער וואונדערבאַרע מייסטערשאַפט באַנוצט ער זיך מיט דברי חז"ל, מיט אַגדה, מיט אַ פסוק. איבריגענס ווענען דעם דאַרף מען נישט פיעל ווער=טער פערלירען, איבערמישענדיג עטליכע בלעטלעך וועט דער לעזער זיך באַלד דערין איבער=צייגען.

מיט רבי מאיר שפּיראַ'ס ווערטלעך און „שיחת=חולין קוויקען זיך נאָך היינט טויזענ=דער און טויזענדער מענשען, וואָס האָבען געהאַט די זכי' איהם צו הערען רעדען. פון מויל צו מויל ווערען זיי איבערגעגעבען, פון שטאָדט צו שטאָדט ווערען זיי פערשפּרייט, אַרויסרופענ=דיג אומעטום באַגייסטערונג און באַוואונדערונג.

אָבער זעלטען ווייסט איטיצער אַז די שיחת=חולין האָבען געשפּיעלט אַ זעהר וויכטי=גער ראָלע אין לעבען פון רבי מאיר שפּירא זצ"ל. שווערע צייטען האָט דער דאָזיגער יונגער גאון דורכגעמאַכט. צייטען פון ביטערע ענטוישונגען, מאָמענטען פון אומעכטיגקייט און פון פערצווייפלונג, טעג פון צער און יסורים, וואָכען פון זיין געזונד איבער דער נאַרער וועלט, אויף דעם דאָזיגען ליידענס=וועג האָט ער געפונען התחזקות און ערמוטערונג אין די שיחת=חולין, מיט וועלכע ער האָט נישט בלויז זיינע נאָהנטע געטרייסט נאָר אויך זיך אַליין...

און ווען איהר, חשובע לעזער, וועט מיט אויפמערקזאַמקייט לייענען די איצטיגע זאַמ=

לונג חעט איהר געפונען א מין ביאגראפיע און ווערטפולער געצייכענטע נישט פון קיין אנדערען, ווי פון רבי מאיר שפירא אליין.

בעזונדערס וועלען די שיחות־חולין פון רבי מאיר שפירא זצ״ל זיין א בעלעהרענדער קוואל פאר דעם גאר יונגען דור, וועלכער האט שוין פון דעם גרויסען גאון געהערט, אבער גאר נישט געהאט די געלעגענהייט צו פערשטעהן זיין פערזענליכע גרויסקייט. פאר זיי וועלען אט די שיחות חולין זיין דער רעפלעקטאר אויף דעם וועג צוצוקומען צו דעם אינערליכען מהות פון אט דעם שעפערישען גאון, וועלכער וועט אויף לאנגע צייטען דינען פאר א מוסטער פון יודישען אידעאליזם און מסירות־נפש.

דעם צונויפגעזאמעלטען אונגעהויער רייכען מאטעריאל, האבען מיר סיסטעמאטיזירט און איינגעטיילט אין א גאנצע רייהע רובריקען, כדי לייכטער צו מאכען דעם לעזער דאס אריענפירען זיך אין זיי.

צום סוף נאך איין בעמערקונג. די זאמלונג פון רבי מאיר שפירא׳ס שיחת־חולין, וועט בלייבען אן׳אונערשעפליכער אוצר פאר דעם יודישען פאלקלאר.

פאר אט די זאמלונג פון ווערטער און שיחות־חולין פאסט זיך זעהר פרעכטיג דער מאמר חז״ל: „שיחות־חולין של תלמידי חכמים צריכים למוד״.

תורה-ווערטלעך

דער חילוק צווישען האָבען ש״ס אין שאנק און האָבען ש״ס אין קאָפּ

איינער האָט ש״ס אין שאַנק און איינער — אין קאָפּ. דער חילוק צווישען זיי ביידע איז — האָט דער רב ז״ל געזאָגט — וואָס דער ערשטער איז אַ שומר חנם און ער איז פּטור מגנבה ואבדה און דער אַנדערער איז אַ שומר שכר און ער איז חייב בגנבה־ואבדה...

(משה קאָוואַלאָווסקי, כעלם)

פאַר יעדען אַנ׳אַנדערער פּסוק

אַ גביר האָט געפרעגט דעם לובלינער רב זצ״ל:

— רבי, איהר בויט אַ ישיבה — אַ פּראַכט־בנין מיט בעקוועמליכקייטען און קאָסט־פּאַרט. אַפּעהר עס שטעהט דאָ״: „פּת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה, ובתורה אתה עמל״?

געענטפערט איהם דער רב:

— אין פּסוק שטעהט „עבד לוה לאיש מלוה״ (משלי) אין אַ צווייטען פּסוק שטעהט „לא תשכב בעבוטו כי עני הוא״, איז עס דאָך אַ סתירה! נאָר וואָס דען? דעם ערשטען פּסוק דאַרף געדענקען דער לוה און דעם צווייטען — דער מלוה; הכי נמי, דאָ איז אויך אַזוי: דער מאמר „פּת במלח תאכל וכו׳״ דאַרף געדענקען דער לערן־בחור, האַנגעגען פאַר די, וואָס דאַרפען שטיצען די ישיבות, זיי דאַרפען געדענקען אַנ׳אַנדערען פּסוק, דעם פּסוק „עץ חיים היא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר״...

(אברהם בריש, סאָמפּאָלנאָ)

דער ווערט פון א יוד

ס׳האָט אַמאָל דעם לובלינער רב געפרעגט, וואָס׳ער סמיכות הפּרשיות ס׳איז פאַראַן צווישען דער תוכחה און דער פּרשת ערכין.

— ווען איור וועט לייענען די תוכחה — האָט דער רב געענטפערט — קען ער דאָך בּיי זיך זעהר נעפאַלען ווערען און מיינען, אַז דער יוד האָט שוין טאַקי נאָר קיין ווערט נישט, האָט איהם די תורה געוואָלט ווייזען, אַז יעדער יוד, ווי און וואָס ער זאָל נישט זיין, קוים איז ער נאָר עלטער ווי אַ חודש, איז ער שטענדיג נאָך עפּעס ווערט...

(א. בעכלער)

מדה כנגד מדה

דער לובלינער רב האָט אין אַ דרשה אויסגעטייטשט דעם פּסוק: „רחוק מרשעים ישועה כי חוקיך לא דרשו (תהלים י״ט) אויף פאָלגענדען אופן:

דער חלוק צווישען „ישועה״ און „עזרה״ בעשטעהט אין דעם, וואָס „עזרה״ בעדייט אַ הילף איבער׳ן נאַטירליכען וועג, עפּ״י דרך הטבע, האַנגעגען „ישועה״ הייסט אַזאַ הילף, אויף וועלכע מ׳קען זיך עפּ״י דרך הטבע נישט ריכטען.

„חוקים״ ווערען אָנגערופען אַזעלכע מצוות, וועלכע זענען נישט פערשטענדליך פאַר׳ן

שכל און בפירוש נישט וועלכעס־פערשטענדליך. למשל די מצוה פון „פרה אדומה" רופט די תורה אז „זאת חוקת התורה". אזעלכע מצוות זענען בידוע פאראן א היפש ביסעל. שהוען פתוח ווי נאר דער, וועד ס'גלויבט אין תורה מן השמים.

עס זענען אבער אויך פאראן אזעלכע מצוות, וועלכע עס זענען מקיים אפילו רשעים וועלכע גלויבען נישט אין דער נ—טלכקייט פון דער תורה. דאס זענען די מצוות שכליות, של משל נישט עובר זיין אויף שפיכות דמים, אויף גזלה, גנבה אא"וו.

דער רבונו של עולם, וועלכער איז דן די מענשען לויט זייערע אייגענע מעשים, מדה כנגד מדה, איז זיך נוהג מיט די רשעים אזוי, ווי זיי זענען זיך נוהג מיט דער תורה און מצוות. זענען זיי מקיים פון די מצוות נאר דאס, וואס זיי פערשטעהען, העלפט זיי אויך דער אייבערשטער נאר אויף אזא'אופן, וואס איז נאטירליך און פערשטענדליך, עפ"י דרך הטבע. קיין אומנאטירליכע ישועה שיקט ער זיי נישט צו.

רחוק מרשעים ישועה (די ישועה איז ווייט פון די רשעים), כי חוקיך לא דרשו (ווייל זיי היטען נישט די „חוקים"). מדה כנגד מדה.

(הרב י. ל. טענעס, לאדז)

גרויס און קליין

אויף א סיום־פייערונג פון מס' יומא האט אמאל דער לובלינער רב געזאגט:

די גמרא זאגט אויפ'ן פסוק „ונתן מדם הפר ומדם השעיר", אז מ'האט בוידע בלוטען אויסמישען און דאן ערשט שפריצען פונ'ם אויסגעמישטען בלוט. די תורה וויל הערמיט ווייזען אז דער גרויסער מוז זיך אויסמישען מיט'ן קליינעם. ער טאר זיך נישט האלטען פון דערווייטענס. ערשט דאן קען קומען די אמת'ע מחילה אויף די זינד...

(א. בעכלער)

דער חלוק צווישען חסידישען און מתנגדישען לערנען

מ'האט אמאל געפרעגט דעם לובלינער רב, צי צווישען דעם לערנען אין „ישיבת חכמי לובלין" און א ליטווישער ישיבה איז פאראן עפעס א חילוק.

— אזא חילוק ווי צווישען א חסיד און א מתנגד — האט דער רב געענטפערט.

— ?

— אט וועל איך אייך מסביר זיין, וואס איך מיין מיט מיינע ווערטער צו זאגען — האט דער רב געזאגט, ווען ער האט געזעהן די פערוואונדערטע מינע פון שואל:

— עס זענען אמאל געזעסען צוויי בחורים — א חסיד און א מתנגד — און האבען געלערנט די גמרא סוכה. ווען זיי זענען געקומען צו דער שטעלע: „אמרו עליו על יונתן בן עוזיאל בשעה שהי' יושב ועוסק בתורה עוף הפורח באויר מיד נשרף", האבען זיי זיך ביידע פערטראכט.

— וואס טראכסטו? — האט דער מתנגדישער בחור געפרעגט דעם חסידישען.

— איך טראכט וועגען דער מורא'דיגער קדושה פונ'ם הייליגען תנא יונתן בן עוזיאל, וואס האט דערגרייכט צו אזא איבערמענשליכער מדרגה — האט געענטפערט דער חסיד.

— און וואס האסטו געטראכט? — האט ער ווידער געפרעגט דעם מתנגד.

— איך האב געטראכט וועגען דין — האט דער מתנגד געענטפערט — צי יונתן בן עוזיאל וואלט געווען מחויב צו בעצאהלען פאר'ן פערברענטען עוף, ווען דער עוף וואלט געווען עמיצענס אנ'אייגענטום.

(א. א. פאסירמאן, קיעלץ)

דער תקון פונ'ם „דף היומי"

רעדענדיג וועגען דער בעדייטונג פון „דף יומי" האט דער לובלינער רב זיך אויסגעדריקט אז ר'האפט, ווען אלע יודען וועלען לערנען דעם דף יומי, דאן וועט געפונען ווערען א תקון צום

מקור פון די קליפות, וואס שטאמט פונ'ם נחש הקדמוני. ער האט זיינע ווערטער געשטיצט אויפן פאלגנדען מאמר התלמוד.

די גמרא זאגט אין בכורות דף ח', אז אין די וועלטען פון „היי" און „צומח" נעמענט מען פערשידענע מינים, וועמענס ימי העיבור דויערן א גלייכע צייט. ביי א בהמה דקה דויערן זיי פינף חדשים, דעסגלייכען א ווינשטאק גיט ארויס פירות צו פינף חדשים אא"וו.

איין אויסנאהם — זאגען די חז"ל — איז דא — די שלאנג. „לאותו רשע לא מצינו חבר". די „ימי העיבור" דויערן ביי איהם זיבען יאהר און ס'איז נישטא קיין שום נמיעה, וואס זאל ארויסגעבען פירות ערשט נאך זיבען יאהר.

ביים „דף היומי" — האט דער רב געזאגט — פרעפען מיר פירות ערשט נאך זיבען יאהר. מ'הויבט אן היינט צו לערנען און מ'איז מסיים ש"ס ערשט נאך זיבען יאהר. די תורה איז „עץ הדעת". אט דער דאזיגער בוים איז דער „זה לעומת זה" צום נחש, דעם רשע. דורכ'ן „דף היומי" וועט ער געבען פירות וואס וועלען מתקן און ממתיק זיין די קליפות, וואס זענען די פרות פונ'ם נחש הקדמוני.

(הרב יצחק ווייסבראט, יעדליניש)

מען דארף בעטען מחילה פאר א רעה, וואס ס'איז דערפון ארויסגעקו' מען א טובה

ויצוו אל יוסף לאמר, אביך צוה לפני מותו לאמר, כה תאמרו ליוסף, אנא שא נא וגו' (פ' ויחי)

וואו שטעהט עס, אז יעקב האט געהייסען די זאך, אז זיי זאלען בעטען ביי יוסף'ן ער זאל זיי מוחל זיין, פאר דעם וואס זיי האבען איהם פערקויפט?

דער רב ז"ל האט דאס אזוי פערענטפערט:

דער שולחן-ערוך פסק'נט, אז מען איז מחוייב איבערצובעטען דעם, וועמען מ'האט געטהון שלעכטס. אבער די בני-יעקב זענען געווען מסופק, צי דארף מען אויך בעטען מחילה פאר א רעה, פון וועלכע עס איז נאכהער ארויסגעקומען א טובה (יוסף איז געווארען אין מצרים עולה לגדולה) אבער אז זיי האבען געזעהן, אז זייער פאטער יעקב האט פאר'ן טויט געבעטען ביי יוסף'ן מחילה, פארוואס ער האט קובר-געווען זיין מוטער רחל אינמיטען וועג, כאטש עס איז דערנאך דערפון ארויסגעקומען א טובה (ווען נבוזראדן האט פערטריבען די יודען אין גלות, זענען די יודען פערביינגעגאנגען רחל'ס קבר וכו'. רש"י), האבען זיי דערי-בער געזאגט צו יוסף'ן „אביך צוה לפני מותו", אז מען דארף בעטען מחילה אפילו פאר א רעה, וואס ס'איז דערפון ארויסגעקומען א טובה, דעריבער — „אנא שא נא וגו'...

(לייב האבער)

פריהער ארץ-ישראל, נאכהער תשובה

אויף דער בעוואוסטער גמרא „אל יפטור אדם מחברו אלא מתוך דבר הלכה", פירט אוים דער ירושלמי „מאי הלכה? יחיד ורבים הלכה כרבים".

האט דער לובליער רב ז"ל געפרעגט: פארוואס גראד עפעס די דאזיגע הלכה?

און ער האט אזוי געענטפערט:

ווען די יודען זענען געווארען פערטריבען פון ארץ-ישראל אין גלות אריין, האט זיך אנגעהויבען א וויכוח צווישען די כנסת-ישראל און כביכול: די כנסת-ישראל האט גע'טענה'ט: „השיבנו ד' אליך — ונשובה" קעהר אונז פריהער צוריק קיין ארץ-ישראל, וועלען מיר נאכהער טהון תשובה! האט אבער כביכול גע'טענה'ט: „אשובה — ונשובה אליכם", פריהער טהוט תשובה, דערנאך וועל איך אייך צוריקקעהרען קיין ארץ-ישראל!

די הלכה בלייבט טאקי ווי די כנסת-ישראל — האט דער רב ז"ל אויסגעפיהרט — א ראי' זענען די דריי שבתים אין יאהר, וועלכע מיר רופען-אן לויט דער הפטורה: „שבת-חזון",

[illegible]

„שבת־נחמו" און „שבת שובה". מיר זעהען, אז באלד נאך שבת־חזון, נאך דעם גלות, קומט די גאולה: עס קומט צונ'ערשט שבת־נחמו און נאכהער ערשט שבת־שובה.

דעריבער — האט דער רב ז"ל פערענדיגט — ווען איינער געזעגענט זיך מיט'ן אנ־דערען, דארף ער מעורר־זיין יענעם די הלכה פון פרויערינגען מאמענט אין דער יודישער מער־פיראלאגיע און וועלכען מיר האבען זיך געזעגענט מיט אונזער הייליג לאנד: אז צום ערשט מוז קומען די גאולה און נאכהער וועלען די יודען טהון תשובה, ווייל אין דער פלוגתא צווישען כנסת־ישראל און כביכול, איז „יחיד ורבים הלכה כרבים", כביכול איז נאר א יחיד, יחידו של עולם

(ח. י. וואסערשטראם, מארקישאוו)

ווי אזוי ג—ט האט בעשאפען דעם מענש

דער מדרש זאגט, אז בשעת הקב"ה האט געוואלט בעשאפען דעם מענש האט ער זיך בעראטען מיט די מלאכים: „נעשו מלאכי־השרת כתין־כתין, חבורות־חבורות, מהם אימרים: יברא! ומהם אומרים: אל יבהא!" און דער מדרש פיהרט אויס: „עד שמלאכי השרת מדיינין אלו עם אלו ומתעסקין אלו עם אלו, בראו הקב"ה. אמר להן: מה אתם מדיינין? כבר נעשה אדם!

האט דער לובלינער רב ז"ל געפרעגט: ערשטענס, צו וואס האט כביכול בעדארפט זיך שואל־עצה־זיין ביי די מלאכים? צווייטענס, אויב ער האט זיך שוין יא ביי זיי שואל־עצה־געווען, האט ער דאך בעדארפט ווארטען אויף זייער ענטפער און נישט „עד שמלאכי השרת מדיינין אלו עם אלו — כבר נעשה אדם"!

און ער האט אזוי געענטפערט:

— מיר וויסען, אז אלץ וואס כביכול האט בעשאפען אויף אונזער וועלט, האט ער פריהער געהאט בעשאפען אין הימעל! און מיר וויסען דאך, אז ווען איין מענש זאגט יא, זאגט דער צווייטער ניין, זאגט איינער טאג, זאגט דער צווייטער נאכט, וואלט דאך אויסגע־קומען, אז אין הימעל זאל אויך זיין אזוי. אבער אין הימעל איז אלץ לויטער אמת און אמת איז נור דא איינער. פון וואנען זשע האט דער רבש"ע געוואלט אראפנעמען די צורה צו בעשאפען דעם מענש אויף דער ערד, וועלבער האט בעדארפט ארויסקומען אנדערש ווי אין הימעל פיהרט זיך? האט דעריבער די מלאכים געגעבען פרייע הענד, זיי זאלען ארויס־זאגען זייער מיינונג; אזוי ווי נור די מלאכים האבען זיך אנגעהויבען אמפערען און שפארען און מתווכח־זיין, האט כביכול פאר זיך דערזעהען די אמת'ע צורה פון מענש: מחלוקת, פירודי־הדעות, וואס איינער זאגט, זאגט דער צווייטער קאפויר, און אזעלכען האט כביכול בעשאפען דעם מענש...

(ב. מ. דרוק, טשארטקאוו)

עס ווענדעט זיך אקעגען וועמען מען זאגט

עס איז פאראן א מדרש: גדול מה שנאמר במשה, יותר מבאברהם אבינו! אברהם אבינו האט געזאגט: „ואנכי עפר ואפר", אבער משה רבנו האט געזאגט „ונחנו מה?"

האט דער לובלינער רב ז"ל געפרעגט: מיט וואס איז „ונחנו מה" גרעסער פון „ואנכי עפר ואפר"?

און ער האט דערויף געענטפערט מיט א מעשה:

דער „יערות דבש" האט געהאט א מנהג, צו דאווענען ימים־נוראים, געבען א יוד וואס דאווענט מיט א צובראכען הארץ. האט ער שוין געהאט אין זיין שטאדט אזא יוד, וואס פלעגט ביים דאווענען מרבה־זיין בבכיות און פערגיסען א סך טרעהרען, איז דער „יערות דבש" גאנץ ימים־נוראים געשטאנען נור נעבען איהם.

איינמאל איז דער „יערות דבש" געווען אין יום־כיפור פערוואנעלט אין דער פרעמד און היות ער האט נישט געוואלט משנה־זיין פון זיין מנהג, איז ער ערב יום־כיפור צו מנחה ארומגעגאנגען צווישען עולם מתפללים, זעהען ווי אזוי יעדער איינער דאווענט.

װײַטער דערזעהט ער שמעהען שמונה־עשרה אַן אַלטען פּראָסטען ייד װעלכער װײנט און פּערניסט פרעהרען אויפ׳ן מחזור. בײם סוף שמונה־עשרה, הערט ער װי דער אַלטער פּייטשט זיך אַליין מיט אַ װיינענדיג קול: „עפר אני בחיי, קל־וחומר במיתתי — אַז איך בין בײם לעבען ערד — װעל איך דאָך נאָכ׳ן שטאַרבען אודאי זיין ערד!"

— דאָס איז אַן׳עהרליכער ייד, — ער האָט געטראַכט באמת מיט אַ צובראָכען האַרץ! — פאַרבײ בײ זיך דער „יערות דבש". ער איילט אַהיים אָבעסען די סעודה־המפסקת און קומען צו כל־נדרי דער ערשטער אין שוהל, כדי צו פּערכאַפּען אַן׳אָרט נעבען אָט דעם ייד.

און דער דאָזיגער ייד האָט טאַקי דעם „יערות דבש" ממש צענומען מיט זיינע געוויי־נען בײם דאַוונען. ער האָט אַלץ נאָס געמאַכט מיט טרערען.

יום־כיפור בײטאָג, צו קריאת־התורה, האָט דער גבאי דעם דאָזיגען ייד אויפגערופען צו רביעי. און דאָ איז דער ייד אַרויס אויפ׳ן גבאי מיט אַ כעס און זידלעריי:

— דו אַזיינער און אַזעלכער! װאָס מיינסטו דאָס מיט דיר? בעריל פאַרד װעסטו געבען שלישי און מיר — רביעי?! איך בין דיר נישט אַזאַ שעהנער ייד?!

דער „יערות דבש" איז געבליבען ערשטוינט פון דאָזיגען בילד און ער פרעגט דערנאָך דעם אַלטען:

— ר׳ ייד, איהר האָט דאָך ערשט נור־װאָס געזאָגט: „איך בין בײם לעבען ערד"!

— צו װעמען האָב איך אַזוי געזאָגט? — ענטפערט דער אַלטער — צו ג—ט האָב איך אַזוי געזאָגט! אקעגען ג—ט בין איך נישט מעהר װי ערד; אָבער אַקעגען בעריל פאַרד בין איך אַ שעהנערער ייד פון איהם!!

און דער לובלינער רב ז״ל האָט אויסגעפיהרט:

— אברהם אבינו האָט צו ג—ט געזאָגט: „ואנכי עפר ואפר". דאָס איז נישט אַזאַ געװאַלדיגע רבותא. אָבער משה רבנו האָט געזאָגט „ונחנו מה" — צו קרח׳ן, אפילו אַקעגען קרח׳ן, האָט ער זיך געהאַלטען פאַר נישט מיט גישט...

(הרב מנחם מאַניש רובין, דראָהביטש)

װי אַזוי מ׳דאַרף געבען צדקה

דער לובלינער רב איז, װי באַװאוסט, געװען אַ גרויסער פּזרן און בעל צדקה. פּיעל צדקה פלעגט ער צו געבען בצנעא, קײנער זאָל דערפון נישט װיסען.

װען ער האָט געזעהען װעגען צדקה האָט ער אונטערגעשטראָכען די װיכטיגקייט פון מתנת בסתר. װער עס גיעט בסתר בעװײזט, אַז ער האָט נישט דערבײ קײן שום זייטיגע פּניות, אַז ער מיינט לשם שמים און נישט, כדי זיך צו מאַכען אַ נאָמען.

דערמיט פלעגט ער צו טייטשען דעם פּסוק: „הגיד לך אדם מה טוב, מה ה׳ דורש ממך, כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלקיך" (מיכה ו׳).

װי מיר װייסען איז פּערהאַן אין דער שירה פון תנ״ך דער כלל פון הקבלה, לויט װעלכען דער רעיון פון איין האַלבען פּסוק איז אָפט די ערגענצונג פון דער צװײטער העלפט.

אָט אַזאַ פאַל האָבען מיר אויך דאָ.

די ערגענצונג פון די װערטער „הגיד לך אדם מה טוב" איז די אַנדערע העלפט פונ׳ם פּסוק „כי אם עשות משפט ואהבת חסד", די ערגענצונג װידער פון די װערטער: „מה ה׳ דורש ממך" איז דער סוף פונ׳ם פּסוק „והצנע לכת עם אלקיך".

דער פּסוק װאָלט אַזוי אַרום געדאַרפט אין הסכם מיט׳ן רעיון אַזוי צו לויטען:

הגיד לך אדם מה טוב,\
כי אם עשות משפט ואהבת חסד,\
ומה ה׳ דורש ממך:\
והצנע לכת עם אלקיך.

דער נביא זאָגט אַזוי:

טראַכטע נוטס, ווייל די מענשליכקייט דיקטירט דיר אזוי, דאן וועט ביי דיר וויכטיג זיין
דער פרטים, אז מ'זאָל דיך ליבען מיט'ן „עשות משפט ואהבת חסד", אָט גור דאָס („כי
אם"...) וועט ביי דיר זיין דאָס וויכטיגסטע.
טהוסטו ניטס, ווייל די מענשליכקייט דיקטירט דיר אזוי, דאן וועט ביי דיר וויכטיג זיין
איבערזעלבסטע דערמיט און נישט זוכען קיין פרסום.

הרב י.־ל. בענעט

ישראל קדושים הן

אין מסכת שקלים פרעגט די גמרא: פאַרוואָס ביים עגל שטעהט, אז ס'האָבען גע־געבען געלד „כל העם", דאָס גאַנצע פאָלק, און ביים משכן האָבען געגעבען געלד בלויז די נדיבים, „כל נדיב־לב"?

ענטפערט די גמרא: „ישראל קדושים הן, נתבעין לעגל ונתנו, נתבעין למשכן ונתנו".

האָט דער לובלינער רב ז"ל געפרעגט: מיט וואָס זשע איז דאַדורך די קשיא פאַר־ענטפערט?

און ער האָט אזוי געזאָגט:

— געוועהנליך, אז מען קומט צו איינעם בעטען געלד אויף „תרבות", וואו פרייגע־זאָגענע לעהרער ערציהען די קינדער אין כפירה־גייסט, זאָגט מען, אז „תרבות" איז א גאַ־ציאָנאַלע זאַך, מען פלאַנצט דאָרט איין אין די קינדער נאַציאָנאַלע שטאָלץ און נאָך אזעלכע אויסגעטראַכטע שבחים. דאַדורך ניט דער נותן געלד. אזוי איז אויך געווען ביים עגל: מען האָט נישט געזאָגט די יודען, אז מען זאַמעלט געלד אויף א קאַלב, אויף אַן'אָבגאָט, ווען מען זאָגט זיי דאָס, וואָלט קיינער קיין קרישקע געלד נישט געגעבען. נור מען האָט זיי געזאָגט: „אלה אלהיך ישראל!" דאָס איז דיין גאָט, דיין בעשיצער! האָבען דעריבער געגעבען געלד „כל העם", ס'גאַנצע פאָלק. אָבער, ווען ס'איז געקומען צו זאַמלען געלד פאַר'ן משכן, האָט דאָס פאָלק געדענקט, אז מ'האָט זיי דאָס פאָריגע מאָל אָבגענאַרט, גענומען ביי זיי געלד פאַר עפּעס א קאַלב, א געמישעל, און זיי האָבען דאָסמאָל שוין נישט געוואָלט געבען. כ'האָ־בען דעריבער געגעבען בלויז די נדיבים. (משה דוד שיף, טאָרנאָוו).

ווענן דעמזעלבען, האָט דער רב ז"ל ביי א צווייטע געלעגענהייט אזוי געזאָגט:

— ווען פונקט מיט אזא פּאָמפּע און האַרמידער ווי עס איז ביי „נתבעין לעגל", ביים זאַמלען געלד אויף שעדליכע צוועקען, עס ווערלען זאַמלען געלד די „תובעים למשכן", די עסקנים פאַר דברים טובים — וועט אויך זיין „נותנים"... לײדער אָבער קענען מיר נישט אָנמאַכען אזא רעש און טאַראַראַם. מיר טהון אונזער אַרבייט שטיל, בעשיידען, אָהן שרייע־דיגע רעקלאַמע. „דברי חכמים בנחת נשמעין". (חנוך דוד האַנערמאַן, זשוריק).

די יודישע יוגענד

„אם מזרע היהודים הוא נפול תפול לפניו" דער מדרש זאָגט: בשעת המן האָט ארויסגעגעבען, די גזרה פון להשמיד ולהרוג — האָט מרדכי געלערנט מיט די קינדער הל' קמיצה — דאָס ענין איז: ביי דער מנחה, האָט דאָס וואָס דער כהן האָט אראָבגענומען מיט'ן פינגער — געהייסען קמיצה דאָס איבריגע שיריים. אין פלוג איז עס נישט פערשטענדליך. שיריים הייסט דאָך, דער מיעוט וואָס בלייבט איבער? די פוסקים זאָגען אָבער, אז מ'קוקט נישט אויפ'ן כמות פון דער זאַך, נאָר אויפ'ן איכות און דער עיקר איז דאָך די קמיצה. אין דעם פאַר יורען קאַטאַסטראָפאַלען מאָמענט, ווען עס האָט דעם יודישע פאָלק געדראָהט א נייסטיגע און מאַטעריעלע פערניכטונג האָט מרדכי צוזאַמענגענומען די יודישע יוגענד און האָט איהר מסביר געווען דעם דין פון קמיצה און שיריים, ער האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז דער עיקר זענען נישט די גרויסע מאַכטען, דער עיקר איז אָבער, דאָס שוואַכע

און פליגע יודישע פאָלק, וואָס שטעהט מיט זיין תורה העכער פאַר אַלע זייגע בעדריקער, מרדכי האָט געפּרעדיגט דער יוגענד הל' קמיצה... דאָס איז ווייטער דער מיין: „אם מזרע היהודים הוא נפל תפל לפניו". זרש האָט געזאָגט צו המנ'ען, אויב מרדכי'ס כח איז מיט דער יודישער יוגענד — דאַן נפל תפל לפניו — דאַן מוזטו דורכפאַלען...

(שמואל לאַנדוי, טשאַרטקוב)

פערשידענע שטיינער

ביים מקושש עצים זאָגט די תורה: „וירגמו אותו... „באבנים", דאַגעגען ביים מקלל שטעהט — „באבן" דער ענין איז: די חז"ל זאָגען: „מקושש זה צלפחד". צלפחד איז מיט זיין דאָזיגען מהאַט איסען געוועזן צו וויזען די יודען, ווי גרויס דער עונש פון חילול־שבת איז. נישט אַלע האָבען דאָס אָבער פערשטאַנען און ווען די מעשה איז געשעהן, זענען אַרום דעם ענין ענטשטאַנען פערשידענע מיינונגען, טייל האָבען דערין געזעהען, צלפחד'ן אַלס צבועק, בלומרשט געהט ער אָן פאַר אַנ'עהרליכען יוד, אין אמת'ן איז ער עס נישט, טייל ווידער האָבען איהם געפרובט פערענטפערען, טייל האָבען גלאַט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען דערויף, דאַרום שטעהט: וירגמוהו כל העדה „באבנים", פערשיינט האָבען איהם אַלע, אָבער מיט אַ סך שטיינער, יעדער מיט אַנ'אַנדערער כוונה, דאַגעגען ביים מקלל זענען אַלע געווען איינשטימיג, דערפאַר שטעהט „באבן".

(שמואל לאַנדוי, טשאַרטקוב)

דאָס חנוך־פּראָבלעם

עס איז געווען ביי סיום מס' נדה, דער רב ז"ל האָט ביי דער געלעגענהייט געהאַלטען אַ רעפעראַט איבער חינוך, צום סוף, רופט ער אויס: „הדרן עלך תינוקת וסליקא לך מס' נדה". עס איז בעקאַנט, דאָס די יודען, ווען זיי געהען נישט בדרך התורה, זענען זיי בבחינת נדה, ווען כ'זועט זיין „הדרן עלך תינוקת", ווען מיר וועלען זיך צוריקקעהרען צום יוגענד־פּראָבלעם, צו דער חינוך פראַגע, דאַמאָלס איז „סליקא לך מס' נדה" וועט אַוועק דער „נדה" פעריאָד" פון יודישע פאָלק.

(שמואל לאַנדוי, טשאַרטקוב)

מען דאַרף וועקען

„בקש כ"ג להתנמנם הי' פרחי כהונה מכין באצבע צרדה: אישי כ"ג עמוד וכו' — ווען די עלטערע שעהבע יודען פערפאַלעטיגען די פערשידענע אַרבייטען פאַר היזוק־התורה, זיי שלאָפען און מהועו נאַרנישט — דאַמאָלס איז די פליכט פון די פרחים — די רעליגיעזע יוגענד זיי אויפצווועקען פון זייער לעטאַרגיע און זיי אויף די פיס צו שטעלען.

(שמואל לאַנדוי, טשאַרטקוב)

עבר און עתיד

„ואנכי עפר ואפר". עפר־ערד איז דער סימבאָל פון עתיד. די ערד האָט פאַר זיך אַ צוקונפט, זי קען ארויסגעבען פירות, אויף איהר קען מען פויען א. ד. גל. אפר — אש דאָס איז דער סימבאָל פון עבר, אש האָט געהאַט אַ פערגאַנגענהייט. אָט אַזוי איז דאָס יודישע פאָלק, עס איז דאָס פאָלק פון עבר און פון עתיד.

(שמואל לאַנדוי, טשאַרטקוב)

ידו של אדם

„ידו של אדם חשובה לו כד' על ד'" — אויב אַ יוד איז מחזיק די תורה, איז גלייך ווי ער וואָלט אַליין געלערנט און פערבראַכט אין די ד' אמות של הלכה...

(שמואל לאַנדוי, טשאַרטקוב)

אויסגעטייטשט א פסוק

איינמאל האט דער רבי בעמערקט, אז בשעת קריאת התורה מאכט מען אין שטאט־מישען בית מדרש א סך הוספות, כדי אויפצורופען א סך בעלי־בתים, וואס זאלען מנדר זיין לטובת א צדקה־זאך. האבען זיך א טייל בעלי־בתים געקרימט, בכן עס געדויערט לאנג דאס לייענען. האט דער רב געענטפערט מיט א שמייכעל: עס איז דאך א פּירושער פסוק:

למען צדקו (כדי צו שאפען א סך געלד אויף צדקה) יגדיל תורה (מאכט מען גרויס די תורה, א סך הוספות) ויאדיר (און מען איז מנדר נדרים)!

(י. גערטנער, — שידלאוויץ).

דער דירעקטער שולדיגער

„מי זה ואיזה הוא — איש צר ואויב המן הרע הזה". ס'פרעגען אלע, אחשורוש אליין האט דאך געגעבען זיין הסכמה, וואס פרעגט ער „מי זה? נאר דער פשט איז אזוי: ס'איז פערהאנען „זה" און „הוא". „זה" איז א דירעקטע בעצייכנונג, „הוא" איז נישט קיין דירעקטע. אחשורוש האט זיך געוואלט איבערצייגען, צי אסתר ווייסט ווער ס'איז דער דירעקטער שולדיגער און ווער דער אונדירעקטער: ער פרעגט זי „מי „זה" ואיזה „הוא". אסתר ענטפערט „איש צר ואויב המן הרע ה„זה" המן איז דער דירעקטער שולדיגער.

(שמואל לאנדוי, מישארטקוב)

א מצוה דארף מען טהון מיט התלהבות

אין פ' וישלח אויפן פסוק עם לבן גרתי זאגט רש"י עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי לא למדתי ממעשיו הרעים.

האט דער רב ז"ל געפרעגט: די לעצטע ווערטער זענען דאך אין פלוג איבעריג. אז יעקב אבינו האט אבגעהיט די תרי"ג מצות ממילא האט ער זיך דאך נישט אבגעלערנט פון לבנ'ס מעשים.

נאר דער מכוון פון רש"י הקדוש איז: איך האב טאקי אבגעהיט די תרי"ג מצות, אבער איך האב זיך נישט אפגעלערנט פון לבן צו טהון א מצוה מיט אזא פרעך און מיט אזא התלהבות ווי לבן פלעגט טהון אנ'עבירה. ולא למדתי איך האב זיך קיין לימוד נישט ארויסגענומען ממעשיו הרעים, — ווי ער פלעגט טהון א מעשה רע!

(י. שפירא — בענדין).

קאפויער געפרעגט און קאפויער געענטפערט

ביי לוט'ן שטעהט „האחד בא לגור וישפוט שפוט". האט דער רב געפרעגט: וואס איז דער וואונדער, די סדומיים זענען דאך געווען אנדערש ווי די גאנצע וועלט, דארף דאך טאקי זיין אז א פרעמדער זאל זיין דער גאנצער בעל־דעה.

דער תירוץ איז אבער, אז דער פרעגער איז דאך אליין געווען א סדום'ער, האט ער געפרעגט פונקט דעם היפך ווי דער שכל הישר האט מחייב געווען.

(י. גערטנער — שידלאוויץ)

נישט פערקוקט און נישט פערשלינגען

ביי משה רבנו שטעהט „לא כהתה עינו ולא נס ליחו — עס איז נישט טונקעל געווען זיין אויג און עס איז נישט פערשווינדען די פייכטקייט. פרעגט זיך, וואס עפעס פונקט די דאזיגע צוויי זאכען?

נאר דער תירוץ איז, אז היינטיגע צייט, ווען מען ווערט א שטיקעל מנהיג, פערקוקט מען שוין אנ'עולה וואס א בעל־הבית טהוט און מען שלינגט אראב א דבר גבלה. משה רבנו, דערציהלט אונז די תורה, האט אויף קיינעם נישט מכפה געווען. ער האט נישט פערקוקט און נישט פערשלינגען. קוים האט ער געזעהען אנ'עולה האט ער זיך בעמיהט עס גלייך

וויסצובעסערן, ער האָט נאָך קיינעם נישט נעפרענט. דאָס איז דער טייטש: לא כהתה עינ
ער האָט נישט פערקוקט) ולא נס ליחו (ער האָט נישט פערשלינגען).

כל המיצר לישראל

שמועסענדיג וועגן הימלערן, האָט זיך עמיצער אָנגערופען: עס שטעהט דאָך אזוי
ל המיצר לישראל נעשה ראש...

— דער פשט קאָן אָבער זיין אַנ׳אַנדערער — האָט זיך דער רב ז״ל אָנגערופען: כל
מיצר לישראל פאַרוואָס קומט די גאַנצע גרעניץ די יודען? (מיצר — גרעניץ) א נחלה בלי
צרים (א נחלה אָהן גרעניצען) ווייל נעשה ראש — ווייל זיי האָבען געמאַכט דעם נעשה
ער אַנ׳אָנהויב, נעשה פאַר נשמע...

(מ. רובין — מאָמאַשאָוו-לוב.).

וועגן רבי נחמן בּרעסלאווער זצ״ל

אין יאָהר תרצ״ג, אויף אַנ׳אַסיפה פון לאָדזער סניף יח״ל האָט דער רב זצ״ל דער
עהלט פאָלגענדע געשיכטע:

פאַר אַכט יאָהר צוריק איז ער געווען אין מאַריענבאַד, וואו עס האָבען זיך געפונען
יינינע גדולי הדור. ערב תשעה-באָב אין אָוונד איז ער אַריינגעגאַנגען צו איינעם פון אָט
גדולי הדור וועגען א געזעלשאַפטליכען ענין און עס האָט זיך בעת מעשה ענטוויקעלט
געשפּרעך וועגן רבי נחמן בראַסלאַווער זצ״ל.

דער אדמו״ר האָט זיך דאַן געוואָנדען צום לובלינער רב זצ״ל מיט פאָלגענדע ווערטער:
— איהר קענט דאָך אַנ׳איינקעל פון רבי פנחס קאָריצער, צי ווייסט איהר דעם פשט
ים לשון, וואָס ווערט געבּרענגט אין מדרש פנחס?

דער לובלינער רב ז״ל האָט באַלד פערשטאַנען אז דאָס מיינט מען די שטעלע, וואו
ן ווערט געזאָגט: „כשהיו מדברים מר׳ נחמן״ האָט ער נישט געוואָלט הערען. האָט דער
ז״ל געענטפערט, אז ער ווייסט נישט דעם פירוש.

דערויף האָט דער אדמו״ר געזאָגט: ביי מיר געפינט זיך א מדרש פנחס פון דער ער
נער אויפלאַגע און דאָרט שטעהט נישט אזוי ווי אין די שפּעטערדיגע אויפלאַגעם „כשהי
ברים מר׳ נחמן״, נאָר „כשהי׳ מדברים על ר׳ נחמן״ און די כונה דערפון איז, אז ווען רבי
זס קאָריצער האָט געהערט רעדען אויף רבי נחמנ׳ען רכילות און לשון-הרע — האָט ער
אָס נישט געוואָלט הערען.

אויף: רב ז״ל האָט די דאָזיגע ענטפּלעקונג געמאַכט א געוואַלדיגען איינדרוק, און
האָט זיך דערמאָהנט, אז נאָך זייענדיג א יונגעל האָט ער זיך געקויפט דאָס ספר „סיפורי
שיות״ פון רבי נחמן בראסלאַווער זצ״ל און גענומען דריגען אַריינקוקען, דער פאָטער
ר האָט איהם איבערגעריסען געמאַכט אויף דער דערמאָהנטער שטעלע פון מדרש פנחס.

דער רב האָט דעריבער גלייך אָוועקגעשריבען וועגען דעם א בריעף צו זיין פאָטער אין
ם געבעטען, אז ער זאָל די זאַך גענוי חוקר ודורש זיין. אין עטליכע טעג אַרום האָט
רב בעקומען א בריעף פון פאָטער, אין וועלכען ער שרייבט, אז ביי אַנ׳איינקעל פון
ר און אַרויסגעבער פון ספר „מדרש פנחס״ איז איהם טאַקי געלונגען צו געפונען א
רש פנחס״ פון דער ערשטער אויפלאַגע און דאָרט שטעהט טאַקי „כשהי׳ מדברים על
נחמן״ און אויפן גליון האָט דער ערשטער מסדר צוגעגעבען די ווערטער: „חסר כאן
ית לשון הרע ורכילות״.

דער רב זצ״ל האָט דאַן פערענדיגט די געשיכטע מיט די ווערטער, אז ער איז זעהר
פאַר אָט דעם אדמו״ר, דורך וועלכען ער איז געקומען צום אמת...

(בעריל נאָדיל טשערנאָחסקי — לאָדז)

ישיבת חכמי לובלין

ענגלאנד איז גאסטפריינדליך...

זייענדיג אויף זיין רייזע פאר ישיבת חכמי לובלין אין ענגלאנד, איז איהם אויסגעקומען צו זיין ביי א קארגען גרויסען גביר.

ווען דער רב ז״ל האט פון איהם פערלאנגט א סומע געלד פאר דער ישיבה, האט זיך דער גביר ענטזאגט דערפון. דער רב ז״ל, זעהענדיג מיט וועמען ער האט צו טהון, האט זיך צו איהם אנגערופען:

— לויט ווי איך זעה איז ענגלאנד זעהר גאסטפריינדליך, ווייל אין פוילען מוז מען ערשט זיין א סיים דעפוטאט, כדי צו קאנען געניסען פון א אומזיסטע באהן-רייזע. דאגעגען דא אין ענגלאנד, וואו איך בין נישט אפילו קיין דעפוטאט, פונדעסטוועגען מאך איך אויך אומזיסטע רייזעס...

2 רבנים און 498 מבינים

ווען ס'האט איהם א יודישער זשורנאליסט געפרעגט, פון וואנען ער וועט נעהמען 600 שטעדט פאר די 500 תלמידי יח״ל, כדי צו מאכען זיי פאר רבנים, האט ער איהם געענטפערט:

— 2 וועל איך נאר מאכען פאר רבנים און 498 וועלען זיין מביעים אויף א רב!...

שווארץ און גראה

טרעפענדיג זיך לעצטענס מיט א בעקאנטען רב, זייג'ס א ידיד, האט איהם דער לעצטער געפרעגט: לובלינער רב, וואס איז די מעשה וואס איהר זענט אזוי גרינג גראה געווארען?

האט איהם דער רב ז״ל דערויף געענטפערט:

— לעולם, בין איך שוין אינגאנצען גראה, נאר דאס ביסעל שווארץ, איז דאס, וואס איך ווער פערשווארצט ביי דער ארבייט לטובת דער ישיבה.

אם אין אני לי — מי לי...

א לאדזער גביר האט אמאל דעם לובלינער רב ז״ל געשטעלט אזא שאלה:

— פונוואנען נעהמט זיך צו אייך דער כח ארייצוקומען צו אייטעם און פערלאנגען פון איהם גרויסע סומעס געלד, און זיין ביי זיך אזוי שטאלץ און גרויס. פשוט איז דאך, אז איינער קומט נעמען געלד דארף ער זיין א שפל.

דערויף האט איהם דער לובליער רב געזאגט:

— אייער שאלה ווערט בעענטפערט אין דער משנה. די משנה אין אבות לערנט אונז: אם אין אני לי, ד. ה. ווען איך געה נישט פאר מיר, דאן איז — מי לי, — ווער קען זיך גלייכען צו מיר, פרעג איך נישט נאך קיינעם, אויב אבער עס איז „כשאני לעצמי", — דאס געלד נעהם פאר זיך, דאן איז מה אני — מוז מען זיין בבחינת „מה", א שפל.

— איך — ביהרט אים דער רב — בין אין דער בחינה „אם אין אני לי" און דעריבער

קום איך צו אייך און פערלאַנג מאַקי איהר זאָלט געבען פאַר דער ישיבה.

דעם גב[illegible] [illegible] ב[illegible] געמבער [illegible] ער [illegible]אָט געגעבען אַ גרויסע סומע.

(י. ליבענזאָן — לאָדז)

איהר גיט מיט „כח״?...

דער לובלינער רב איז אַמאָל געקומען צו אַ וואַרשאַווער גביר וועגען אַ גרעסערע נדבה פאַר ישיבת חכמי לובלין. דער גביר האָט זיך מיט איהם שטאַרק געדונגען און דער רב האָט ווייניגער ווי 100 דאָלאַר נישט געוואָלט נעהמען.

דער גביר האָט געפּרובט געבען ה״י דאָלאַר, 25, שני פעמים ח״י, פופציג, דער רב האָט אָבער נישט געוואָלט. דער גביר זעהענדיג, אַז ער וויל נישט האָט ער געגעבען 4 מאָל ח״י וואָס הייסט 72 דאָלאַר.

דער לובלינער רב האָט זיך צו איהם אָנגערופען: — גוט, איך נעהם די 72 דאָלאַר אָבער איהר גיט זיי מיר מיט כח?

— אודאי, געענטפערט דער גביר — איך גיב זיי אייך מיט כח און מיט׳ן גאַנצען האַרץ.

— אויב אַזוי — האָט דער רב מדאַוספירט — גיט זשע טאַקי הונדערט דאָלאַר, ווייל כח בעטרעפט 28. 72 און 28 איז הונדערט.

דער גביר איז געווען איבערראַשט פון דעם איינפאַל, אויף וועלכען ער האָט זיך נישט געכאַפּט און ער האָט געגעבען די הונדערט דאָלאַר.

זאָלען זיי כאָטש קענען לערנען

עס האָט איהם אַמאָל אַ בעוואוסטער רבי אַמאָל געפרעגט:

— לובלינער רב! אַלע האַלטען דאָך אייך פאַר אַ גאון, פאַר אַ מענש, וואָס איז ווייט פון פראַקטיק, מאַ פאַרוואָס נעמט איהר אַריין אין ישיבת חכמי לובלין אַזוי פיעל אַרעמע אייניקלעך?

דער לובלינער רב האָט דערויף שמייכלענדיג געענטפערט:

איך ווייס דאָך, אַז רבנים וועלען זיי סיי־ווי זיין, זאָלען זיי כאָטש קענען לערנען...

(ש. זאַלבע)

איך בין אַ בעל־חוב!...

זייענדיג אין אַ גרויסער שטאָדט כדי דורכצופיהרען אַן אַקציע פאַר ישיבת חכמי לובלין, איז ער געגאַנגען באַלד איבערפריה דאַווענען אין דער גרויסער שוהל. געווען איז עס אַנערשטאָג. ביים אַרויסנעהמען דאָס ספר איז צוגעגאַנגען דער גבאי און געפרעגט דעם לובלינער רב ז״ל:

— וואָס זענט איהר? אַ כהן, אַ לוי, אַ ישראל?

— איך בין אַ בעל־חוב!... — האָט דער רב ז״ל איהם גלייך געענטפערט.

די יודען זענען גלייך צו וואקס

אויף זיין רייזע פאַר ישיבת חכמי לובלין, איז דער לובלינער רב ז״ל געווען אין אַ שטאָדט, וואו צום רעפעראַט אין שוהל איז געקומען אַ קלייענער עולם.

דער גבאי פון שוהל האָט געעצהט אַז דער רב זאָל יעצט נישט נעהמען קיין געלד, נור וואַרטען ביז מאָרגען, ווען די זאַך וועט זיין שוין בעוואוסט אין שטאָדט, וועט מען די אַקציע פאַר די ישיבה קענען פיהרען אין אַ ברייטען מאַסשטאַב.

דער רב האָט זיך צוגעגעשמייכעלט און געזאָגט: ניין! שוין אויפ׳ן אָרט מוז מען נעהמען געלד. די יודען זענען גלייך צו וואַקס. וואַקס איז האַרט און עס רוקט זיך, אַז עס קען אַמאָל נישט ווייך ווערען, ווען עס קומט אָבער אַרויף אַביסעל פייער צוגיסט עס זיך און מ׳דאַרף באַלד לייגען די חתימה. אַנדערש ווערט עס גלייך האַרט. יודען זענען אויך אַזוי, בתחילת זענען זיי האַרט, ווילען נישט געבען, ווען מען איז זיי מעורר, ווען זיי ווערען רעד-

ווארימט ווערען זיי ווייכער, אבער מען מאר נישט לאנג ווארעמען, מען מוז באלד נעהמען, ווייל זיי קענען צוריק הארט ווערען. • (שלום זאלפע — ווארשא)

א נע • ונד'ניק איז נישט קיין מוצלח

מ'האט אין א קליין גאליציאנער שטעטעל געפרעגט דעם לובלינער רב, צי ער איז עפעס מצליח אין זיין אקציע לטובת יח"ל.

— ווען איך מוז נור אזוי פיעל נע ונד זיין — האט דער רב געענטפערט — קאן שוין נישט זיין קיין רייד וועגען הצלחה.

— אט זעהט — האט ער צוגעגעבען — ביי „אנא ה' הושיעה נא" געהט מען מיט די נענועים, דאגעגען ביי „אנא ה' הצליחה נא" — נישט. ווען ס'רעדט זיך וועגען הצלחה געהט מען נישט... (ל. האלפערן — רישא).

שלח לך אנשים ויתורו...

דער לובלינער רב האט אמאל געבעטען זיינעם א גוטען פרייער משפיע צו זיין אויף איינעם א גיטען רעדנער, ער זאל פאר געלד ארויספאהרען אויף דער פראווינץ פאר יח"ל.

— פאר געלד דארף דער רב זיך בעטען? פעהלען טאלאנטפולע רעדנער, וועלכע וואלטען געפאהרען פאר געלד?

— ס'פעהלען טאקי נישט קיין גוטע רעדנער — האט דער רב געזאגט — אבער דא פאדערט זיך נאך איין זאך:

— ווען משה רבינו האט געוואלט ארויסשיקען אנ'אויספארשונגס־קאמיסיע קיין א"י, צו וואס ס'איז נייטיג געווען, אויף שפעזען א גרויסע געלד־סומע, האט ער זיך געווענדעט צום רבש"ע מיט א פראגע, וועלכען ער קען אנפערטרויען אזא ריזיגע סומע, אז די מיטגלידער פון דער קאמיסיע זאלען נישט גנב'ענען.

— די רעדסט וועגען גנבה, — האט דער איבערשטער געענטפערט — ווער וועט דען נישט גנב'ענען? אזעלכע מענשען וועסטו נישט געפונען. אומזיסט דיין מיה. „שלח לך אנשים ויתורו" — שיק לכה"פ אזעלכע מענשען, וואס זאלען דיר נאך עפעס איבערלאזען...

— אט דאס זוך איך טאקי — האט דער רב צוגעגעבען — א מענש, וואס זאל אויך מיר עפעס איבערלאזען פאר דער ישיבה... (הרב י. וויספראט — יערלימש)

פאר וועלכער ברכה זאגט מען נישט קיין „אמן"

דער לובלינער רב איז אמאל אהיימגעקומען נאכמיטאג צו א רייכען בעל־הבית און איה געבעטען א שטיצע פאר דער „ישיבת חכמי לובלין". דער בעל־הבית האט זיך נישט געאיילט צו געבען און דעם רב אומזיסט צוגענומען די צייט, דערצעהלענדיג וועגען דעם, ווי געשמאק ער איז געשלאפען, נאר דערהערענדיג, אז דער רב ווארט, האט ער זיך מיט געוואלד אויפגעריסען כדי איהם נישט צו לאזען צו לאנג ווארטען.

— ווייבאלד אזוי — האט זיך דער רב אנגערופען — מוזט איהר מיר געבען א שענערע נדבה, ווי איהר ווילט מיר געבען. איהר ווייסט דאך — האט דער רב פארטגעזעצט — אז נאך דער ברכה „המעביר שנה מעיני ותנומה מעפעפי" זאגט מען נישט קיין „אמן", דאגעגען נאך „הגומל חסדים טובים" זאגט מען יא. פארוואס? ווייל וואס ארט מיך, אז איהר שלאפט, ערשט נאך דעם, וואס איך הער, אז איהר האלט פון „חסדים טובים" זאג איך „אמן" אויף אז ער „איפרייסען" זיך פונ'ם שלאף.

— איהר פערשטעהט — האט דער רב אויסגעפיהרט, — אז איהר האט איך טאקי אויפגעריסען פונ'ם שלאף מהות־זישע גוטע חסדים, נישט קיין אפגענארטע...

(א. מעלער)

איך ברויך נישט קיין צווי כפרות...

דער לובלינער רב איז איינמאָל אריינגעקומען צו אַ נגיד נאָך אַ נדבה פאַר דער „ישיבת חכמי לובלין", ווען דער נגיד האָט דערזעהען דעם רב, האָט ער פערשטאַנען דעם צוועק פונם באַזוך. ווייסענדיג, אַז ווען ער וועט אריינבעטען דעם רב אין שטוב אַריין, וועט ער זיך נישט קענען אָבפּטר'ן מיט אַ קליינע נדבה, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ צוואַנציג זלאָטי-באַנקנאָט און געהאַלט דעם רב'ן ערלעדיגען באַלד אין פאָדער-צימער.

— אַ'אשה מעוברת ברויכט צווי כפרות, איך נישט — האָט דער רב זיך אָנגערופען נישט צונעהמענדיג דעם צוואַנציגער-באַנקנאָט.

— וואָס הייסט? — האָט דער נגיד געפרעגט.

— ווען איך קום אַריין צו אַ גביר — האָט דער רב מסביר געווען זיינע ווייד — און ער געדענקט כיך שעהן אויף, אָבער געלד גיט ער מיר ווייניג, דאַן טראַכט איך מיר „אַ כפרה איז דאָס געלד, אָבי כבוד-התורה איז חאַ". קום איך ווידער צו אַ גביר, וועלכער איז מיר נישט מכבד, אָבער סוף כל סוף גיט ער מיר אַ שעהנע נדבה פאַר דער ישיבה, טראַכט איך מיר: „אַ כפרה דער כבוד, דער עיקר איז דאָך פאַרט דאָס געלד". ביי אייך אָבער — האָט דער רב אויסגעפיהרט, — זיך ווענדענדיג צום נגיד — האָב איך צום ערשטען מאָל בײדע כפרות צוזאַמען. דאָס איז גוט פאַר אַ'אשה מעוברת, וועלכע ברויכט צווי כפרות, נישט פאַר מיר... (אַ. בעכלער)

אַ שטעקען פאַר נעילה-דאַווענען

ווען דער לובלינער רב איז געווען אין אַמעריקאַ, איז איהם אויסגעקומען יום-הקדוש צו פאַרברענגען אין אַ קליין שטעהטעל. אויף דער בקשה פונ'ם עולם האָט ער אין דער שטאָדטישער שוהל געדאַווענט נעילה פאַר'ן עמוד. דער עולם איז געווען ענטציקט פונ'ם דאַווענען. נאָך יום-הכפור האָט דער שוהל-קאָמיטעט איבערגעגעבען דעם רב אַלס מתנה אַ גאָלדענעם שטעקען.

— עס זעהט אויס, אַז איך בין פאַר מיין דאַווענען נישט מעהר ווערט געווען, ווי אַ שטעקען — האָט דער רב געזאָגט... (אַ. בעכלער).

דער לובלינער רב אלס „רופא חולים"...

ווען דער לובלינער רב האָט מיט אַ פאַר יאָהר צוריק געוויילט אין לאָדז, וואו ער האָט געזאַמעלט געלד פאַר דער „ישיבת חכמי לובלין", האָט ער געשיקט רופען צו זיך אין האָטעל אַריין איינעם פון די דאָרטיגע גבירים.

דער נגיד האָט פערשטאַנען, אַז דער רבי וויל ביי איהם נעהמען אַ גרעסערע נדבה פאַר דער ישיבה, האָט ער שרייבליך געענטפערט, אַז ער איז קראַנק און קאָן דעריבער נישט קומען אין האָטעל.

דער רב האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען וואָסער קרענק דאָס איז, האָט ער זיך מיישב געווען און איז אַליין אַוועק צום גביר אין שטוב אַריין.

ווי ס'איז געווען צו ערוואַרטען, האָט ער געטראָפען דעם גביר פריש און געזונד זיצען ביים טיש אין עס-צימער.

— איהר מוזט מיר בעצאָהלען אַ מנה יפה פאַר מיין „וויזיט" — האָט זיך אָנגערופען דער רב צום נגיד — וואָסער דאָקטאָר היילט אַזוי שנעל, ווי איך? אָט זעגט איהר שוין ב"ה באַלד ביי מיין ערשטען „וויזיט" פולשטענדיג געזונד.

(הרב י. ל. בענעט)

מסירת נפש און מסירת הגוף

אויף אַ פערזאַמלונג לטובת דער „ישיבת חכמי לובלין" האָט איינמאָל אַ רעדנער אין דער אָנוועזענהייט פונ'ם לובלינער רב געשילדערט די גרויסע מסירת נפש פונ'ם רב פאַר דער ישיבה. דערביי האָט ער אויסגערעכענט זיין לאַנג-יעהריגע נעסיעות'ן אין אַמעריקאַ און אין

פאַרשידענע לענדער אין אייראָפּע, זיין אַפּעראַטיווע אַרבעט, וועלכע מאַכט איהם גרויס און אַלט.

ווען דער רב האָט דאָן געהערט דאָס וואָרט, האָט ער געזאָגט:

— מיין פאַטער־מוטער האָט מיך דערצעהלט וועגן מיין שווערער אַרבעט פאַר דער ישיבה און עס אָנגערופען „מסירת נפש". דאָס איז נישט קיין ריכטיגע בעצייכנונג. דאָס איז נישט מעהר, ווי מסירת הגוף. איך ערקלער מיך פייערליך, אַז די ראָזינע מסירת הגוף אינטערעסירט מיך כלל נישט.

לײדער מוז איך האָבען מאַקי מסירת נפש פאַר דער ישיבה. איך מוז אוועקגעבען די בעסטע צייט כיינע, כדי צו זאָרגען פאַר'ן מאַטעריעלען קיום פון דער ישיבה. אין דער צייט וואָלט איך געקענט אַליין לערנען מיט אַנדערע, מיט די תלמידים פון דער ישיבה. אָט דאָס הייסט אַוועקגעבען דאָס נפש, אָט דאָס הייסט מסירת נפש...

(הרב י. ל. בענעט)

דער לובלינער רב, הרב מאיר שפירא ז"ל האָט אַמאָל געמאַכט אַ בעזוך אין אַ ישיבה אין די פריהמאָרגען־שעה'ן. האָט ער בעמערקט, אַז די בחורים קומען שפּעט צום לערנען, איי־נער שפּעטער פון צווייטען, האָט ער זיך פערוואונדערט און געפרעגט: וואָס עסעס אַזוי שפּעט?

— מען האָט אונז יעצט אויפגעשלאָסען — האָבען די בחורים תמימות'דיג געענטפערט — מיר שלאָפען אין געוועלבער און אונזערע בעלי־בתים עפענען שפּעט...

— אונזערע יודען זענען פּראַקטיש — האָט דער רב מיט אַ ביטערען שמייכעל גע־זאָגט — די חז"ל דערצעהלען: „רבי האָט אַמאָל אַרויסגעשיקט זיינע תלמידים רבי אמי און רבי אסי בעזוכען די יודישע שטעדט און זעהען ווי עס האַלט מיט זיי אין יודישקייט. זענען זיי געקומען אין דער ערשטער שטאָדט און האָבען זיך געהייסען ברענגען די „נטורי־קרתא", די וואָס היטען די שטאָדט, האָט מען געברענגט פאַר זיי די וועכטער וועלכע היטען די שטאָדט. האָבען רבי אמי און רבי אסי זיך צובייזערט און געזאָגט: נישט די מיינען מיר, מיר מיינען די תלמידי־חכמים, וואָס היטען די שטאָדט פון אַלעם שלעכטס..."

אונזערע יודען — האָט דער לובלינער רבי צוגעגעבען — ווילען נישט, אַז דער טעות זאָל זיך נאָכאַמאָל איבער'חזר'ן, זענען זיי געגאַנגען און געמאַכט די ישיבה־בחורים פאַר וועכ־טער אין די געוועלבער, איצט ווערט שוין זיין „נטורי־קרתא" על פי פשט און על פי דרש...

תוכו כברו

פאַר דער עפענונג פון דער ישיבה האָט דער רב געשמועסט מכח דעם מאמר חז"ל: כל תלמיד שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש. דערנאָך זאָגט די גמרא, אַז ווען אַ צוויי־טער איז געווען נשיא און די גזרה איז בטל געוואָרען. „איתו היום נתוספו ד' מאות ספסלי".

דערויף האָט דער רב געפרעגט: באמת איז דאָך די תקנה געווען אַ גוטע, אויב דער תלמיד איז נישט געווען תוכו כברו — דאַרף מען איהם נישט. צוליעב וואָס זשע האָט מען די תקנה אָבגעשאַפט?

די מעשה איז אָבער, ווי אַזוי האָט מען געוואוסט ווער עס איז תוכו כברו און ווער נישט? גאָר פשוט, מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ שומר ביי דער טהיר און ווער עס האָט גע־זאָגט אַז ער איז תוכו כברו האָט מען איהם אַריינגעלאָזט אינעווייניג. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפען אַ מאָדנע לאַגע. עס האָט זיך אָנגעקליבען אַ בית מדרש בלויז מיט אין תוכו כברו'־ניקעס, ווייל דער אמתער תוכו כברו וועט דאָך נישט קומען און זאָגען, אַז איך בין אַנ'ערה־ליכער יוד, אַז איך בין אַ תוכו כברוניק! ערשט דאַן ווען מען האָט די תקנה אָבגעשאַפט, און מען האָט ערמעגליכט אויך די עהרליכע תלמידים, די תוכו כברוניקעס אַריינצוקומען אין בית־מדרש — ערשט דאַן פּיהרט אויס די גמרא תנא אותו היום סלקוהו לשומר הפתח ונתוספו ארבע מאות ספסלי.

(מ. רובין — טאָמאַשאָוו־לוב.)

צווייערליי יראת־שמים

ס'האָט זיך אַמאָל צו איהם געווענדעט א ייד מיט דער בקשה, ער זאָל זיין בחור אָנגענומען פאַר א תלמיד. דער בחור האָט געקענט גאנץ גוט לערנען, נאָר זיין אויסערליך אויסזעהן האָט דעם רב נישט בעפרידיגט. דער רב האָט דעם יוד קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. אויף דער פראַגע: פאַרוואָס? האָט דער רב געענטפערט: מיר בעטען ביי ר"ח בענשען: „ותתן לנו חיים שיש בהם י"ש ויראת חטא", שפּעטער זאָגען מיר: „חיים שתהא בנו אהבת תורה וי"ש", נאָר וואָס דאָס „כפל לשון? דער תירוץ איז, צו דער תורה מוז מען זיין א בעזונדערער יראת שמים.

(שמואל לאַנדוי, טשאַרטקוב)

עס קומט איהם א „מי שפרע"

דער רב ז"ל האָט בעמערקט ווי א בחור אין דער ישיבה דרעהט זיך בשעת'ן דאַווענען אַרויף און אַראָב און שטעהט נישט איין אויף קיין אָרט.

— דו ווייסט, דיר קומט א „מי שפרע"! — זאָגט צו איהם דער רב.

דער בחור בלייבט שטעהן דערשראָקען און קיין וואָס ער גורם זיך אָן מיט מוט צו פרעגען: פאַרוואָס?

— ווייל דו ביזט „אינו עומד בדיבורו"! — ענטפערט איהם דער רב.

(א. פ. פלאָס, וואַרשא).

מהר"ם השני

די ישיבה־תלמידים פלעגען אין דער ערשטער צייט טיטולירען דעם רב מהר"ם מלובלין השני. דערויף האָט דער רב זיי געענטפערט: איהר ווייסט דאָך די מעשה מיט נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, וועלכער האָט זיך געהייסען קרוינען אַלס נאַפּאָלעאָן דער דריטער, הגם ער איז געוועזען כראָנאָלאָגיש דער צווייטער נאַפּאָלעאָן, ווייל נאַפּאָלעאָן איז נור געוועזען איינער און דער צווייטער איז נישטאָ

דאָס זעלבע — האָט דער רב ערקלערט — איז מיט'ן מהר"ם: קיין צווייטער מהר"ם איז נישטאָ.

א מעשה מיט אַן אָרימאַן

— כלל־מהועדיי — האָט דער רב איינמאָל געזאָגט — האָב איך זיך אויסגעלערנט פון א פשוט'ן שנאָרער.

עס איז אַמאָל אַריינגעקומען צו מיר אַן אָרימאַן. האָב איך איהם געגעבען א האַלבען גילדען א נדבה. דער אָרימאַן האָט זיך אָבער נישט בעגנוגענט דערמיט און געדינגען זיך.

גראָד איז עמיצער אַריינגעקומען און דערהערענדיג אין וואָס עס געהט, רופט ער זיך אָן:

— ס'טייטש, ביי יענעם האָסטו בעקומען א גראָשען האָסטו זיך נישט געדינגען און דאָ גיט מען דיר א האַלבען גילדען און דו דינגסט זיך נאָך?

— עס איז א שכל דערביי — האָט דער אָרימאַן אָבגעענטפערט. — יענער גביר אז ער האָט מיר געגעבען 2 גראָשען האָב איך שוין געזעהען מיט וועמען איך האָב צו טהון, נעמ איך מיר מיין ווענ. וואָרום אז כ'וועל מיך דינגען און ער וועט מיר דערלייגען, וועט ער מיר דערלעגען נאָך 2 גראָשען!

דאָ אָבער, אז מען גיט מיר גלייך א האַלבען גילדען, לוינט זיך צו דינגען, וואָרום, אז כ'וועל זיך דינגען, וועל איך דאָך אויסדינגען נאָך א האַלבען גילדען.

— אזוי פיהר איך זיך — האָט דער רב אויסגעפיהרט. — אז איך קום אַריין צו א נגיד, און ער גיט מיר גלייך ביים ערשטען מאָל א שעהנע נדבה פאַר ישיבת חכמי לובלין, דערציעהל איך איהם די מעשה מיט יענעם קלוגען אָרימאַן!... (מ. קושמירסקי, פיעטרקוב).

א דאנק די גנבים

רעדענדיג אמאל איבער דעם שקל המצב אין די ישיבה-בחורים, וועלכע מוזען שלאפען אין די געוועלבער צו פערהיטען זיי פון גניבות, פלעגט דער רב זאגען:

די ישיבה-בחורים דארפען ווינשען די גנבים דאס אייביגע לעבען, ווייל ווען נישט די גנבים וואלט מען דאך אין קיין געוועלב נישט אריינגעלאזט נעכטיגען...

אהן מחצית השקל טויג נישט

דער רב איז אמאל אריינגעקומען צו א גביר נאך א נדבה פאר דער ישיבה. דער גביר האט אבער קיין גרויס חשק נישט געהאט צו עפענען דעם בייטעל. האט ער זיך אריינגעלאזט אין א שמועס און נישט אהן שטאלץ דערציילט, אז ער איז דעם מגן אברהם'ס אנאייניקעל.

— וואס קומט אבער ארויס, אז אהן „מחצית השקל" קען מען דעם מגן אברהם נישט תופס זיין — האט דער רב אפגעענטפערט.

(י. גערשנער — שידלאוויץ).

איין ענטפער אויף צוויי שאלות

ווילענדיג אין אמעריקא, כדי צו זאמלען געלד פאר ישיבת חכמי לובלין, האט דאס אמעריקאנער יודענטום איהם צוגעטיילט פיעל כבוד. אומעטום וואו ער איז געקומען זענען לכבוד איהם געמאכט געווארען גרויסארטיגע קבלת-פנים'ס. די פרעסע האט איהם געווידמעט לאנגע ארטיקלען און אויך פערעפענטליכט זיין בילד.

איינמאל קומען צו איהם צוויי קארעספאנדענטען פון צוויי גרויסע אמעריקאנער ציי-טונגען און בעטען ביי איהם אן'אינטערוויו.

גראד זענען דאמאלס געווען די פאליטישע אקטואליע פון טאג די פראגע וועגען „פויל-לישען קארידאר" אין מזרח-פרייסען און אויך די לאקאל-אמעריקאנישע פראגע, צי מען זאל גרינדען פאר יודישע קינדער סעפעראטע שולען, אין וועלכע זיי זאלען בעקומען א ריין-נאציא-נאל-יודישע ערציהונג, אדער די יודישע קינדער זאלען לערנען צוזאמען מיט די נישט-יודישע אין די אלגעמיינע שולען און דאדורך זאל אין זיי ווערען איינגעפלאנצט פאטריאטיזם צו אמע-ריקא.

איין קארעספאנדענט האט איהם געבעטען ארויסצוזאגען זיין מיינונג אין דער קארידאר-פראגע אלס פוילישער סיים-דעפוטאט, און דער צווייטער קארעספאנדענט האט איהם געבעטע-טען ארויסצוזאגען זיין אויטאריטעטע מיינונג אין דער שול-פראגע, אלס רב און ערציהער פון יונגען דור אינ'ם בריטסטען מאסשטאב.

— אויף ביידע פראגען קען איך אייך ענטפערן מיט איין ענטפער! — האט דער לובלי-נער רב זצ"ל אפגעענטפערט ביידע קארעספאנדענטען אויפ'אמאל — זעהט איהר, איך גופא האב נישט געלערנט אין קיין אלגעמיינע שולע צוזאמען מיט נישט-יודישע שילער, פונדעסט-וועגען איז מיין פאטריאטיזם אויף א האר נישט קלענער ווי דער פאטריאטיזם פון די נישט-יו-דישע בירגער אין פוילען: איך און די יודען פון מיינסגלייכע, זענען גרייט צו קעמפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט, נישט צו דערלאזען ביי פוילען אוועקצונעהמען דעם קארידאר וואס עס מעגליכט פוילען'ס צוטריט צום ים!...

(שמעלקע רופין, סעריעט)

„ר' מאיר בדוק בשמא"...

זאמלענדיג אמאל געלד אין א קליין שטעדטעל, האט ער געשיקט א יונגעל מיטן נא-מען קלכו, אז ער זאל געהן רופען דעם נגיד אין שטעדטעל.

דאס יונגעל א פוילער האט אבגעענטפערט, אז ער איז געווען איהם רופען און דאן האט זיך ארויסגעוויזען, אז לא דובים ולא יער.

דער רב זצ"ל האט דערויף געזאגט אזא הלצה: ר' מאיר בדוק בשמא, איך האב זיך גארנישט געכאפט, אז קלמן מאכט: כזבנו, לצנו, מרדנו, נאצנו...

(פנחס פראדהמאן)

„כל הנצרך לבריות"...

ביים צוזאמענשטעלען אין א שטאָרט א ייד פאַר ישיבת חכמי לובלין, איז דער רב ז"ל אַבגעזעסען מיט די עסקנים א גאַנצע נאַכט און מען האָט נישט געקענט קומען צו אַן אויסגלייך. א גאַנצע נאַכט האָט מען געהאַלטען אין איין צושטעלען און אויסמעקען נעמען, ביז בעגינען ווען אַלע זענען שוין געווען מיד, אויסגעמאַטערט און פאַרחושך'ט.

דער רב האָט דעריויף געזאָגט בדרך הלצה: כל הנצרך לבריות, אַז מען דאַרף מענשען.. איז משנית פניו ככרום... (פנחס פראַהמאַן)

ש ו ה - כ ס ף

צוריקקומענדיג פון א רייזע איבער שטעדט, כדי צו זאַמלען געלד פאַר יח"ל, האָט מען דעם רב ז"ל געפרעגט, צי ער האָט געבראַכט עפּעס א סך געלד.

— קיין געלד האָב איך נישט געבראַכט — האָט ער געענטפערט — דערפאַר האָב איך שוה-כסף!

אָבער אַז מען האָט אויפגעפּאַקט די וואַליזע און דאָרט קיין שום ווערטפולעס נישט געפונען, זענען די פרעגער געבליבען פערוואונדערט: וואו איז דאָס שוה-כסף?

— פערשטעהט איהר מיך — האָט דער רב ז"ל געענטפערט — אַלע האַלטען, אַז איך זאַמל צוגזיף פאַר דער ישיבה אוצרות מיט געלד, ממש איך שאַר געלד מיט לאָפּעטעס. אָט דאָס וואָס מען האַלט אַזוי, דאָס איז ווערט געלד...

„קדושים"...

צו א ייד א גביר, אַטער אַגרויסער קמצן איז אַמאָל געקומען דער לובלינער רב זצ"ל נאָך א נתינה פאַר יח"ל. יענער האָט אָבער געזוכט כלערליי תירוצים זיך אַרויסצודרעהען פון אָט דעם עסק.

האָט דער רב אַזוי געזאָגט: די גמרא אין חולין זאָגט „ישראל קדושים הם. יש לו ואין רוצה, רוצה ואין לו" (יודען זענען הייליגע. טייל האָבען און ווילען נישט און טייל ווילען און האָבען נישט). פרעגט דאָרט תוספות: וואָסער הייליגער איז דאָס דער, וואָס האָט און וויל נישט געבען?

נאָר — האָט דער רב געזאָגט בדרך הלצה — די גמרא זאָגט, אַז צוליב דעם ווערט רבי אַנגערופען „קדוש", ווייל „לא הניח ידו למטה מחגורה" (ער האָט נישט אַראָבגעלאָזט די האַנד אונטערן גאַרטעל). דאָס זעלבע איז אויך סיי מיט די וואָס האָבען נישט און ווילען יאָ, כיי מיט די וואָס האָבען יאָ, און ווילען נישט; ביידע שטעקען נישט אַריין די האַנד אונטערן גאַרטעל... דעריבער זענען זיי „קדושים"...

(ישראל צוויק, — האָמבראָווא ביי טאַרנאָוו)

„קדשי קדשים"...

בעטענדיג ביי איינעם געלד פאַר דער לובלינער ישיבה, האָט איהם יענער אַבגעזאָגט מיטן כלליכדעמען תירוץ, אַז „ער האָט נישט".

אוי-וויי — האָט זיך דער לובלינער רב געריבען די הענד פאַר. „איבערראַשונג" — איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איהר זענט א גאַנצער „קדשי-הקדשים"...

— וואָס הייסט?

— פערשטעהט איהר מיך — האָט דער רב געענטפערט — די גמרא זאָגט, אַז יודען זענען קדושים, ווייל טייל פון זיי ווילען געבען נישט און האָבען און טייל האָבען און ווילען נישט. היינט-זשע, אויב איהר האָט נישט און ווילט נישט געבען, זענט איהר דאָך נאָך גרעסער ווי א „קדוש", איהר זענט אַלזאָ א גאַנצער „קדשי קדשים"...

(ישראל צוויק, — דאָמבראָווא ביי טאַרנאָוו)

רבנישע זכרונות

„מכתבי מליצה"...

דער לובלינער רב זצ"ל איז געווען א נעגנער פון ארויסגעבען סתם היתר-הוראה'ס, נישט זייענדיג זיכער, אז דער מקבל סמיכה איז ווירקליך א גדול בתורה.

דערויף האט ער דערצעהלט פאלגענדע מעשה:

דער בעוואוסטער גאון רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זצ"ל, דער לעמבערגער רב, איז אמאהל געפאהרען אין וועג מיט זיינס א ברימשקע, בעמערקענדיג אויפן וועג אז עס געהט א יוד צופוס מיט א פעקעל אויף די פלייצעס, האט ער געהייסען דעם שמייסער שטעהן, בכדי דער יוד זאל זיך ארויפזעצען און פאהרען צוזאמען מיט איהם ביז צום ארט, וואו ער בעדארף. ווען רבי יוסף שאול זצ"ל האט זיך פונאנדערגעשמועסט מיט זיין מיטרייזענדען, האט ער געזעהען, דאס ער האט פאר זיך א יוד, א בן-אוריין, דערביי האט איהם דער רייזענדער דערצעהלט, דאס ער פאהרט אין דעם דערנעבענדיגען שטעדטעל צו מעלדען זיין קאנדידאטור אלס שטאדט-רב, ווייל לויט ער איז איבערצייגט איז שוין דארט א לעדיגע צייט נישטא קיין רב. האט איהם הגרי"ש געפרעגט: האט איהר שוין אדורכגעלערנט דעם ש"ע „אורח חיים"? — ענטפערט דער מיטרייזענדער: או"ח האב איך נאך נישט געלערנט, ווייל די דינים פון „אורח חיים", צ. ב. הלכות ציצית, תפילין און תפלה איז נישט שכיח מ'זאל דאס פרעגען א רב, ממילא קען איך ווערען רב אפילו חאן ווען איך האב קיין אורח חיים נישט געלערנט. פרעגט איהם ווייטער דער לעמבערגער רב: ש"ע חושן-משפט האט איהר שוין געלערנט? — רופט זיך אן דער מיטרייזענדער: דערווייל האב איך ש"ע חו"מ נישט געלערנט, ווייל לויט ווי אונז איז בעקאנט בעוה"ר, ווען עס געשעהט צווישען יודען עפעס א געלד-סכסוך גיט מען דאס באלד איבער צום געריכט און זיי דעצידירען איז דער פראגע, ווייל זייער אורטייל נאטירליך ווערט פינקטליך ערפילט...

— נו, „אבן העזר" האט איהר יא געלערנט?

— אויך נישט — ענטפערט דער מיטרייזענדער — ווייל אין יענעם שטעדטעל זענען נישטא קיין נהרות (טייכען), מאר מען דארט בממילא נישט שרייבען קיין גטין...

— און „יורה דעה" האט איהר יא געלערנט? א שאלה צו פסקנען קומט דאך שוין פאר אפילו אין קלענסטען שטעדטעל?

דער עובר אורח ווערט אבער פיי זיך נישט בבל און ענטפערט:

— הם... ווען איך זאל געווען לערנען ש"ע יו"ד, וואלט איך דאך נישט געדארפט זיך בענוצען מיט דעם מכתב-מליצה פון מיין חבין צו זיינע דארטיגע חסידים...

„ישיבת חכמי לובלין" — האט דער רב פרעהליך צוגעגעבן — וועט אי"ה ארויסשטעלען רבנים, וועלכע וועלען נישט דארפען קיין מכתבי מליצה... (י. ד. פירשטמאן)

רבנים און רבנות

אין א רעגענדיגען טאָג

ווייטער אין קריניץ אויף קוראַציע, האָט זיך דער לובלינער צוזאַמענגעטראָפען מיט איינעם פון די גרויסע ליטווישע רבנים. גראָד איז איינגעפאַלן צו זיין א רעגענדיג וועטער. האָט זיך דער ליטווישער רב אָנגערופען בדרך הלצה:

— לובלינער רב! מען זאָגט דאָך, אז איהר קענט אַלץ, מאַכט'זשע, לאָמיר זעהען, אז מען זאָל היינט קענען גיין א ביסעל שפּאַצירען.

— און אויב איך וועל עס מאַכען — רופט זיך אָן דער לובלינער רב — וועט איהר ווערען אויס מתנגד?

— יאָ. און אויב איהר וועט עס נישט מאַכען — כאַפּט איהם אָן דער ליטווישער רב — מוזט איהר ווערען אויס חסיד...

אַזוי — האָט דער לובלינער רב געשמייכעלט — שוין איינמאָל אַן'אויפטהו. איהר פערלאַנגט פון מיר צופיעל. איהר וועט איינליינען א גראָשען און מיך הייסט איהר איינלייגען טויזענד זל.

(ש. זאַלבע)

דער לובלינער רב האָט איינמאָל ביי דער שבת־סעודה געטיילט שיריים. ווען דער עולם האָט געוואָלט אָנהויבען אליין צו כאַפּען האָט דער רב נישט געלאָזט און זיך אָנגערופען:
„מצוה לחלק
קאַזשדעמו קאַוואַלעק".
(ל. האַלפּערן — רישא).

ער איז געקומען זעהען....

א יאָהר פאַר דער פּטירה איז דער לובלינער רב געווען אין לאָדז צוליב אַג'אַקציע פאַר דער „ישיבת חכמי לובלין".

אין א שמועס מיט א לאָדזשער גביר, ביי וועמען ער האָט זיך געסאָהנט א נדבה פאַר ח"ל, האָט איהם יענער געפרעגט, צי ער האָט בדעה איבערצונעהמען דאָס רבנות אין לאָדז.

— ס'איז נישט אויסגעשלאָסען — האָט דער רב געענטפערט — איך בין לעת עתה געקומען זעהען, ווי די לאָדזער בעלי בתים פיהרען זיך אויף... (א. בעכלער)

ער ווייסט נאָר: געלד!

דער לובלינער רב זצ"ל איז געווען אין אמעריקא שאַפען געלד פאַרן אויפבוי פון תורה־היכל „ישיבת חכמי לובלין", און דער זעלבער צייט וואָס דער אָסטראָווער גאון, ר' מאיר דן פּלאָצקי ז"ל, איז דערפּגלייכען דאָרט געווען, כדי צו זאַמלען געלד פאַר א געוויסע מוסד אין פוילען.

ביידע גאונים האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען, געפיהרט א לאַנגען תורה־שמועס און נאָכן שמועס, האָט דער אָסטראָווער רב געזאָגט מיט גרויס פערעהרונג צום לובלינער רב:

— ווייזט אויס, אַז אייער גרויסער ערפאָלג אין אַמעריקאַ און אייער בעהייזען צו שאַפען אַזוי פיעל געלד, איז דערפאַר, ווייל איהר קענט בעסער לערנען פון מיר, איך — האָט דער אָסטראָהער רב געזאָגט מיט ענוות — שאַף נישט אַזוי פיעל געלד!

— פונקט פערקעהרט! — האָט דער לובליגער רב איהם צוריקגעענטפערט — האָט פאַקטיש בעוויזט אַז איהר, אָסטראָווער רב, זענט אַ גרעסערהער למדן פון מיר. איך געדענק — האָט דער לובליגער רב אָנגעהויבען דערצעהלען אַ מעשה — אַז ווען כ'האָב געגעסען טעסט אין מאַרגאָפאָל, האָט מיין שווער, וואָס האָט געהאַלטען אין אַרענדע פיעל בריקען, זיך געשלאָגט פאַר מיר, אַז איין מענש זיינער, אַ פּראָסטער יוד און אַ שוויבער דערצו, וואָס זיצט ביי אַ בריק און קאַסירט־איין די אָפּצאָהלונגען ביי די אַרורכפאָהרענדיגע פוהרען, ברענגט יעדען טאָג אַ סך געלד, דאַגעגען אַ צווייטער מענש זיינער, זייענדיג אַ קרוב, אַ יוד אַ תלמיד־חכם, קאַסירט־איין זעהר ווייניג.

איין מאָל, האָט דער שווערער און איך, זיך געלאָזען אַהין צו ביידע בריקען כדי צו דערגעהן די סיבה הערפון. מיר קומען צו צו דער בריקע, וואו עס זיצט דער קרוב, דער תלמיד־חכם. עס געפינדט זיך אַ שמועס, איך פרעג איהם: איהר קענט ר' יאַקעלען? — ר' יאַקעלע? — ענטפערט ער — מיר זענען דאָך חברים, מיר האָבען צוזאַמען געלערענט פיים „בית יצחק" ז"ל מיר האָבען זיך אַמאָל ביידע געשפאַרט איבער אַ האַרבען רמב"ם! — אין איינהערנס זאָגט ער מיר דעם רמב"ם און ווי אַזוי ער און ווי אַזוי ר' יאַקעלע האָבען איהם געטייטשט. דערווייל פאָהרט אַדורך אַ פוהר און ער איז אַזוי פערטאָפט אין רמב"ם, אַז ער בעמערקט עס גאָרנישט... ביזוואַנען ער קען זיך פון אונז אָבריסען, פאָהרען אַדורך נאָך עטליכע פיהרען און מ'קוקט זיך אויף זיי נישט אום. שוין נאָכן געזעגענען זיך, לאָזט ער אונז נישט אָב און זאָגט אונז אַ תירוץ אויף אַ צווייטען האַרבען רמב"ם. נאָך עטליכע פוהרען כאַפען זיך דערווייל אַדורך, אָהן אַ פרוטה אָבצאָהל...

אַז מיר זענען צוגעקומען צו דער צווייטער בריק, וואו עס זיצט דער פּראָסטער און שייבער יוד, פרעגען מיר איהם סתם אַזוי: וואו וואוינט ר' זלמן? ער הערט אָבער נישט וואָס מען פרעגט איהם און זאָגט:

— צוויי פערד קאָסט אַ זעקסער, איין פערד — אַ דרייער!

דערווייל פאָהרט אָן אַ פוהר, מיר ווילען מיט איהם ווייטער שמועסען, אָבער ער לאָזט אונז שטעהן און שרייט צום פורמאַן: הע, דו, בעצאָהלען! מיר פרובען ווייטער מיט איהם שמועסען, נאָר — דער צו אַ וואַנד! אויף אַלע אונזערע רייד האָט ער איין ענטפער:

— צוויי פערד קאָסט אַ זעקסער, איין פערד — אַ דרייער!...

דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז! — האָט דער לובליגער רב אויסגעפיהרט — אַז איהר, אָסטראָווער רב, קומט צו אַ גביר נאָך אַ נדבה, בעט מען אייך זיצען, עס פערקניפט זיך אַ תורה־שמועס, מען וואַרפט אָן דעם טיש מיט ש"ס ופוסקים, איהר פערגעסט אינגאַנצען נאָך וואָס איהר זענט געקומען. עס געהען אַדורך עטליכע שעה און דער רעזולטאַט: אַ האַלבער טאָג איז אַוועק מיט איין נדבה!

אָבער אַז איך קום אַריין צו אַ גביר און מ'וויל מיט מיר פערפיהרען אַ תורה־שמועס בין איך טויב ווי די וואַנד... איך ווייס מעהר גאָרנישט, נאָר — געלד! בעקומען ס'מייניגע בין איך שוין נישטאָ און איך לויף באַלד צו אַ צווייטען... (אברהם פריש, סאַמפאָלנע)

דער רב קען נישט קיין עברי

אין די ערשטע טעג ווען דער רב איז געקומען קיין פּיעטרקאָוו אַלס מרא דאתרא, איז געזעסען אַ מסיבה פון די חשובי העיר, די לומדים, די אנשי צורה און געשמועסט מיטן רב. פּלוצלינג רופט זיך אָן דער רב מיט אַ שמייכעל:

— איהר האָט מיך אויפגעטומעט אַלס רב אין אייער שטאָדט און איהר האָט מיך פערהערט צו כ'קען עברי?...

דער שלם האָט זיך אומגעקוקט און געקלערט: וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

— ווען איך בין געטאַנגען אין חדר און אָנגעהויבען לערנען א' ב', האָב איך בשום אופן נישט געקענט פערנעהמען די ערשטע אותיות. האָט זיך דער מלמד פערטרויט פאַרן טאַטען מיינעם אַז כ'האָב אַ שווערען קאָפּ און קען גאָר נישט מקבל זיין דעם א. ב.

האָט דער טאַטע איהם געגעבען אַן עצה, אַז ער זאָל מיט מיר לערנען גאַנצע ווער־טער. און אַזוי האָט ער געטהון און אָנגעהויבען לערנען מיט מיר חומש ויקרא און גלייך ווי איך האָב איינמאָל פון איהם געלערנט, האָב איך עס שוין איבערגעלייענט אַליין.

אַזוי איז מיט מיר געשעהען אַ מאָדנע זאַך. איך האָב קיינמאָל קיין עברי נישט גע־לערנט און גלייך אָנגעהויבען חומש, איז דאָך מעגליך, אַז אייער רב קען פשוט נישט קיין עברי!... (מ. קושמירסקי — פיעטרקאָוו).

ע נ י ו ו ת

דער רב האָט אַמאָל בעזוכט דעם פילצער רבין אין טשענסטאָכאָוו. רופט זיך אָן צו איהם דער רבי: איך קען אייך אָבער איהר קענט מיך נישט, דהיינו, אַז איך בין געווען אויף דער ערשטער אספּת הרבנים האָב איך אייך קענען געלערענט, איהר זענט דאָך געווען דער ראש המדברים און איך בין זיך געזעסען אין אַ ווינקעל. דערפאַר קענט איהר מיך נישט.

— איז עס טאַקי אַנ'עולה — האָט דער רב אָבגעענטפערט. דער טאַלנער רבי ר' דודל זצ"ל פלעגט זאָגען, אַז מען טאָר נישט צופיעל דערצעהלען וועגען אייגענער עניוות, דערביי האָט ער דערצעהלט אַ מעשה, אַז נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער, איז געקומען צו איהם אַ יוד, אַ נגיד און אַוועקגעלעגט אַ גאָר גרויסען פדיון.

— וואָס גיט איהר מיר אַזוי פיעל געלד? — פרעגט ר' דודל

— איך האָב מיך אַזוי געפיהרט ביי אייער פאָטער, וויל איך מיך אויך ביי אייך אַזוי פיהרען.

— וואָס גלייכט איהר מיך צו מיין פאָטער. דער טאַטע איז דאָך געווען אַ קדוש עליון אַ גדול בישראל און וואָס בין איך?

רופט זיך אָן דער חסיד: אַזוי? איך האָב געמיינט, אַז איהר זענט אויך גרויס. אָבער אַז איהר זאָגט, אַז איהר קומט נישט צום טאַטען, חארף איך האָך איך דאָס געלד נישט געבען!

און ער האָט דאָס גאַנצע געלד צוריקגענומען.

— פון דעם יוד — האָט ר' דודל טאַלנער געזאָגט — האָב איך געלערנט, אַז מען טאָר זיך נישט צופיעל שפּילען מיט עניוות!...

דאָס געשטאַלט פון יעקב סבא

אויף דער גרויסער אספת הרבנים אין יאָהר תרפ"ו זענען געקומען עטליכע פאָטאָ־גראַפיסטען, מיטן צוועק צו מאַכען אַ פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמע פון דער רבנים־קאָנפערענץ. דער גרעסטער טייל פון די פערזאַמעלטע רבנים זענען אָבער אַרויסגעטרעטען געגען דעם פרוב צו פאָטאָגראַפירען די רבנים, אָבער די פאָטאָגראַפיסטען האָבען ערקלערט, אַז דאָס איז זייער פרנסה, דערפון ציהען זיי חיונה, שפּייזען זייערע פאַמיליעס, דעריבער זאָלען די רבנים אויף זיי רחמנות האָבען און ערלויבען צו מאַכען די פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמע.

דער גרויסער אוהב ישראל, הרב שפּירא זצ"ל, האָט גלייך געפּיטען אַ המלצה, מיט וועלכער ער האָט געווירקט אויף די מחמירים צו ענדערן זייער מיינונג.

די חז"ל זאָגען, אַז יעקב אָבינו'ס צורה איז אויסגעקריצט אין כסא הכבוד. פרעגט זיך: צוליב וואָס? וואָס מיינט מען דערמיט צו זאָגען?

גאָר די כונה איז מעמליך, צו ווייזען די שפּעטערע דורות דאָס געשטאַלט פון יעקב

סבא, מיט זיין באָרד און פיאות, מיט זיינע יודישע מלבושים. אַז זיי זאָלען זעהען, אַזוי האָט אייגענטליך דער ...., יו' עס ווערט געבראַכט ביי יוספ'ן. „עס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט דאָס ...... פון זיין פאָטער".

רערפאַר איז מיין מיינונג — האָט הרב שפּירא אויסגעפיהרט — אַז מען זאָל יאָ עה ליבען מאַכען די פאָטאָגראַפיע, כדי די שפּעטערע דורות זאָלען זעהן אונזערע יודישע צורות אונזערע תמונות און זיי זאָלען זיך בעמיהען אויסצוזעהען ווי יודען...

נאָך דער דאָזיגער המלצה, האָט זיך דער שטורם איינגעשטילט און די פאָטאָגראַפים־ מען האָבען די מעגליכקייט געהאַט צו מאַכען די פאָטאָגראַפישע אויפנאהמע.

(ש. בריזמאן — לאָפּי).

צו שטיל און צו הויך

אַמאָל שטעלט ער אָפּ אַ רב און הייסט זיך נאָכזאָגען דעם רבינס תורה. דער רב גנטפערט, אַז ער האָט די תורה נישט פערשטאַנען, ווייל דער רבי האָט געזאָגט צו־שטיל. ניין! שלאָגט איהם איבער דער לובלינער רב, איהר האָט נישט פערשטאַנען ווייל דער רבי האָט געזאָגט צו־הויך...

(שמואל לאַנדוי, משאַרטקוב)

שנאת חנם

ווען ער האָט בעמערקט, אַז אַלע רבנים אויף דער מזרח־וואַנד קוקען אויף איהם מיט „קנאה־בליקען" (עס איז געווען ביים רבי'ן אין משאַרטקוב), האָט ער זיך אָנגערופען: די רבנים האָבען מיך פיינד אַ שנאת חנם. אַ'אומזיסטע שנאה, זיי קענען מיך גאָרנישט פּתן און דאָך האָבען זיי מיך פיינד...

(שמואל לאַנדוי, משאַרטקוב)

די זאכען וואָס האָבען נישט קיין שיעור

...יענדיג אין לובלין שבת וירא אין שפּיטאָל ביים מראדיציאָנעלע, האָט ... האָט דער רב געזאָגט: צו די זאַכען וואָס האָבען נישט קיין שיעור געהערען אויך בקור־חולים, הכנסת־כלה און הלוית המת. בקור־חולים מיינט מען דאָך דאָס שפּיטאָל, וואוהין מ'קומט בעזוכען די קראַנקע, הלויה המת איז דאָך דער בית־החיים, הכנסת כלה מיינט מען אויך די תורה, וועלכע איז געגליכען צו אַ כלה. דאָ אין לובלין שטעהט טאַקע דאָס שפּיטאָל נאָהענט פון בית־עולם, און ... ... דעריבער די ישיבה, וועלכע איז מכנים די כלה. ס'איז דעריבער אונזער הייבעכטער וואונש, אַז דאָס שפּיטאָל זאָל נישט שאַפען קיין מאַטעריאל פאַר'ן בית־עולם און דערויף וועט אַכפונג געבען די ישיבה, וועלכע איז אַ מחיצה צווישען דעם שפּיטאָל און בית־החיים.

איך בעט „מיט־עסען"

אינמיטען לערנען איז צום רב ז"ל אַריינגעקומען דער ראש־הקהל, כדי מיט איהם עפּעס איבערצורעדען. דער רב ז"ל האָט נישט געוואָלט מבטל־זיין פון לערנען. אָבער דער ראש־הקהל האָט דורכאויס פערלאַנגט, אַז נור יעצט זאָל דער רב מיט איהם דעם ענין אַדורכרעדען.

— מילא, קומט'זשע אַריין מיט מיר מיט־עסען! — האָט דער רב צו איהם געזאָגט מיט סאַרקאַזם.

דער ראש־הקהל איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט:

— וואו זאָל איך געהן מיט'ן רב עסען? — האָט ער געפרעגט.

— די גמרא זאָגט אין עבודה־זרה — האָט איהם דער רב געענטפערט — „העוסק במשנתו ופוסק, מאכילין לו גחלי רתמים" — אַז אייניער לערענט און איז מפסיק אינמיטען, גיט מען איהם צו עסען גליהעדיגע קויהלען! פאַרוואָס'זשע זאָל איך אַליין עסען? קומט מיט מיר מיט־עסען!

(לייב האָבער)

א רב איז גלייך צו א נאגעל...

דער לובלינער רב האט זיך אמאל צוגעהערט צו א שמועס פון צוויי בעלי בתים אין איינער פון די שטעדט, וועלכע ער האט בעזוכט בעת זיין אקציע לטובת יח"ל.

— א מעשה פלא — האט זיך איינער אנגערופען — פון היע איז נאך קיינמאל קיין רב נישט ארוים.

דאס איז נישט קיין שום פלא — האט זיך דער לובלינער רב אריינגעמישט אין שמועס אריין — א רב איז גלייך צו א נאגעל. האט ער א קאפ וועט ער נאך קאנען ארוים אפילו נאך דעם, וואס מ'שלאגט איהם אריין אין דער וואנד. האט ער אבער קיין קאפ נישט, דאן וועט ער בלייבן אין [illegible]

הרב י. ל. בענעט.

פאליטישע גלייכווערטלער

שקר אין לא „רגלים״

דער לובלינער רב איז אמאל געקומען קיין ווארשא, כדי אנטייל צו נעמען אלס דע־פוטאט, אין די סיים זיצונגען. איידער ער איז געגאנגען אין סיים אריין, האט ער אבגעשטיגען אין א האטעל, וואו ער האט זיך צוזאמענגעטראפען מיט נאך עטליכע יודישע דעפוטאטען, און עס האט זיך אנטוויקעלט א לעבהאפטע געשפרעך.

אינדעם קומט אריין א ייד א הענדלער פון שקארפעטען. ער גייט גלייך צו צום טישעל, וואו עס זענען געזעסען די דעפוטאטען און שלאגט זיי פאר צו קויפען ביי איהם שקארפעטען.

דער ליבלינער רב, זעהענדיג, אז עס איז א ארימער ייד, נעמט ארויס א גרעסערע מט־בע און דערלאנגט איהם.

דער ייד וויל נישט נעהמען דאס געלד, אויב מען וועט ביי איהם נישט קויפען קיין שקארפעטען. דער לובלינער רבי ערקלערט איהם גלייך:

— הערט אויס מיין ליבער ייד, מיר זענען דעפוטאטען אין סיים, דארטען פיהרט מען פאליטיק, און פאליטיק איז בלויז ליגען און שקר אין לא רגלים, פערשטעהט איהר דאך, אז אויב עס איז נישט פערהאן קיין פיס, איז דאך נישט נויטיג קיין שקארפעטען...

(ש. זאלבע)

דער ערשטער צייטונגס־קארעספאנדענט

עס זיצט ביי איהם א קארעספאנדענט פון א גרויסער אמעריקאנער צייטונג, צו הערען פון איהם זיין מיינונג איבער די ארגאניזירטע ארטאדאקסיע. נאטירליך פרובט דער קארעס־פאנדענט אויסרעכענען חטאים אויף דער ארטאדאקסיע, וועלכע גרייכען נאך צוריק מיט הונדער טער יאהרען. אויסהערענדיג מיט געדולד די אלע חטאים און עוונות, וואס דער קארעספאנדענט זוכט אויס אויף דער ארטאדאקסיע, רופט זיך דער רב ז״ל אן צו די איהם ארומשטעהענדע מיט דער פראגע: וואו געפינט מען דאס ערשטע מאל אין דער תורה א „קארעספאנדענט״?

נאטירליך איז קיינער נישט איינגעפאלען, האט דער רב זצ״ל דערויף געזאגט: ביים שעיר לעזאזל שטעהט. אז מען האט איהם געשיקט דורך א „איש עתי״, דאס הייסט א קארעס־פאנדענט, פארוואס האט מען געמוזט דוקא נעמען א קארעספאנדענט צו דער אויפגאבע? נאר ווייל די חז״ל זאגט דאך אונז, אז אויפ׳ן שעיר לעזאזל האט מען געמוזט מתוודה זיין אלע עוונות, מאכער האט מען פערגעסען איין עון, איז דער עון נישט מכופר, וואו נעמט מען אבער א מענשען, וואס זאל קענען אויסגעפינען אלע עוונות פון יודישען פאלק, נישט פער־פעהלענדיג אפילו דעם קלענסטען חטא, דעריבער האט מען געמוזט נעמען דערצו א קארעס־פאנדענט פון א צייטונג און מן הסתם דוקא פון א גרויסער אמעריקאנישער צייטונג.

גלייך אויפ׳ן ארט...

פראפ. לוטאסלאווסקי, דער באקאנטער צורר־ישראל, חשר פראיעקטגעבער פון אייג־פיהרען ספעציעלע וואגאנען פאר יודען, האט געהאט א הנאה צו פערטשעפען רבנים־דעפוטא־טען אין סיים.

איינמאָל האָט ער פערטשעפעט אין די סיים-קולוארען דעם לובלינער רב זצ"ל מיט פאָלגענדע ציניש ווערטער:

— איהר ווייסט, פאַניע ראַבינע, כ'האָב אַ פרישע פרנסה פאַר יודען: הוים-שינדען פון געפגרטע הינד...

און זייערע דעפוטאַטען וועלען דען גישט פּראָטעסטירען געגען דעם אין סיים? — פרעגט איהם הרב שפּירא.

— וועמענס דעפוטאַטען, די יודישע?

— ניין, די הינטישע... — ענטפערט הרב שפּירא.

— איהר ווייסט דען נישט, פאַניע שפּירא, אַז אין שלעזיען איז פערהאַן אויף די טויערען אַ אויפשריפט: פאַר יודען און הינט — איינטריט פערבאָטען? האָט לוטאָסלאַווסקי ווייטער ציניש געפרעגט.

— אויב אַזוי, איז דאָך פאַר אונז ביידע דער איינטריט פערבאָטען... האָט הרב שפּירא וויגענבליקליך איהם אָפּגעענטפערט.

געזעצען און פּירושים צו די געזעצען

וועהרענד סיים-דעפוטאַט, האָט דער רב ז"ל אין אַ פּאָליטישען שמועס, גערעדט וועגען דער פּוילישער קאָנסטיטוציע.

— די פּוילישע קאָנסטיטוציע — האָט דער רב ז"ל געזאָגט — גיט איהרע יודישע בירגער אַלע רעכט אין גלייכהייטען. דאָס אומגליק קומט נאָר פון די קאָמענטאַרען, די פּירושים צו דער קאָנסטיטוציע. אַז עס האַלט ביי יודען טייטשט מען יעדען פּאַראַגראַף לרעתו פון יוה. אָט האָט איהר אַ ביישפּיעל פון דער תורה — האָט דער רב צוגעגעבען אין שפּאַס — פרעה האָט אַרויסגעגעבען אַ גזרה: „כל הבן הילוד, היאורה תשליכוהו". וואָס הייסט דאָס? אַז אַלע יונגלעך וואָס וועלען געבוירען ווערען, זאָל מען וואַרפען אין טייך אריין. קומט דער תרגום אונקלוס און פערטייטשט: כל ברא דיתיליד ליהודאה, בלויז די יונגלעך וואָס וועלען געבוירען ווערען ביי יודען... אָט אַזוי איז אַ חילוק פון אַ דעקרעט ביז דעם פּירוש צום דעקרעט.

(א. י. שליין, וואַרשאַוויע)

דאָס פּאָליטישע העמדעל

נאָך די סיים-וואַהלען אין יאָהר 1928, בעת דער לובלינער רב האָט בעשלאָסען נישט מעהר אַרויסצושטעלען זיין קאַנדידאַטור אַלס דעפוטאַט, טרעפט איהם דעפ. ר' פּיווויש סמעטעל און פרעגט איהם:

— לובלינער רב, וואָס איז די מעשה, פאַרוואָס איהר האָט נישט געוואָלט ווערען דעפוטאַט?

— גלויבט מיר, — ענטפערט איהם דער רב — אַז איך האָב מיך נישט איינמאָל אויסגעוויינט פאַרן רבונו של עולם, פאַר די צעהנדליגער שעה'ן אָהן תורה, וואָס כ'האָב אין סיים פערבראַכט.

— פשטתי את כתנתי — איך האָב איינמאָל אויסגעטהון דאָס פּאָליטישע העמדעל איככה אלבשנה? ווי אַזוי נעהמט מען עס צוריק אָנטהון?

(מ. רובין — טאָמאַשאָוו-לוב.)

פרייע פּאָליטיק

דער רב האָט אַמאָל געהאַט אַ וויכוח מיט אַ מאָדערנעם רב. פאַרוואָס ער שטיצט אונטער די פרייע אַנטי-רעליגיעזע פּאָליטיק פון די ציונים.

— גלויבט מיר, לובלינער רב — האָט זיך יענער מתנצל געווען — אַז איך האָב נישט דערביי קיין שום שלעכטע כוונה, נאָר וואָס זאָל איך טהון, אַז זיי שיקען מיר כסדר צו איינלאַדונגען און זענען מיך מפציר און איך קען נישט אָבזאָגען!

דערויף האָט איהם דער לובלינער רב אָבגעענטפערט אויפן אָרט:

— אויפ'ן פּסוק ואיש לא ידעה, — זאָגט דער מהרש: ואיש לא תבעה. איז דאָ

אַ פּלא, די תורה דערצעהלט דאָך די מעלות פון אונזער מוטער רבקה, לסוף קומט דער מדרש און ריהמט די שטאָדט־לייט אַז זיי זענען געווען אָרענטליכע מענשען!

נאָר דערפון איז צו זעהען, אַז אויב אַ מענש איז ווייט פון דער עבירה, שלאָגט מען אים כלל נישט אָן!...

(מ. ד. קופּערוואַסער — לאָדז)

די אגודה נאָך איהר דורכפאל

נאָך דעם דורכפאַל פון די אגודה ביי די סיים־וואַהלען אין יאָהר 1928 האָט איהם אַנ'„אונפּאַרטייאישער", וועלכער האָט געהאַט פון דעם דורכפאַל גרויס נחת־רוח געפרעגט: װאָס זאָגט איהר עפּעס צום אויסגאַנג פון די וואַהלען?

— איך האָב דערפון גרויס עגמת נפש — האָט דער רב אָבגעענטפערט. — די תורה זאָגט ביי ישמעאל'ן והוא יהי' פרא אָדם, ידו בכל ויד כל בו. איז עס דאָך אַ תרתי דסתרי: „פרא" און „אָדם" (אַ ווילדער איז דאָך נישט קיין מענש און אַ מענש איז דאָך נישט קיין פרא) „ידו בכל" און יד כל בו — זענען דאָך אויך צוויי געגענזאַצען!

דער פּשט איז אַזוי: ווען ער זיין אַנ'אָדם, אַ רוהיגער מענש, וועט זיין יד כל בו. וועלען אַלע איהם משעפּען און נישט לאָזען צורוה. אָבער וועט ער זיין אַ פרא — אַ וואוילער יונג, וועט מען פאַר איהם מורא האָבען און עס וועט זיין ידו בכל — אַלץ וועט ער פערכאַפּען.

מיט דער אגודה איז אויך דאָס זעלבע: קיים זענען די אגודה געווען „מענשען", געהאַט דעפּוטאַטען אין סיים, איז געווען יד כל בו. אַלע האָבען זיך צו איהר געטשעפּעט, היתכן װי קומט אגודה צו פּאָליטיק? היינט אָבער, ווען די אגודה איז געוואָרען „פרא" — אויס מיט די דעפּוטאַטען, וועט זיין ידו בכל — זיי וועלען מיט אַלע אָנהויבען, אַלץ פערכאַפּען, די קהלות, די שטאָדט־ראַטען, דערפון האָב איך שטאַרק עגמת־נפש!

(מ. פּ. קופּערוואַסער — לאָדז)

פאַרוואָס יודען עסען פסח הארטע אייער!

זענענדיג סיים־דעפּוטאַט האָט איהם אַמאָל אַנ'ענדעקישער דעפּוטאַט געפרעגט, פאַרוואָס יודען עסען אום פסח צום סדר הארטע אייער.

— דאָס איז אַ סימבאָל אויף דער יודישער הארטנעקיגקייט! — האָט איהם דער רב געענטפערט — אייער איז דאָס איינציגע מאכל, וועלכעס וואָס מעהר מען קאָכט אָדער מען פּראָט, אַלץ הארטער ווערט עס. אויך מיט יודען איז אַזוי: „וכאשר יענו אותו — כן ירבה וכן יפרוץ"!

(א. פּ. בלאַס, וואַרשא)

ער זאָגט נישט וואָס ער מיינט

איינער אַ ציוניסטישער פּאָליטיקער, אַנ'עסקן אַ כל ולך האָט אַמאָל פערפיהרט אַ שמועס מיט'ן רב. אין שמועס האָט ער דערצעהלט דעם רב, אַז ער איז אַ בעל־תוקע.

— איהר וואָלט זיך גיכער געפּאַסט פאַר אַ בעל מקריא.

— פאַרוואָס עפּעס?

— עס איז אַמאָל געווען אַ בעל־מקריא און אַ בעל־תוקע, וואָס האָט תמיד געטהון דעם היפּך וואָס דער בעל מקריא האָט איהם געהייסען. האָט דער בעל מקריא געזאָגט „תקיעה", האָט דער בעל־תוקע געבלאָזען „שברים" אַזוי כסדר.

— פאַרוואָס בלאָזט איהר אַנדערש ווי איך זאָג — פרעגט דער בעל־מקריא מיט תרעומות.

— כ'וועל אייך זאָגען, היות ווי איך קען אייך, זענט איהר אַ גרויסער פּאָליטיקער און אַ פּאָליטיקער איז דאָך כידוע ווייט פון אמת און דאָס וואָס ער זאָגט מיינט ער דאָך נישט אַזוי, אַז ווען איהר זאָגט „תקיעה" מיינט איהר גאָר „שברים". דעריבער טהו איך פערקעהרט.

— איהר זענט דאָך אַ פּאָליטיקער, — האָט דער רב אויסגעפיהרט, — דאַרפט איהר זיין אַ בעל־מקריא און נישט אַ בעל־תוקע!...

(י. ראָזענבערג — קוזשמינעק)

פרנסני כּכלב וכעורב...

מען האָט זיך פאַר'ן רב זצ"ל בעקלאָגט אויף די קהלה־פרנסים, אַז זיי זענען האַרטע לאָזע מענשען, אכזרים, זיי געהען גאָרנישט אַריין אין דער לאַגע פון אָרימאַן און טראַכטען נישט איהם אַרויסצוהעלפען אין זיין נויט.

האָט דער רב זצ"ל זיך אָנגערופען, אַז די האַזיגע אָנקלאַגע געפינען מיר שוין אין דער גמרא.

די חז"ל דערצעהלען, אין מס' בבא בתרא דף ח' ע"א: רבי האָט געעפענט תבואה־מאַגאַזינען אין הונגער־יאָהרען און האָט געזאָגט: „זאָלען אַריינגעהן די, וואָס האָבען געלערנט תנ"ך, די וואָס האָבען געלערנט משניות, די וואָס האָבען געלערנט גמרא! אָבער עמי־הארצים זאָלען נישט אַריינגעהן!" האָט זיך אויך אַריינגעמישט יונתן בן עמרם און געזאָגט: רבי שפּייז מיך! האָט רבי איהם געפרעגט: זוהן מיינער, האָסט געלערנט תנ"ך? — ניין! האָסט געלערנט משניות? — ניין! טאָ פאַרוואָס זאָל איך דיך שפּייזען? האָט יונתן בן עמרם געזאָגט: רבי, פרנסני ככלב וכעורב! (שפּייז מיך ווי אַ הונד און אַ קראָה)

— אָבער דער גאַנצער מאמר — האָט דער רב זצ"ל געזאָגט בהדך הלצה — איז דאָך קשה: אַז ס'איז געווען אַ הונגער־יאָהר, פאַרוואָס האָט די קהלה נישט געשפּייזט די אָרימעלייט נאָר רבי האָט געשפּייזט? נור עס האָט אוודאי געמוזט זיין אַזוי: די קהלה האָט געשפּייזט די פּראָסטע בעלי־בתים און רבי האָט געשטיצט די תלמידי־חכמים און בני־תורה. אין אָבער געקומען יונתן בן עמרם, אַ ייד אַ נ'עם האָרץ, און רבי האָט איהם געהייסען געהן צו די קהלה־פרנסים אַז זיי זאָלען איהם שטיצען. האָט יונתן בן עמרם זיך אָנגערופען:

רבי, פרנסני ככלב וכעורב! אונזערע פרנסים זענען ווי די הינט און קראָהען! אכזרים האַרצלאָזע מענשען!...

(אברהם בריש, סאַמבאָלגאַ)

פרומע יודען און פּאָליטיק

איינער פון די בריסע בעלי־בתים האָט אַמאָל געפרעגט דעם רב ז"ל: ווי קומען עפּעס פרומע יודען צו פּאָליטיק, איהר דאַרפט בלויז זיצען אין בית המדרש און לערנען.

דערויף האָט דער רב געענטפערט: אַזאַ זכות איז שוין אַמאָל געווען צווישען רבי מאיר'ן און אחר'ן, אחר האָט געזאָגט צו ר' מאיר'ן „חזור בך", ווי קומסט דו עפּעס אַרויסצוגעהן פון דיין תחום און צו מישען זיך אין פּאָליטיק. דערויף האָט ר' מאיר געענטפערט: „אף אתה חזור בך". ווען דו וואָלסט מיט דיין פריהער שיטה געווען אָבגעשלאָסען בלויז צווישען זיך, וואָלסט נישט אַרויס פאַנגען קיין נפשות, וואָלט איך אויך געווען אָפּגעשלאָסען אין די ד' אמות של הלכה. היות אָבער ווי דו ביזט אַרויס אין רשות הרבים אַריין צו פערשפּרייטען כפירה, קען איך אויך נישט רוהען...

(נחום בראָגראַם, — סאַרגאָקי)

די אייגענשאַפטען פון אַ מנהיג,

נאָך האָט ער געזאָגט:

אַ תלמיד חכם דאַרף זיין אין דער בחינה פון „עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר", ער דאַרף אַמאָל זיין אַזוי ווי מעשר, וואָס איז דער סימבאָל פון אָבגעזונדערטקייט, פון אָבגעשיידקייט און אַמאָל דאַרף ער זיין אין דער בחינה פון „ערבתם", אויסגעמישט מיט'ן פאָלק און איהם איינצוהייבען. נאָך דער מנהיג, וואָס האָט אין זיך אָט די צוויי געגענזעצטע כחות קען אויך ווירקען, אַז עס זאָל זיין „הדליקו את הנר", אַז עס זאָל דורך איהם אָנגעצינדען ווערען דאָס תורה־ליכט צווישען די פאָלקס־מאַסען...

(נחום בראַגראַם, — סאַרגאָקי)

אגודה אוי כלל-טוהערליי

— טומאה בוקעת ועולה...

זענענדיג פיט-דעפוטאַט, האָט איהם אַמאָל אַ ציוניסטישער דעפוטאַט קריטיקירט, אַז די „אגודה" איז נישט אָריגינעל. אַלצדינג מאַכט זי נאָך די פריע, איבערהויפט די ציוניסטען. וואו עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע-אַפּאַראַט, -וואָס עס שאַפען די ציוניסטען, — די אגודת מהינט עווין אויך כ'איינענע! מאַכער האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איהר לאָקאַל אויף נראַניטשנאַ 9. ערינבער שטאָק (האַכאַלכ), דינגט די אגודה איהר לאָקאַל פונקט איבער דעם אויבן צווייטען שטאָק!

— איהר יענט אפשר גערעכט! — ענטפערט איהם דער רב ז"ל מיט סאַרקאַזם — שוין אין דער גמרא געפינען מיר אַז ס'איז פערהאַן אַזאַ שענדליכע השפעה: „טומאה בוקעת ועולה"! .. (י. קראַקאָווסקי, לאָדז).

אע"פ שלא חטא ישראל הוא...

אין אַנוועזענהייט פונ'ם ליובלינער רב האָט איינמאָל אַ בערבערענטער ציוניסט איבערעדט „אסור לדבר" אויף די אגודה'ניקעס. דערמאָהנענדיג זיך אָבער, אַז דער רב געהער אויך צו דער אגודה, האָט ער מילדערענדיג זיינע זידעל-ווערטער צוגעגעבען:

— מ'קאָן נישט זאָגען, אגודיסטען זענען אויך יודען...

דערויף האָט דער רב מיט אַ איראָנישען שמייכעל אויף די ליפען זיך אָנגערופען:

— אונזערע חכמים זאָגען: אע"פ שחטא ישראל הוא. אפילו ווען מ'זינדיגט איז מען אָבער אַ יוד. היינט האָט עס לוידער שוין דאָכוי, אַז „אע"פ שלא חטא ישראל הוא". אפילו ווען מען זינדיגט נישט איז מען אויך אַ יוד... (הרב י. ל. בענעט)

יעקב מיט עשיו

אויף וויפיעל ער איז געווען אַן'אוהב ישראל, קען דיגען פאָלגענדער עפּיזאָד: ס'איז געווען אין יאהר 1922 ווען די אגודה איז געגאַנגען פעראייניגט מיט די ציונים צו די סיים-וואַהלען. דער רב האָט אין לעטטערע אַגיטירט פאַר'ן דאָזיגען בלאָק. אינמיטען דער רעדע מאַכט איהם איינער אַ צווישענרוף: „ס'טייטש, ערשט נעכטען האָט איהר זיך אַרומגעריבען געזידעלט. היינט אַגיטירט איהר פאַר זיי? דער רב האָט איהם — נישט לאַנג געקלערט — דערויף געענטפערט: מיר געפינען אין דער תורה, אַז עשו און יעקב האָבען זיך פיינד געהאַט און יוסף מיט די ברידער האָבען זיך פיינד געהאַט, ביידע האָבען זיך שפּעטער איבערגעבעטען. דער חילוק איז אָבער — יעקב מיט עשו'ן אפילו נאָכ'ן שלום מאַכען זענען זיי אויך נישט געבליבען קיין אמת'ע פריינד. יעקב איז געבליבען יעקב — אַ יוד און עשו — עשו — אַ גוי, און „בידוע שעשו שונא ליעקב". אָבער יוסף מיט די ברידער, אויב זיי האָבען שלום געמאַכט זענען זיי פערבליבען אמת'ע גוטע פריינד, ווייל ביידע זענען זיי געווען — ברידער יודען...

מיט די נשמה יתירות

אַמאָל איז דער רב געווען אויף אַ בעזוך אין אַ באַקאַנטער וואַרשאַווער ישיבה, אַריינ־קומענדיק אין אַ געוויסער כתה, ווענדעט ער זיך צום מנהל: וויפיעל בחורים געפינען זיך אין דער כתה? דער מנהל ווילענדיק זאָגן וואָס מעהר, גיט אַ זאָג: ביי די 60. יאָ! רופט זיך אָן דער רב — מיט די נשמה־יתרות... (שמואל לאַנדוי פּשאַרטקוב).

מי שטרח בערב שבת

אויף דער 2־טער אגודה־קאָנפערענץ איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע אויפצו־בויען אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל. אויפן אָרט האָט זיך געמאָלדען אַ רעלעגאַט מיטן נאָמען פרייטאָג און נעשענקט אַ בעדייטענדע סומע.

דערויף האָט דער רב געזאָגט: די ציונים זאָגען, אַז מיר האָבען נישט קיין שייכות צו א"י, ווייל כי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, איצט אַז מיר האָבען אַזאַ פרייטאָג (ערב שבת) וואָס גיט אַזאַ נתינה פאַר ארץ־ישראל, זענען מיר דאָך די אמת'ע נותנים!

(י. ל. בערזאָן — קאַליש)

א דענטיסט איז עפּעס אנדערש

בשעת אַ רעפּעראַט פון לובלינער רב זצ"ל, האָט אייגער אַ ציוניסט, געמאַכט אַ צווישענ־רוף, אויף אַ זעהר שלא־כהוגנ'דיגען אופן.

אַ דערנעבען־שטעהענדיגער, האָט דעם רב זצ"ל שטילערהייט געזאָגט, אַז דער צווי־שענרופער איז אַ דענטיסט און צאָהן־טעכניק, ער האַלט זיין אַנשטאַלט אָפען אום שבת און איז בכלל אַ מחלל־שבת בפרהסיאַ.

דער רב זצ"ל האָט אויפ'ן אָרט אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— כ'וואָלט אַפילו דעם דאָזיגען העדר געדאַרפט ענטפערן, אַזוי ווי דעם דשע אין דער תורה: „אף אתה הקהה את שיניו". איז אָבער דער דאָזיגער העדר אַ דענטיסט, וועט ער זיך צוריק אַריינשטעלען אַנדערע קינסטליכע ציינער... וועל איך איהם דעריבער ענטפערן אַנ־דערש!

און דער רב האָט גענומען ענטוויקלען אַ לאָגישען ענטפער, וואָס האָט דעם עזות־פנים'דיגען דענטיסט אויפגעעפענט די אויגען אין זיין פערבלענדעניש.

(אברהם בריש סאַמבאָלגא)

אַמאָל איז ער געווען אין קהל־זאַל פון דער גרויסער גאַליצישער שטאָדט ל', טרע־טענדיג דאָרט העגגען פּאָרטרעטען מיט ענטבלויזטע קעפּ, רופט ער זיך אָן:

— כ'פאַרשטעה נישט, אַז אין דער היגער קהלה זאָלען העגגען אַזעלכע בילדער. דער האָרטיגער רב וואָס איז דערביי געווען געטראָפען פון די דאָזיגע ווערטער — רופט זיך אָן: ווי קומען פרעמדע רבנים צו מישען זיך אין אונזערע ענינים?

דער לובלינער רב, נישט־לאַנג קלערענדיג ענטפערט דערויף: עס דערמאָהנט מיך אין יענעם קצב. אַ קצב האָט אַמאָל געהאַט אַ שאלה אויף דער בהמה, איז ער געגאַנגען מיט'ן שוחט צום רב, ווענען דער שאלה. אויסהערענדיג די שאלה רופט זיך אָן דער רב: לויט'ן תבואת שור איז די בהמה טריפה. הערענדיג דאָס, גיט דער קצב אַ זעץ אין טיש: ווי קומט דער תבואת שור צו מיין בהמה...

בשעת'ן בייליס־פּראָצעס, האָט דער רב ז"ל צונעשיקט דעם מאָסקווער ראַבינער מאַזאַ, וועלכער האָט בעדאַרפט אָפּווענדען די בלבולים פון די שונא־ישראל'דיגע תלמוד־„קענערס", אַז יודען פערטראַכטען מכלומרשט די קריסטען, פאָלגענדען טייטש אויף אייניגע פון די פאָרגע־וואָרפענע מאמרי התלמוד: „אתם קרויין אדם, ואין אומות־העולם קרויין אדם":

— נור לגבי דעם יודישען פאָלק ווערט אָנגעוואָנדען דער בעגריף „אדם", אין מענש

דאָס גאַנצע פאָלק איז איינס. טאָמער איין ייד באַגייט אַ פאַרברעכן, איז דאָס גאַנצע פאָלק מיטפאַראַנטוואָרטליך: „ואין אומות־העולם קרויים אדם", דאַנגען לגבי די גויים ווערט ניט אָנגעווענדעט דער באַגריף „אדם", אַלע — פאַר איינעם. אַ גוי איז פאַראַנטוואָרטליך נאָר פאַר זיך... (משה קאָזלאָווסקי, כעלם)

•

רעדנדיג וועגן דעם, אַז אַז די עוסקים לדברים־שבקדושה, מוזן זייער אַרבייט צו שטיל און בעשיידען, דאַנגענען די פרייע זאַמלען געלד מיט אַ גאַנצער טרעוואָגע, פרעך און חוצפה — האָט דער רב, ז"ל אַזוי געזאָגט:

— יעקב אָבינו האָט געזאָגט: „עם לבן גרתי, ותרי"ג מצוות שמרתי, ולא למדתי ממעשיו הרעים". איז דאָך קשה: פאַרשטייט זיך, אַז אויב „תרי"ג מצוות שמרתי", איז „לא למדתי ממעשיו הרעים"!

נאָר דער פשט איז אַזוי: אַז לבן האָט נאָכגעיאָגט יעקב'ן אַ וואָך פון זיבן טעג, און משך פון איין טאָג, בלויז צוליב זיינע תרפים, זיינע געטשקעס, וואָס רחל האָט צוגע'גנב'עט, — האָט יעקב זיך באַטראַכט: וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט מיין עבודת ד'? איך האָב טאַקי אָפגעהיטן אַלע תרי"ג מצוות, אָבער „לא למדתי ממעשיו הרעים", איך האָב נישט געדינט מיט אַזאַ ברען, ווי לבן פאַר זיינע תרפים, צו לויפן אַ וואָך פון זיבן טעג, בלויז אין איין טאָג!... (חנוך דוד האַנערמאַן, זשורים)

ער וואָלט פאַראיבריגט...

קומענדיג אין אַ שמאַרטע פריי, איז צום רב געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער דאָרטיגער בית־יעקב־שול.

דער רב האָט זיך אויסגעהערט וועגן אַלע פרטים, באַזונדערס וועגן מצב פון בית־יעקב.

— עס פעהלט אונז צו — האָט די דעלעגאַציע טרויעריג געזאָגט — הונדערט זל. אַ חודש.

— אַזוי? — האָט דער רב פרעהליך אויסגערופן — און דערפון זענט איהר טרויעריג? ווען ביי אין דער ישיבה וואָלט נישט מעהר געפעהלט ווי 100 זל. אַ חודש, וואָלט איך נאָך פאַראיבריגט 100 זל. אַ חודש... (מרדכי זאַווידאָוויטש, — לוצק)

דער „גוטער פריינד" המן...

פורים האָט דער רב אַ בשמחה'טער אויסגערופן: עט, וואָס מ'זאָגט דאַרטען, אַז המן הרשע האָט געוואָלט יודען שלעכטס טהון. המן האָט נאָר געוואָלט די יודען פאַרשאַפן אַ פרעהליכען יום־טוב. אַזוי „שטעהט" טאַקי אין דער מגילה. המן איז געקומען צו אחשורוש'ן און אַזוי געזאָגט: „ישנו עם אחד.. ודתיהם שונות מכל העמים", אַלע ימים טובים זייערע האָבען זיי נאָר אַ דאַנק די פאַרשידענע פעלקער, וועלכע גיבען אַרויס גזירות אויף יודען און דער סוף איז. אַז זיי ליידען אַ מפלה און יודען בעקומען אַ נייעם יום־טוב. אַזוי האָבען מיר אַ פסח צוליב דעם רשע פרעה, אַ חנוכה צוליב דעם יונישען מלכות הרשעה א. אַז. וו.

אָבער „ואת דתי המלך אינם עושים", פון דיר אחשורות האָבען נאָך די יודען קיין שום יום־טוב נישט. דעריבער „ואם על המלך טוב יכתב לאבדם", וועסטו דאָך האָבען אַ שוואַרצען סוף, וועלען די יודען במילא האָבען אַ פרעהליכען פורים...

(צוגעשיקט: מרדכי זאַווידאָוויטש — לוצק)

פערשידענעס

זיין בעציהונג צו א תורה-קינד

בשעת דער אנפיהרונג מיט דער סאנאקעער „בני תורה", האט ער אנטדעקט אין א קינד פון אנ'ארימען שוסטער מיט'ן נאמען אפרים בייפראג ע"ה א געוואלדיגען תורה טאלענט און האט אויף דעם קינד גרויסע האפנונגען געלעגט.

די השגחה האט אבער אנדערש געוואלט און דאס קינד איז ל"ע ביי זיין פריהסטער יוגענד געשטארבען. אין טיעפען טרויער נעהמט דער רב ז"ל מיט א גרויסען עולם יודען נאך דער מטה ביז אויפ'ן בית-עולם. ער שטעלט זיך דארט אוועק ביים ארון און טיעף גערירט הייבט ער אן מיט די ווערטער: „הבן יקיר לי אפרים", א גרויסער און טייערער זוהן ביסטו, אפרים, ביי מיר געווען, און מיר האבען אין דיר א גרויסע אבידה פערלוירען, דען „אם ילד שעשועים". טראץ דעם וואס די ביזט לויט דער צאהל פון דיינע יאהרען נישט מעהר ווי א קליין יתומ'לעדיג קינד, דאך האבען מיר אין דיר א גרויסען תורה פאלקס-זוהן פערלוירען, ווייל „כי מדי דברי בו", ווען איך רעד איבער דיר הייגט „זכור אזכרנו עוד", געדענק איך און מערק מיר דעם „עוד", וואס האט פון דיר „געקענט" זיין פאר אונז, „ע"כ המו מעי לו וכו'."

אזוי רעדט נאך א האדציגער פאטער איבער זיין קינד.

דער מהרש"א איז געבליבען מיט אנ'אפען מויל און משיח איז געבליבען שטעהען אויף איין פוס...

צום לובלינער רב זצ"ל איז געקומען א בחור, שמועסען מיט איהם אין לערנען. דער בחור איז געווען פון יענעם טיפ, וועלכע האבען ליעב אויסצוטראכטען א מאמר פון א ראשון אדער אחרון, וואס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען און אריינפיהרען דעם געגנער אין א קלעם.

דער בחור פרעגט דעם רב זצ"ל א הארבען מהרש"א, וואס איז באמת נישט צו פערשטעהן, ווי אזוי דער מהרש"א האט געקאנט אזוי זאגען...

מהוט דער רב זצ"ל א ווארף אהויך אין געדאנק גאנץ מהרש"א און — געפינט נישט קיין אזא מאמר.

— ניין, ליבער בחור, ס'איז קיין אזא מהרש"א נישטא! — זאגט דער רב ז"ל.

דער בחור איז אבער א גרויסער עקשן און ער שפארט זיך, אז ס'איז אזא מהרש"א יא דא.

— מילא, גיתי כסף וגהזי!

נעמט מען ארויס פון שאנק דעם מהרש"א, מען בלעטערט אהין, מען בלעטערט אהער — נישטא אזא מהרש"א!

דער רב ז"ל האט אביסעל תרעומות אויפ'ן בחור, פאר זיין קרומען גאנג אין לערנען. ער וויל איהם אויף אנ'איידעלען אופן אויס'מוסר'ן און ער זאגט צו איהם, מיט זיין פקחות'דיגען און מילדען שמייכעל, אזוי:

— מיט דיין יעצטיגע האנדלונג האסטו גורם געווען, אז דער מהרש"א זאל בלייבען

לינען מיט אַנ׳אָפּען מויל און משיח זאָל בלייבען שטעהן אויף איין פוס!

— ? ! — בלייבט שטעהן דער בחור פערפּלאָנטערט אין אַ היבש ביסעל דערשראָקען...

— די גמרא זאָגט — זעצט־פאָר [illegible] ... כל שאומרים דבר שמו־עה מפיו בעולם־הזה שפתותיו דובבות בקבר" (יבמות צ"ז.); ווידער שטעהט אין פּרק אָבות: „כל האומר דבר בשם אומרו, מביא גאולה לעולם". הייסט׳זשע אַזוי ווי נאָר די האָסט אָנגע־הויבען צו זאָגען: „דער מהרש׳אַ זאָגט..." האָט דער מהרש׳אַ, זכותו יגן עלינו, געעפענט ס׳מויל משיח ווידער, דערהערענדיג געבראַכט אַ זאַך בשם אומרו, האָט אויפגעהויבען אַ פוס צו גע־הען און ברענגען די גאולה. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דער מהרש"אַ האָט אינ־גאַנצען גאָר אַזוי נישט געזאָגט. דער מהרש"אַ איז דעריבער געבליבען מיט אַנ׳אָפען מויל און משיח איז געבליבען שטעהן אויף איין פוס....

(יחיאל זאַראַמב, וואַרשאַ)

על גחונך תלך...

דעם לעצטען זומער האָט דער לובלינער רב געמאַכט אַ שפּאַציר צו פוס איבער די בערג פון קריניץ ביז שטשאַווניץ.

ווען דער שרייבער פון די שורות האָט איהם געפרעגט, ווי ער פאַלט אויס צו געהען צופוס אַ מהלך פון צעהנדליגער קילאָמעטער האָט ער געענטפערט:

— די תורה הייסט דאָך דאָס טהוען. די תורה זאָגט: „על גחונך — האָסטו אַ גרויסען בויך — „תלך" — דאַן געה, ברודער!

(מ. ר—ר)

נאה מקיים

דער רב ז"ל איז געווען נישט נור דער נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקיים. עס מאַכט זיך אַ מעשה, אַ קצב האָט געהאַט אַ שותף, אַ געפעהרליכען צורר־ישראל פאַר וועלכען די גאַנ־צע שטאָדט האָט געציטערט. דער זעלבער קצב האָט מורד געווען געגען רב׳ס שטרענגע פאַ־דערונגען וועגען כשרות ענינים. דערביי האָט דער געפעהרליכער שותף דעם רב מיט רציחה געדראָהט אויב ר׳וועט פרובען ערשיינען אין יאַטקע. אָבער ווי ענערגיש איז דער רב אין זיין האַלטונג, ווען ער נעמט זיינעם אַ באַהעלטען אָן ביי דער האַנד מיטצוגעהן צו בעזוכען די געפעהרליך־געוואָרענע יאַטקע. מיט ברויזענדע התחזקות נעהט ער, צימיטענדיג דערביי דעם מאמר חז"ל „כד הוי אזיל רב לבדינא אמר ברעות נפשאי לקטלא אזיל" צוגעבענדיג די ווער־טער: „אַזוי דאַרף זיך אַ רב פיהרען."

ווי שטהן האָט עס אויסגעזעהען, ווען אויך דער צורר־ישראל איז בלויז ביים אָנבליק פון דער ליכטיגער צורה פון רב פערשטאַרט און הכנעה׳דיג פערבליבען, וראו כל עמי הארץ וכו׳ ויראו ממך"

הכל תלוי במזל...

דער לובלינער רב איז אַמאָל געקומען אין אַ קליינער יודישער קהלה אין אַמעריקאַ. האָט ער געהערט, אַז זיי האָבען יגון ואנחה מיט׳ן שוחט, וועלכער דערקוילעט נישט די בהמות און עופות און איז אַזוי אָרום נורם גרויסע שאָדענס דער יודישער בעפעלקערונג.

דעם זעלבען טאָג האָט דער רב געגעבען צו פערריכטען זיין זיינגערל דעם איינציגען יודי־שען זייגערמאַכער, וואָס האָט זיך געפינען אין שטאָדט. שפעטער, פינף מינוט נאָכ׳ן אָבגעהמען דאָס זייגערל פונ׳ם זייגערמאַכער גיט דער רב אַ קוק. האָט זייגערל שטעהט שוין ווידער.

— איך זעה — האָט דער רב געזאָגט, — אַז דאָ זענען פערטוישט געוואָרען די „יוצרות". דער זייגערמאַכער וואָלט געדאַרפט צו זיין שוחט אין דער שטאָט — זייגערמאַכער. דאַן וואָלטען די בהמות און עופות גאָכן קוילענען נישט געגאַנגען און די זייגערלעך נאָכן פערריכטען ניט גע־שטאַנען... ווען ס׳איז אָבער נישטאָ קיין מזל, וועהלט מען אַנ׳אומנות, צו וועלכען מ׳מוז נישט. הכל תלוי במזל...

(א. בעבלער).

דער רב האָט אַמאָל געפּלאַנט צו פאָרן וועגן יח״ל. נאָך דער דרשה האָט דער רב בעמערקט אין דער גרויסער עננשאַפט אַ קליין יונגעלע. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געפרעגט:

— יונגעלע, צו וואָס האָסטו דיך אַזוי געשטופּט, האָסטו עפּעס פערשטאַנען פון דער דרשה?

— ניין, — האָט דאָס יונגעלע געענטפערט און ער האָט נאָכאַמאָל צוגעגעבן:

— איך האָב בלויז געהערט, אַז דער רבי רעדט עפּעס וועגן געלד.

— אַזוי? — האָט דער רב זיך צושמייכלט — פאַר וואָס'דשע זאָגסטו, אַז דו האָסט נישט פערשטאַנען? דו האָסט, יונגעלע, די דרשה זעהר גוט פערשטאַנען, אפשר בעסער פון אַלע בעלי־בתים.

(א. בעכלער)

דער רייכער אמעריקאַנער פעטער

בעת דער אַקציע לטובת יח״ל אין אַמעריקאַ האָט איינער געפרעגט דעם רב, אויף וועלכעם קאַנטאָ ער האָט זיך אונטערגענומען איינצושטעלען אַזאַ ריזיגען בנין, וואָס פאָדערט אַ הון־רב. צי האָט ער נישט מורא געהאַט פאַר אַ דורכפאַל און צי וואָלט נישט גלייכער געווען זיך נישט צו לאָזען אויף אַזאַ ריזיקאַלישען וועג?

— איך וועל אייך ענטפערן מיט אַ וואָרט פון'ם מדרש — האָט דער רב געזאָגט.

דער מדרש זאָגט, אַז אויף דער פאָדערונג פון די בני עשו זיי אָנצונעמען די תורה האָט דער אויבערשטער געענטפערט:

— כלום יחוס יש בכם?

איז דאָך דעם מדרש נישט צו פערשטעהן. וואָסער שייכות האָט די תורה צו יחוס? ווייסען מיר דאָך, אַז די תורה געהט נישט איבער בירושה פון'ם פאָטער אויף'ן זוהן בלויז מיט'ן כח פון יחוס.

אָבער מ'שיינט, אַז דער מדרש מיינט דאָ די תרי״ג מצוות פון דער תורה און דאָ איז שוין פערהאַן אַ געוויסע שייכות מיט יחוס. מסביר זיין קאָן מען דאָס אַמבעסטען דורך אַ משל.

ס'איז אַמאָל געקומען אַ יונגערמאַן צו אַ רבין און זיך מיט איהם געראַטען מכח צוויי מסחרים, וואָס מ'שלאָגט איהם פאָר. איין מסחר איז זעהר אַ ריזיקאַלישער, ער קען ביי איהם פערלירען דעם גאַנצען גרן. ווען ער אָבער געלונגען, דאַן איז לייכט מעגליך, אַז ער זאָל אין אַ קורצער צייט נתעשר ווערען. דאַגעגען פון'ם צווייטען מסחר איז נישט צו ערוואַרטען קיין גרויסע גליקען. עס איז אָבער אויך נישטאָ קיין ריזיקע. דעם אַריינגעלעגטען קאַפּיטאַל וועט ער שטענדיג קענען אַרויסנעהמען. צו וועלכען מסחר ראָט איהם דער רבי צו?

— דאָס איז אָפּהענגיג, צי דו האָסט רייכע עלטערען און אַ רייכען שווער, — האָט דער רבי געענטפערט — זענען זיי אָרים מאָרסטו נישט ריזיקירען און דו מוזט מאַכען בלויז אַזעלכע מסחרים, ביי וועלכע ס'דראָהט דיר נישט צו פערלירען דיין פערמעגען. האָסטו אָבער בריימע פלייצעס אויף וועמען זיך צו שטיצען מעגסטו דעם ריזיקאַלישען מסחר מאַכען, אפשר וועט דיר געלונגען. מאָמער נישט? חאָן וועט דער שווער דיר מוזען געבען אַ פרישען גרן.

מיט דעם דאָזיגען משל קען מען פערשטעהן די ווערטער פון'ם מדרש. די תורה מיט די תרי״ג מצוות זענען אַ ריזיקאַלישער מסחר. מ'קאָן ביי זיי אַ סך געווינען, ווען מ'היט זיי גוט אָב, אָבער אויך אַ סך פערליהען, ווען מ'איז אויף זיי עובר. דאַגעגען די זיבען מצוות פון די בני נח איז לייכט אָבצוהיטען. ס'איז נישטאָ קיין שום מורא פאַר היזק. ממילא קען אויך דער שכר נישט זיין אַזוי גרויס.

מיר יודען האָבען מקבל געווען די תורה מיט אַלע תרי״ג מצוות, שטיצענדיג זיך דערביי אויף די זכות אָבות. ווען מיר זינדיגען און נישט ווי געהעריג אָבהיטען די תורה, דאַן וועלען מיר ווענינסטענס אין אונזערע תפלות זיך קענען בערופען אויף דעם זכות פון אונזערע אבות.

וואָס וואָלטען אָבער געטאָן די בני עשו, וועלכע האָבען נישט אָט דעם זכות?

אָט דאָס זאָגט דער מדרש: „כולם יחוס יש בכם” ווי אַזוי־זשע קאָנט איהר עס וואַגען צו מאַכען אַזאַ ריזיקאַלישען מסחר?

דערביזעלבען מאָמענט האָב איך איין נעהאָט — האָט דער רבי אויסגעפיהרט, — ווען איך האָב מיר ענטשלאָסען צו אַזאַ ריזיקאַלישער אונטערנעהמונג, ווי די „ישיבת חכמי לובלין”. איך האָב מיר געטראַכט: וועט מיר נישט געלונגען צו שאַפען די נויטיגע סומע אין אָרימען „יוראָפּ” דאַן האָבען מיר דאָך אַ רייכען פעטער אין אַמעריקא. צי איז דאָס אַ קליינער יחוס?

(א. בעכלער — לאָדז).

א הספד

דער רב איז איינמאָל געקומען אין אַ שטאָדט אַריין און עס איז גראָד געשטאָרבען אַן אָדם־חשוב. האָט מען געבעטען ער זאָל איהם מספיד זיין.

ביים הספד האָט דער רב געזאָגט:

— איינגעטליך ווי אַזוי קען איך מספיד זיין דעם נפטר, איך האָב דאָך איהם כלל נישט געקענט? נאָר ומשבח אני את המתים מן החיים — דערפון וואָס איך הער זיך צו וואָס די לעבעדיגע רעדען וועגען איהם.

(ד. ז.).

ש וו א כ ע פ י ם

דער רב האָט אַמאָל געמוסרט אַ יונגענמאַן אַז ער פיהרט זיך נישט בדרך הישר. רופט זיך אָן דער יונגערמאַן:

— רבי, איהר האָט דאָך געקענט מיין טאַטען, וואָס פאַר אַ וואוילער יוד ער איז געוועזען און ברא כרעא דאבוהו בין איך דאָך נישט אַזוי שלעכט.

— דיין טאַטע פלעגט זיך טאַקי פאַר מיר אָפט קלאָגען אויף די פיס!...—איז געווען דעם רב'ס ענטפער.

(מ. קושמירסקי, — פיעטרקאָוו).

דער בעל הבית איז גערעכט

דער רב האָט אַמאָל דערציילט:

אין ערשטען מלחמה־יאָהר, ווען אַ שטראָם פון היימלאָזע האָט זיך אַ לאָז געטהון קיין טאַרנאָפּאָל ווערענדיג אַרויסגעטריבען בעירום ובחוסר פון זייערע הייזער, האָבען זיך די אומגליקליכע אַרומגעוואַלגערט אין די שוהלען און די בתי־מדרשים, אין די שטיבלעך אויף די הוילע ערד. איז געוואָרען אַ געוואַלד און מען האָט צונויפגערופען אַנ'אספה און איינער אַ יוד, אַ תלמיד חכם מיטן נאָמען ר' שבתי האָט פאָרגעלעגט, אַז קיין בעל־הבית טאָר נישט שלאָפען מעהר ווי אויף איין קישען און דאָס איבעריגע זאָל ער אָוועקגעבען די היימלאָזע.

דער פאָרשלאָג איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען און אייגצעלנע האָבען אויך מקיים געווען די תקנה. דער גרעסטער רוב האָט זיך אָבער משתמט געווען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום — ווידער אַ געשריי: די היימלאָזע ליגען־דאָך אויף דער הוילער ערד?

ווידער אַנ'אספה. ר' שבתי קאָכט זיך. ס'טייטש און נאָכאַמאָל ס'טייטש. ווי איז די תקנה. אָט האָב איך אָוועקגעגעבען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנד און שלאָף אויף איין יאַשיקל.

— הע אַ חכם — רופט זיך אָן אַ בעל־הבית, ער איז אַ יוד אַ למדן, זיצט ער אַ גאַנצע נאַכט און לערנט, און לעגט זיך צו אויף 10 מינוט, קען ער יוצא זיין מיט אַ קליין יאַשיקל זיך אָבער, אַז איך לעג זיך שלאָפען, שלאָף איך 12 שעה, — הייסט ער מיך יוצא זיין מיט אַ קליין קישעלע!...

(מ. ש. הירש — טשענסטאָכאָוו).

פאָטאָגראַפירען זיך און שמירת שבת

אין לעצטען זומער פון זיין לעבען, האָט דער לובלינער רב זצ"ל געוויילט אין קריניץ, ? דער שטיינער איז אויף די קור־ערטער, קען מען זיך ממש נישט אָבטשעפען פון די פאָטאָ־

גראפירטען, וואס וואקסען אויס אויף שרים און מרים. בפרט, ביי רבנים און אנשים חשובים חעמענס בילדער זיי קענען לייכט פערקייפען.

אבער דער גרעסטער טייל פון די פערזאמעלטע רבנים און גוטע יודען מיידען זיי אויס און ערלויבען נישט צו מאכען קיין פאטאגראפישע אויפנאהמען.

געהענדיג אויף א שפאציר מיט אנ'אדם-גדול איז אונטערגעקומען א פאטאגראפיסט און געוואלט זיי בילדע „אראבכאפען".

דעם לובלינער רב'ס בעגלייטער האט זיך בערשטעלט דאס פנים און פראטעסטירט געגען מאכען אנ'אויפנאהמע.

— איך וועל אייך יא ערלויבען מיך אבצופאטאגראפירען — האט דער לובלינער רב זצ"ל אויסגערופען מיט א שמייכעל — אבער איך האב איין תנאי, איהר זאלט מיר צו-זאגען, דאס איהר וועט נישט ארבייטען אום שבת!

דער פאטאגראפיסט איז געווארען שטארק מבולבל און ארויסגעשטאמעלט:

— דאס רבי, קען איך אייך נישט צוזאגען — די גאנצע פרנסה האב איך פון שבת-דיגען טאג!..

— אויב אזוי, פערלאנג איך, אז לפחות איין שבת, לאמיר זאגען דעם קומענדיגען, זאלט איהר נישט ארבייטען!

באין ברירה האט דער פאטאגראפיסט מסכים געווען און דער לובלינער רב זצ"ל האט זיך ערלויבט צו פאטאגראפירען.

אז עס איז געקומען שבת, האט דער רב זצ"ל געשיקט צום פאטאגראפיסט זיינע מענ-שען, וועלכע האבען געהאלטען וואך ביי זיין וואוינונג, און אבטונג געגעבען אז דער פאטא-גראפיסט זאל האלטען זיין הבטחה.

אזוי האט דער רב זצ"ל בהכמתו מציל געווען א יוד פון חילול שבת.

מלבי"ם און מלבין

אין א מסיבה האט דער רב ז"ל געזאגט א גוט ווארט, פון וועלכען דער עולם האט שטארק הנאה געהאט. רופט זיך אן איינער מן הצד, אז דאס ווארט איז א בפירושער מלבי"ם.

— דאס איז נישט קיין מ ל ב י " ם — האט דער רב אבגעענטפערט — נאר דאס איז א מ ל ב י ן (פני חבירו ברבים). (ד. ז.)

וישענו תחת העץ

אויף א סעודה וואס מען האט איינגעארדענט לכבודו, האט מען נאטירליך רעזערווירט א פאסיג ארט אויבען אן, ווען דער רב איז געקומען צו דער סעודה, האט ער זיך אוועקגע-זעצט אויף א צווייט ארט, נעבען א שאנק.

— לובלינער רב, פאר אייך איז דאך פעריהאן אנ'אנדער ארט — האט שמיצער זיך אנגערופען.

— איך וויל דא זיצען — האט דער רב געענטפערט. ביי די מלאכים שטעהט: וישענו תחת העץ ויאכלו. די מלאכים האבען פערשטאנען אז ביי אברהם אבינו'ס טיש וועט זיין א גרויס געדראנג, מען וועט זיי די פלייצעס אבהאקען, האבען זיי זיך אוועקגעזעצט הינטער'ן בוים, אזוי אז מען וועט זיי לפחות נישט שטופען פון אונטען. מיין כוונה איז אויך די זעלבע.

גבירים און ארימע לייט

דעם פסוק אין תהלים „אל תבטחו בנדיבים, בבן-אדם שאין לו תשועה" האט דער לובלינער רב ז"ל אזוי געטייטשט:

— „אל תבטחו בנדיבים", זאלסט זיך נישט פערלאזען אויף קיין עשירים, בשעת די נעהסט צוזיפזאמלען געלד אויף א דבר שבצדקה; פערקעהרט „בבן אדם שאין לו" — פון א מענש וואס האט נישט, פון אנ'ארימאן — תשועה, קענסטו גיכער בעקומען הילף...

(משה יאראסלאוויטש, ליזענסק)

חלב עכו״ם

דער רב זצ״ל האָט אַמאָל געוויילט אין אַ געוויסער שטאָדט. הדבאים־ה־ין! אַ חשוב אַסציע. די שטאָדט־לייט האָבען אָבער נישט געוואָלט געבען קיין געלד. האָט זיך דער רב אָנגערופען צו די פני פון דער שטאָדט:

— כ׳דערמאָהן מיך אַ גוט וואָרט פון אַ גרויסען מגיד. אַמאָל איז אַ מגיד געקומען אין אַ שטאָדט אריין, וואו ער האָט געהאַט צו שאַפען אַ געוויסע סומע געלד. דער עולם איז געקומען צו די דרשות, אָבער קיין פרוטה פאַר די אויגען האָט ער נישט געזעהען. מיטאמאָל האָט ער זיך מיישב געווען און געלאָזט מכריז זיין, דאָס די גאַנצע שטאָדט זאָל זיך צונויפ־קומען אין שוהל אריין, ער וועט מתיר מאַכען חלב עכו״ם.

אין בעשטימטען טערמין האָט קיין איינער פון די שטאָדט־לייט נישט געפעהלט. יעדער איז געקומען העהרען דעם היתר, אַ קלייניגקייט, גויאישע מילך קאָסט דאָך מיט 2 גראָשען ביי־לינער אויפן ליטער, איז עס דאָך אַנ׳עגין!...

ווען דער עולם איז שוין געווען פערזאַמעלט, האָט דער מגיד געטהון אַ קלאַפּ אין בעלעמער אַריין און אויסגערופען:

— איך האָב געפינען אַ צד היתר מתיר צו מאַכען חלב עכו״ם אין אייער שטאָדט ווייל דער גאַנצער טעם צו אסר׳ן גויאישע מילך איז דאָך נאָר צוליב דעם חשש, אַז דער גוי וועט עס צונויפמישען מיט מילך פון אַ חזיר אָדער פון אַנ׳אַנדערע בהמה טמאה, — דאָ געהט דער היזיגער חשש נישט אָן. די היגע חזרים מעגסטו מעלקען און מעלקען און קיין טראָפען מילך וועלען זיי נישט געבען!... (ד. באב״ד — משעוויץ)

אהבת תורה

אויף ווי ווייט דער לובלינער רב האָט ליעב געהאט אַ יוד אַ ת״ח קען דינען פאָלגענדער עפיזאָד, וואָס עס האָט מיר דערצעהלט מיין רבי דער פראַביזשנער רב: ר׳ מאיר שפירא ז״ל איז אַמאָל געווען ביי איהם אויף אַ בעזוך, שמועסענדיג אין לערנען און זעהענדיג דאָסער גדול דער פראָבוזשנער רב איז, האָט זיך דער לובלינער רב צושמייכעלט. אויף דער פראַגע פון׳ם פראבוזשנער רב פארוואָס ער שמייכעלט? האָט ער געענטפערט: עס פרעהט מיך, ווען ס׳זעה פאַר מיר אַ יוד וואָס קען אַזוי פיעל לערנען.

(שמואל לאַנדוי, טשאָרטקוב)

מעלות און חסרונות

זייענדיג אין אַ גרויסער שטאָדט האָט דער רב ז״ל בעזוכט דעם נגיד וואָס האָט געוואוינט אין זיין איי־ען הויז. אָבער דאָס הויז איז געווען שטאַרק אָבגעלאָזען און די טרעפּען געווען צובראָכען.

— איהר זאָלט וויסען — האָט דער רב אויסגערופען צום נגיד — אַז אייערע „מעלות״ זענען חסרונות. (י. ראָזענבערג — קוזשמינעק).

גלייכער מען זאַגט נישט

ווען ער איז געווען אַ יונגעל האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט: ווער קען בעסער לערנען, דו צו דיין חבר?

— זאָל איך זאָגען אַז איך — האָט דער צוקונפטיגער גאון געענטפערט, — וועל איך דאָך זיין אַ בעל גאוה. זאָל איך זאָגען אַז מיין חבר קען בעסער לערנען, וועל איך דאָך זיין אַ ליגנער, איז גלייכער אַז מען זאָגט גאָרנישט!

א סגולה צו פרנסה

עס האָט זיך אַ קרעמער פערקלאָגט פאַרן רב אַז ער לייזט שוואַך און ממילא האָט ער נישט קיין פרנסה.

— און אַז דו לייזסט נישט, וואָס טהוסטו?

— לייען איך אַ צייטונג, דעם „היינט".

— פאָלג מיך און זאָג דאַמאָלט בעסער אַ שטיקעל תהלים — האָט דער רב גענטפערט, — ווייסט האָבען מעהר פרנסה, ווייל דעם בעל־הבר איז דאָך ניחא אַז דו זאָלסט לייענען דעם „היינט" לאָזט ער דיך נישט אַריין קיין קונה, כדי דו זאָלסט אַ נאַנצען טאָג לייענען דעם „היינט". ווען אָבער אַז דו וועסט אין דער פרייער צייט זאָגען אַ שטיקעל תהילים אָדער דו וועסט עפּעס לערנען, וועט דער בעל־הבר שוין גלייכער ווערען, אַז דו זאָלסט זיין פערנומען מיט די קונים, כדי דו זאָלסט נישט אַזוי פיעל לערנען, וועט ער דיר כסדר צושיקען קונים.

(י. גיטלער — שידלאָוויץ)

כבוד שמים און כבוד עצמו

רעדענדיג וועגען ענוות האָט דער רב געזאָגט „הנה מקום אתי ונצבת על הצור" — דאַרט ווי עס האַנדעלט זיך אין כבוד שמים און כבוד התורה — ונצבת על הצור זאָלסטו זיך אַרויסשטעלען אויף דער העכסטער שטופע, מיט שטאָלץ, מיט ווירדע. ערשט ווען עס האַנדעלט זיך נישט אין כבוד שמים — והי' בעבור כבודי — ושמתי' בנקרת הצור — דאַמאָלס זאָלסטו זיך בעהאַלטען אין אַ שפּאַלט, זאָלסט זיך מאַכען גאַנץ נידעריג!...

(ש. צ. חאַראַס — סטאַניסלאַוואָוו).

ארץ ישראל

אויף דער פראַגע פון אַ נאָהענטען, צי דער רב האָט נישט קיין דעה צו מאַכען אַ בעזוך אין ארץ־ישראל, האָט דער רב געענטפערט: יאָ, כוח צו פאַהרען קיין ארץ־ישראל האָב איך, נאָר וואו נעהמט מען דעם כוח פון ארץ־ישראל אַרויסצופאָהרען...

כאן צריך להפסיק

דער לובלינער רב ז"ל איז אַמאָל אַהיימגעקומען פון דאַוונען מיט אַ שמייכעלדיג פּנים און געזאָגט, אַז ס'איז איהם היינט פערענטפערט געוואָרען אַ קשיא, וואָס איז איהם תמיד געווען קשה.

— אין סידור'ל שטעהט „כי כל אלהי העמים אלילים", פערדרייעגעלט (כאן צריך להפסיק) און נאָכהער „וה' שמים עשה". פאַר וועמען אייגענטליך איז די דאָזיגע בעמערקונג? אַזעלכער וואָס פערשטעהט פירוש המלות, וועט דאָך אַליין וויסען וואו מפסיק צו זיין. און אַזעלכער וואָס פערשטעהט נישט, פערשטעהט ער דאָס אויך נישט?

יעצט איז מיר אין שוהל די קשיא געוואָרען פערענטפערט: כ'האָב געהערט אַן עם־הארץ זאָגען הודו:

„כי כל אלהי העמים אלילים, כאן צריך להפסיק, וה' שמים עשה"... דאָס איז מאַכע פאַר די, וואָס פערשטעהען נישט קיין פירוש המלות, וועלען זיי דעם „כאן צריך להפסיק" אויך זאָגען און ס'וועט ממילא שוין זיין אַ הפסק.

(משה יאראסלאוויטש, ליזענסק)

ווי אזוי מ'דארף טהון כלל־ארבייט

דער לובלינער רב האָט אַמאָל גערעדט וועגען דעם, אַז אַ כלל־טהוער טאָר נישט האָבען קיין פערזענליכע נגיעות. ער מוז געדענקען, אַז זיין אַרבייט איז אַן עבודת הקודש. דערביי האָט ער אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן דעם פסוק: „וכל אדם לא יבא אל אוהל מועד בבואו אל הקודש".

וכל אדם — אפילו אַ מקצת פון'ם אייגענעם „איך" (אזוי ווי די גמרא זאָגט פונ'ע „כל" ביי בכורה) — „לא יבא אל אוהל מועד" — זאָל אַ מענש נישט אַריינפירענען — „בבואו אל הקודש" — בעת ער טרעט צו צו דער עבודת הקודש, צו דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

(הרב י. וויסראָט — יעדלינש)

די קוואליפיקאציעס פון א מלמד

בעת א דרשה, וואס דער לובלינער רב האט אמאל געהאלטן אין דער פיעטרקאווער שוהל, האט ער ברייט ארומגערעדט די פראגע פון קינדער-ערציהונג. דערביי האט ער אויך בעריהרט דאס אנגעווייטאגטע פראבלעם וועגן די קוואליפיקאציעס פון די מלמדים, וועלכע זענען זעהר אפט נישט דערוואקסען צו זייער גרויסער אויפגאבע.

— אט זעהט — האט דער רב געזאגט — וואסערע קוואליפיקאציעס מ'פאדערט פון א שוחט. יעדעס שטעדטעל, וואס נעהמט אויף א פרישען שוחט פארלאנגט פון'ם קאנדידאט, אז ער זאל נישט בלויז קענען הלכות שחיטה, נור ער זאל אויך זיין פראקטיש פעהיג צו זיין בעריות, ער זאל זיין אן'אומן-יד, א ירא שמים א. א. וו. און נאך אלעמען, וואס גיט מען איהם איבער אין דער האנד ארייין? אן'אקס. הייננט, וואסערע קוואליפיקאציעס דארפען מיר ערשט פערלאנגען פון א מלמד, וועלכען מיר פערטרויען אן אונזערע קינדער, דאס טייערסטע און בעסטע, וואס מיר פערמאגען...

הרב י. ל. בענעט.

דער חילוק...

ווי בעקאנט זענען די בראסלאווער חסידים געפאהרען יעדע ימים-נוראים קיין לובלין און נעראווענט אין דער ישיבה. פלעגט דער רב זאגען בהלצה: דער חילוק פון מיר מיט די בראסלאווער חסידים איז, זיי זענען חסידים אהן א רבין און איך — א רבי אהן חסידים...

(יוסף שענקער — ווארשע)

יודען געגליכען צו וואסער...

דער רב זצ"ל פלעגט זאגען: יודען זענען ווי וואסער וועלכעס קען זיך צושטורעמען און פערפלייצען וועלטען, בערגער און טהאלען, און דערגרייכען צום ציעל, אבער ווען ס'איז געפרוירען איז עס א שטיק אייז, און קען גארנישט אויפטהון.

יודען — ווען זיי פרעמאגען התלהבות, פייער פאר דער זאך וואס זיי נעהמען טהו'ן, קענען אלץ דערגרייכען, אבער ווען מ'איז קאלט געפרוירען, איז מען א שטיק אייז און מ'קען גארנישט אויפטהון...

(יוסף שענקער — ווארשע).

חרוב מאכען דאס בית המקדש...

די צווייטע וואך נאך דער ערעפנונג פון דער ישיבה איז געקומען דער סלאנימער רבי בעקוקען דאס בית-המקדש אין מיניאטור פון דער ישיבה. אין בית-המקדש זאל זענען אנוועזענד געווען, בלויז דער לובלינער רב זצ"ל, דער סלאנימער רבי זצ"ל מיט זיין בעגלייטער, דער ארכיטעקט פון בית-המקדש וויינטרויב און דער שרייבער פון די שורות.

דער סלאנימער רבי האט אויסגענוצט די געלעגענהייט און זיך אבגעשטעלט איבער יעדען פרט.

צוליב דער בעריערע ארום בית-המקדש האט דער רבי זצ"ל, וועלענדיג אנווייזען אויף א פרט געמוזט מיט זיין שטעקען אנריהרען דאס בית המקדש.

האט זיך דער רב אנגערופען בהלצה: רבי! איהר וועט נאך חרוב מאכען דאס בית-המקדש...

(יוסף שענקער — ווארשע)

צעהנדליגער טויזענדער פריינד און פערעהרער האט
דער לובלינער רב זצ"ל געהאט

דער איינציגער אקט פון פריינדשאפט לגבי
דעם גרויסען נפטר איז

שוציצען „ישיבת חכמי לובלין"

אלע יודען בעשטייערען זיך לטובת דער
רעטונגס-אקציע פאר ישיבת חכמי לובלין

געלד-שיקונג: באנק-הויז ד. מ. שערעשאווסקי
ווארשע פ. ק. א. 627 פאר „ישיבת חכמי לובלין".

די איינציגע ארטאדאקסישע טאג-צייטונג

דאס יודישע טאגבלאט

ערשיינט טעגליך אין 6 זייטען
פרייטאג „ 12 „
זונטאג „ 8 „

ביי דער בעטייליגונג פון די בעסטע
ליטערארישע און פובליציסטישע קרעפטען

אייגענע קארעספאנדענטען אין
אלע גרויסע וועלט-צענטרען
בעזונדערס אין ארץ-ישראל

אדרעס פון רעדאקציע:

„Dos Judisze Togblat" Warszawa

Leszno 40 ◆ Tel. 11-40-72 ◆ P. K. O. 22.162. ◆ Skrz. poczt. 564.

CHODESZ-BLAT FUN „JUDISZE TOGBLAT" Nr. 2
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

SYCHAT CHULIN

fun Rabi Majer Szapiro

Red. odp. SZ. Rotsztejn Druk. „Kadra" Długa 50.

פרייז 1 זל.

סטאַטיסטיש־בעריכט

פון

ישיבת חכמי לובלין



כ"ח סיון תר"צ — כ"ח כסלו תרצ"א.

Druk. »POLONJA«—Lublin, Nowa 13, tel. 11-33.

פאַרוואָרט.

ערשט 6 חדשים זייט דער ערעפנונג פון „ישיבת חכמי לובלין", און אין משך פון דער דאָזיגער קורצער צייט, האָט זיך די ישיבה ענטוויקעלט מיט אַ זעלכע ריזען-שריט, דאס עס איז באמת צו בעוואונדערן איהר געוואַלדיגע ענטוויקלונגס-קראַפט און אַזוי ווי די יודישע וועלט, ווייזט אַרויס אַזוי פיעל פערשטענדניש און איבערגעבענהייט פאַר אונזער הייליגער זאך, ווילן מיר מיט דעם דאָזיגען ביולעטין; די ברייטע יודישע מאסען, אינפאָרמירען איבער דעם גאַנצען מצב פון אונזער ישיבה, אַלעס וואָס געשעהט און קומט פאָר צווישען איהרע 4 ווענד.

גלייכצייטיג ברענגען מיר דאָ עטליכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען און איינדרוקען, איבערגעגעבען דורך איינעם פון אונזערע חשובע תלמידים.

ה ו ע ד.

וואָס איך האָב צו דערצעהלען

פון „ישיבת חכמי לובלין"

(פאַקטען, איינדרוקען און עפּיזאָדען).

ווען מ׳בעטרעט די שוועל פון דער ישיבה, אפילו דאָס הונדערטסטע מאָל, מוז מען דאָך יעדעס מאָל, נישט ווילענדיג, זיך אָבשטעלען אַ רגע. עפּעס ליגט דאָ אַזאַ בעצויבערענדע קראפט, דאָס יעדעס מאָל בעמערקט מען עפּעס נייעס. דאָס אויג ווערט פּשוט ענטציקט פון דעם אימפּאָזאַנטען בילד, וואָס שטעלט זיך פאָר: לאָמיר גיין כסדר.

האַלב 6 אין דער פריה. דער גלאָק קלינגט אויפצוועקען די תלמידים. ס׳איז אָבער גאַנץ איבריג, ס׳איז פּשוט: „לא היתה קריאת הגבר מגעת, עד שהיתה העזרה מלאה ישראל". אזוי לערנט מען בהתמדה ביז האַלב 8. האלב 8 פּינקטליך, קומט אריין דער רב שליט"א מעוטף בטלית ותפילין, עס ווערט שטיל—תפלה בצבור.

און וואָס פאַרא עונג רוחני דאָס איז, בייצוואוינען אַ תפלה בצבור אין יח"ל! 120 תלמידים שטייען די גאַנצע צייט אויף זייערע נומערירטע זוץ-פּלע-צער, פאַר יעדען ליגט זיין עקד-סדור אין תהלים׳ל, און אלעס ווערט געדאַוועט פון סדור מיט גרויס כונה.

און נישט קיין חידוש וואָס די מאַסען-בעזוכער, ווערען אזוי בעגייסטערט פונ׳ם דאַווענען אין דער ישיבה. ווען זיי קענען זיך נישט בעהערשען און פרע-גען ענדליך אַ תלמיד: ווי איז׳ס מעגליך צו שטיין אזוי דיסציפּלינאַריש אַנדערט-האַלבען שעה אויף איין אָרט? בעקומען זיי באַלד דעם ענטפער: אַזוי האָט דער רב שליט"אָ געפּסקענט, אַז דער וואָס שפּאַצירט ביים דאַווענען איז פּשוט חייב אַ „מי שפרע"... ווייל ער איז אַ אינו עומד בדבורו—ער שטייט נישט אויף זיין אָרט, בעתן רעדען צום רבש"ע...

זעהר אימפּאָזאַנט איז דער שעור „הלכות", וואָס דער רב שליטא לע-רענט אין מיטען דאַווענען, נאָכ׳ן זאָגען „כל השונה הלכות בכל יום". לאַנגע רייהען פון תלמידים ותפילין בראשיהם, זיצען פערטיעפט ביי זייערע אלפס׳ן, דער רב שליט"א אין טו"ת לערנט אזוי אַ האַלבע שעה און ווי איינדרוקספול איז דאָס דאָזיגע בילד! דאַן זאָגט מען אמר ר׳ אלעזר אמר ר׳ חנינא, מ׳פערענדיגט דאָס דאַווענען און דער גלאָק רופט צום פרישטיק.

נאכ׳ן פרישטיק, וועלכעס איז זעהר בכבוד און בהרחבה, ווערט דער שעור-זאַל ווידער איבערפולט און, די התמדה איז ממש אונבעשרייב-ליך.

אַ בעזונדערער תענוג איז זיך צוצוקוקען צום התנהגות פון די יונגע מתמידים׳לעך: זיצט זיך אַ יונג 14 יעהריג בחור׳ל יעקלי׳ האראַכאָוער רופען מיר איהם, און שאָקעלט זיך אַזוי אויף זיין מקום קבוע אַ 14—16 שעה אין מעת-לעת און די דפין מישען זיך איינס נאָכ׳ן אַנדערען; און אַ חוץ די צייט פון עסען, קענט איהר געבען די גרעסטע פרעמיע, אויב מ׳וועט טרעפען זיין אָרט לעדיג, אָהן איהם, יעקלין...

און נישט קיין יחיד איז ער יעקלי׳ אַלע, אַלע ווערען מיטגעריסען מיט׳ן התמדה-שטראָם אָהן אויסנאַם. יאָ, די התמדה איז באמת אונבעשרייבליך, דער קול התורה ווערט נישט נפסק קיין רגע אין טאָג. ווען איהר וועט אַריין קומען אין דער ישיבה פאַרטאָגס, בין השמשות פאַרנאַכט, ביינאַכט, און תמיד וועלען צו אייערע אויערען דערגרייכען, די האַרציגע גמרא-קולות, פון די יונגע לומדי תורה.

א מקור מים חיים איז די ישיבה, נישט נאָר די התמדה איז דאָ צו בעוואונדערן נאָר בכלל אין גאַנצן דער אופן ווי ס׳ווערט געלערנט מיט וואָס פאַר אַ קדושה מיט וואָס פאַר התלהבות אַז ס׳רייסט ממש יעדען מיט צו אַהבת התורה. זעהר אָפט טרעפט מען זיך אַ תלמיד זיצען שפעט אין דער נאַכט בהתבודדות פערטיעפט אין עמקות התורה.

און דער ישיבה גייט אַרום אַ הלצה, וואָס דער רב שליט״א האָט אַמאָל געזאָגט אַ טיעף בעגייסטערטער, טרעפענדיג שפעט אין דער נאַכט דעם יונגען בערלינער תלמיד פערטיעפט אין אַ הלכה פון רמב״ם ה׳ בית-הבחירה: „דער בית יוסף זאָגט אין אורח חיים, אַז בזמן הזה לערנען רמב״ם ה׳ ביהב״ח, חד או תרי בדרא. ווער איז היינט דער „חד בדרא״—רופט אויס דער רב שליט״א אין טיעפער בעגייסטערונג, זעהענדיג די איבערנאַטירליכע התמדה פון זיינע ליבע תלמידים—ווער? יודעלע בערלינער!..״

און גערעכט איז דער פראָווינצער יוד, וואָס האָט אגומעלט בעזוכט די ישיבה. פאַרן אַוועק געהן, קומט ער צו, צו אַ גרופע לערנענדע תלמידים און רופט אויס: עפעס זעה איך נישט ביי אייך דעם „מתמיד פון דער ישיבה״? די תלמידים קוקען איהם אָן פערחידושטע און ווייזען איהם אויף דער שטאַרקער שקידה פון אַלע תלמידים, דאַן ענטפערט ער אַ געריהרטער: יאָ, איך זעה בלויז מתמידים און נישט דעם „מתמיד״. אומעטום קען מען אנווייזען: אָט דער איז דער „ישיבה מתמיד״, דאָ אָבער לערנט יעדער מיט אַזאַ איבערנאַטירליכער התמדה, אַז יעדער איז דער מתמיד,—איך זעה בלויז מתמידים...

אַ חוץ די פערשידענע שעורים קביעים, איז פערטיילט צווישען די תלמידים אַ „לעבעדיגער״ ש״ס. יעדער תלמיד לערנט אַ אַנדערע מסכת, צו געדענקען גוט בעל פה. אַ סך אַ זעלכע לעבעדיגע מזכת׳ת פערמאָגט שוין די ישיבה. די אַלע וואָס האָבען דערויף געאַרבייט אַ יאָהר צוויי, צו קענען דאַמיט

אריינקומען אין דער ישיבה.

זעהר אימפאזאנט פאלען אויס, אונזערע מיטאג-סעודות צוזאמען מיט'ן רב שליט"א. ביי פיין סערווירטע טישען, פערברענגען די תלמידים אין פערשידענע שמועסען. אטייל רעדען נאך ארום דעם טיעפען פלפול, וואס דער רב שליט"א האט ערשט געזאגט פאר'ן עסען, אנדערע רעדען אין דברי אגדה, און פערשידענע שיחות חולין של ת"ח.

ווי ערהאבען און פרעכטיק איז דאס דאזיגע בילד! דאס הארץ, ווערט איבערפולט מיט שמחה, זעהענדיג וואס מיר האבען ב"ה דערלעבט. יא, מיר האבען עס דערלעבט, אז אט די וואס האבען אזוי פיעל יאהרען געלערנט תורה מתוך העוני, האבען ענדליך זוכה געווען לקיימה מעושר!

ביי יעדען עסען, לערנט דער רב שליט"א א ספעציעלען מוסר-שעור „שערי תשובה לרבנו יונה" בעגלייט מיט פערשידענע פערל רעיונות און אינטערעסאנטע ווערטער, וואס האט א געוואלדיגע ערציהערישע בעדייטונג. בכלל לייגט דער רב שליט"א, זעהר פיעל געוויכט פאר דער ערציהערישער זייט פון די תלמידים. ער בעמיהט זיך אריינצוברענגען אין א יעדען תלמיד, דאס געפיהל פון הכרה עצמית ער זאל זיין א חכם המכיר את מקומו, און פערשטיין די ראלע פון דעם ווירקליכען תלמיד חכם.

אינטערעסאנט איז אויך די בעגייסטערונג פון די מאסען בעזוכער פון פערשידענע שיכטען, וואס בעזוכען טאג טעגליך די ישיבה. מיט וואסערען רעספעקט און אכטונג, זיי בעציהען זיך צו דער ישיבה און די תלמידים.

אנומעלט האט א בעקאנטער יודישער גביר, בעזוכט די ישיבה בשעת'ן לערנען דעם שעור. דער שומר הפתח, האט איהם געהייסען ארויפגיין אויבען אויף דער גאלעריע. באותי רגע קומט אן א קליין בחור'ל, איינער פון די תלמידים, פאר ווען ער עפענט אויף ברייט די טיהר. נאכן שעור, קומט אראב דער גביר פון אויבען, און פרעגט דעם רב שליט"א „צו איז דאס א יושר?", דער רב ענטפערט איהם באלד: וואס איז? איהר האט דאך תמיד געקוקט אויפן ישיבה בחור „פון אויבען א ראב"... מדה כנגד מדה.

יא, פערשווינדען איז די אמאליגע בטול-בעציהונג, און איהר ארט פערנעמט א ערנסטע פעראינטערעסירונג מיט אלעם וואס קומט פאר אין דער ישיבה און צווישען די תלמידים. אמאל, האט מען געפרעגט בלויז „קשיות" אויף ישיבות און ישיבה-בחורים, פאר וואס עפעס אזוי און פארוואס נישט אנדערשט; היינט פרעגט מען נישט קיין קשיות, היינט פרעגט מען נאר „שאלות", מיט'ן גרעסטען אינטערעס און נייגיר, פרעגט מען זיך איבער יעדען פרט וואס געשעהט אין דער ישיבה...

איך וואלט נאך געוואלט איבערגעבען א בילדעל פון א שבת אין דער ישיבה, נאר ארים איז מיין פעדער דערצו. ווער עס לעבט דאס נישט מיט, דער קאן עס זיך בשום אופן נישט פארשטעלען. אזוי פיעל חיות און שמחה, אזוי פיעל התלהבות און בעגייסטערונג.—אז דורך ווערטער איז אונמעגליך דאס צו שילדערען בכלל קענען מיר מיט שטאלץ זאגען, דאס אזוי פיעל בעגייסטערונג חיות און שמחה דקדושה וואס הערשט אין דער ישיבה, איז שווער צו געפינען ער-

גיין אַנדערש וואו. אַ יעדעס ווינקעלע שפּורדעלט מיט שוואונג און לעבען אַ יעדער תלמיד איז אַ קוואַל פון בעגייסטערונג — אַך וואָס פאַר אַ ערהאַבענע סביבה.

מערקווירדיג איז אויך דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבען פון די תלמידי-הישיבה. אין דער ישיבה געפונען זיך תלמידים פון קאָנגרעס-פוילען, גאַליציען, קרעסען, דייטשלאַנד, רומעניען, טשעכיען, עסטרייך און האָלאַנד וואָס ערע אהבה און חבה, עס הערשט צווישען אַלע. פערשווינדען איז דאָ יעדע מחיצה און מרחק, ווייל אַלע האָבען נאָר איין ציעל, איין שטרעבונג — תורה און יראת ד'!!

פנחס גוטווילינג.

ישיבת חכמי לובלין, טבת תרצ"א.

ביולעטין פון ישיבת חכמי לובלין.

ישיבת חכמי לובלין איז ענדליך א געשעהענער פאקט:

6 יאהר שווערע, מיהעפאלע ארבייט האט עס געקאסט דעם אונערמידליכען איניציאטאר, דעם לובלינער רב, **הרב הגאון מהר"ם שפירא** שליט"א; א ציגעל צו א ציגעל האט ער כסדר אליין מיט זיינע אייגענע פלייצעס געטראגען און ארויסגעקומען איז דער גיגאנטישער 5-שטאקיגער בנין איינגעארדנעט מיט פלערליי הרחבה און בעקוועמליכקייטען.

די תורה האט א פראכטפולען פאלאץ בעקומען: **היכל תורה — היכל המלך!** אבער נאכמעהר, ווי דאס גשמיות'דיגע איז אויסגעפאלען דער נצחון פון זיין רחניות'דיגען. ריזיגע מאסען, צעהנדליגער טויזענדער סימפאטיקער פון דער ערהאבענער אידעע פון אלע שיכטען פון פאלק, האבען אנטייל גענומען אין דער פייערליכער ערעפנונג. גדולי וצדיקי הדור, די עליטע פון דער יודישער געזעלשאפט, פארשטעהער פון דער רעגירונג און קאמונאלע מאכט זענען געקומען אבגעבען כבוד דער תורה, און מיליאנען יודישע הערצער האבען געקלאפט פאר פרייד אינ'ם טאג פון דעם גרויסען תורה-יו"ט כ"ח סיון תר"ץ. —

מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו!

אבער יעצט הויבט זיך ערשט אן די שווערע און אחריות'פולע ארבייט, וועלכע איז דעם געניאלען מייסטער און פאלקס-ערציהער פולשטענדיג געלונגען.

צונויפגעקליבען ווי פערל האט ער דאס שענסטע און בעסטע פון די תורה לערנענדע יוגענד, תלמידים, וועלכע זענען עלול ארויסצוקומען גדולי ישראל, איז געגעבען געווארען די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען אין תורה וויסען.

דער ריזיגער ישיבה=בנין.

דער בנין איז אַ ריזיג גיגאַנטיש ווערק, מיט אַלע איינריכטונגען, ווי וואַסער-לייטונג, צענטראַל-בעהייצונג, קאַנאַליזאַציע א. ד. ג., לויט דער מאָדערנסטער טעכניק פון דער צייט.

דער שעור=זאַל.

דער שעור-זאַל שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרעכטיגען גרויסען, 3-שטאָקיג הויכען זאַל, געבויט לויט דער שענסטער אַרכיטעקטישער פאָרם, וואו ס׳איז דאָ אָרט אויף 500 זיץ-פּלעצער פאַר תּלמידים. אויבען אַ הערליכע אָפענע גאַלעריע פאַר צוהערער, וואָס קומען יעדען טאָג און הערען זיך צו, צו די שעורים.

דער עקד=הספרים.

נעבען שעור-זאַל געפינט זיך אַ גרויסע ביבליאָטעק, וואָס ענטהאַלט שוין היינט צו טאָג אַנ׳ערך פון 12000 עקזעמפּלאַרען, דערינטער פיעל אַנטיקוואַרישע און ווערטפולע ספרים, וואָס זענען אַ יקר המציאות די ביבליאָטעק ווערט כסדר פערגרעסערט, און מיט דער צייט וועט עס זיין איינס פון די גרעסטע זאַכען, וואָס דאָס רעליגיעזע יודענטום פערמאָגט.

דער בית=המקדש מאָדעל.

אין אַ בעזונדער גרויס צימער געפינט זיך דער בית-המקדש אין מיניאַטור, וואָס איז מיט פיעל פראַכט און קונסט אויסגעאַרבייט. דאָס אויג ווערט ענטציקט פון דעם פּרעכטיגען בילד. אַלעס געפינט זיך דאָרט, דער קלענסטער פּרט פעהלט נישט אויף זיין אָרט.

די ווערט און בעדייטונג דערפון, ווערט נאָך פערגרעסערט דערמיט, וואָס עס איז הלכה׳יש זעהר אויסגעהאַלטען און געשאַפען מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיגקייט אונטער דער פּערזענליכער השגחה פון הרב שליט״א.

דער ביהמ״ק מאָדעל, האָט אַחוץ אַ מוזעאַלישע, אויך אַ גרויסע פּראַקטישע בעדייטונג, פאַר די למודי קדשים פון די תּלמידים. ווען אַ תּלמיד האָט עפּעס אַ שווערע שטעלע אין ה׳ בית הבחירה אָדער ערגיץ אַנדערשוואו אַזוי גיט איהם די געגענוואַרט פונ׳ם מאָדעל, די בעסטע אויפקלערונגען.

דער מאָדעל האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג אין דער גאַנצער וועלט, און מאַסן מענשן, דערונטער פיעל געלעהרטע און פאָרשער, בעזוכען אָפט דאָס דאָזיגע אימפּאָזאַנטע ווערק, וואָס רופט אַרויס זעהר פיעל בעגייסטערונג אין ענטציקונג.

דער אינטערנאַט.

די איבריגע צימערן פון די שטאָקען פערנעמט דער אינטערנאַט. יעדע גרופּע פון 5—4 תלמידים, האָט זיך איהר שלאָף צימער; יעדער תלמיד, זיין בעזונדער זויבער בעטעל, און יעדען צימער געפינט זיך דאָס נויטיגע מעבעל, ווי: אַ שאַפע פאַר וועש און קליידונג, אַ שאַנק מיט ספרים, טיש און שטיהלען, ביי יעדען בעטעל וואַש-געשיר א.א. אַלעס אין דער גרעסטער אָרדנונג און זויבערקייט.

דער שפּייזע-זאַל.

אַ ריזיגער, לופטיג און ליכטיגער שפּייזע-זאַל, וואָס נעהמט אריין עטליכע הונדערט תלמידים.

אַקעגען איבער, איז דאָ די קוך, בעזונדער אַ מילכיגע און בעזונדער א פליישיגע, מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען.

באַדע-אָבטיילונג.

אין סוטערינע געפינט זיך אויך אַ פּרעכטיגע היגיענישע מקוה, וואַנעס און טושען אָבטיילונג, מיט דער גרעסטער בעקוועמליכקייט. דערנעבען געפינט זיך אַ וועשעריי מיט א טרוקען-האַלע.

דער ישיבה-גאָרטען.

דער פראָנט פון דער ישיבה געביידע בעשטעהט פון אַ הערליכען הויף פון אַ געוואַלדיגער גרויס. חוץ מזה פערמאָגט די ישיבה אַ ריזען גאָרטען פון 30.000 קוואַדראַט איילען וועלכער דינט די תלמידים פאַר אַ פרעכטיגען שפּאַציר-אָרט.

בכלל שטעלט אַלס צוזאַמען מיט זיך פאַר אַ גרויסען קידוש השם און אַ חותם פון כבוד התורה.

....

סטאַטיסטישע ידיעות

זומער האָט די ישיבה געציילט 70 תלמידים. די שעורים זענען געווען יומא מיט תוס׳ (דורכגעלערנט די גאַנצע מס׳ אין צירקאָ 3 חדשים) רמב״ם ה׳ בית הבחירה און עבודת יוה״כ מיט אלע מפורשי הרמב״ם, און פערשידענע אנדערע שעורים ווי חיי-אדם, שערי תשובה לר״י א. א., א חוץ די נישט אָפיציעלע שעורים וואָס די תלמידים האָבען פאַר זיך בעזונדער געלערנט.

פון י״ח ביז כ״ג אלול איז פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע בחינה, וואָס האָט געגעבען איבערראשענדע רעזולטאטען. מ׳האָט שוין געזעהן די פירות פון דער געוואַלדיגער התמדה, און אַלע האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט מיט דעם שטאַרקסטען בקיאות און הבנה פון די געלערנטע ענינים.

אויף די ימים טובים זענען ס׳רוב אינלענדישע תלמידים א היים געפאָהרען צי זייערע עלטערן, און אומעטום האָבען זיי געמאַכט דעם שטארקסטען רושם מיט זייער התנהגות און פיהרונג. זייער ערשיינען האָט ארויסגערופען דעם געוואלדיגסטען אינטערעס, און אסאך זענען געבעטען געוואָרען עפענטליך צו בעריכטען פון דער ישיבה. צוריק קומענדיג אָנהויב ווינטער, האָבען זיי אלע מיט שמחה איבערגעגעבען, די ראדיקאלע ענדערונג וואָס איז שוין אריינגעטרעטען אין דער בעציהונג פון די ברייטע מאסען צום ישיבה-בחור.

צום נייעם זמן.

צום נייעם זמן איז די צאָל תלמידים פערגרעסערט געוואָרען מיט נאָך 50 תלמידים, דערינטער אסאך עלוים און זעלטענע טאַלאַנטען זייער צאָל איז היינט 120.

רשימה פון די תלמידים.

אביהם ב״ר צבי אלימלך גלייך	דאַבראָמיל
אביהם יעקב ב״ר שרגא ראדאל	לאָדז
אביהם ב״ר ארי׳ גאָטעסדינער	רישא
אביהם דור ב״ר זלמן יוסף געלבפיש	שעדליץ
אביהם בהרה״ג ר׳ יעקב יצחק לאַנדא אב״ד קינוב	זגערזש
אביהם בהרה״צ ר׳ ירמי׳ קאַליש	וואַרשא
אביהם ב״ר חנוך העניך גרינער	פשעמישל
אביהם ב״ר שמעון מאַקאָווסקי	ליפנא
אביהם ב״ר לוי כץ	בוענאָס-אײרעס (אַרג)
אביהם ב״ר ישראל יהודא ראָזענפעלד	סאָסנאָווצי
אברהם ב״ר אהרן דאַנק	סאַניק
אהרן ב״ר יצחק דור לעבוואָהל	אוזטריק
אהרן ב״ר שמעון העללער	סטרי
אהרן ב״ר ברוך צבי וויינריב	פיעטרקוב

אהרן דוד בהרה״ג ר׳ מרדכי דוב איידעלבערג אב״ד	פלאָצק
אליעזר דוד בהרה״ג ר׳ שלמה אר״י האָכלאָבער	וואַרשא
אלתר חיים בהרה״צ ר׳ יקותיאל יעקב יצחק שפּירא	וואַרשא
אלתר ירחמיאל בהרה״צ ר׳ פנחס ישכר פינקלער	סאָסנאָוויצי
אלעזר ב״ר שלמה שיינפעלד	פיעטרקוב
אפרים ב״ר יהודא האלפערן	לובלין
אשר ב״ר שלמה חארי	לובלין
בנימין חיים ב״ר אהרן שמואל פעלדמאַן	אייזענשטאַט (עסטרייך)
בנימין יצחק ב״ר ישראל פנחס וויערניק	פשעדבורזש
בנימין ב״ר משה יחיאל באַרזיקאָווסקי	טשענסטאָכאָוו
בעריש ב״ר ישראל יהודה אייזענמאַן	בענדין
ברוך ב״ר יצחק אייזיק ווייס	דאָלינא
ברוך אפרים ב״ר דוד רוזעזאַק	לאָדז
געציל ב״ר משה מאיר באנדע	לאָדז
דוד ב״ר שמעלקי ווייסבראָדט	אָסטראָוויעץ
דוד ב״ר מענדיל טאָהמאַן	לובלין
הערש ב״ר ישעי׳ גרינוואַלד	לובלין
הערש ב״ר שלמה יהושע זיטמאַן	לובלין
זאב ב״ר משה טשאָמאַנסקי	אָלקוש
זכרי׳ ב״ר משה יהודא פלידערבוים	וואָלין
זלמן ב״ר מאיר אבראַמזאָן	פיעטרקוב
זעליג ב״ר משה אברהם בוכענבוים	קראקא
חיים אלימלך בהרה״צ ר׳ משה צבי ראָטענבערג	וולאהן
חיים ליבוש ב״ר קלמן בערגלאַס	קראָקא
חיים ישראל ב״ר זאב דוב ראָזענשטראָך	וואַרשא
חיים עזריאל ב״ר אליעזר שטערן	פּרעשבורג (טשעכ)
טובי׳ ב״ר פישל ברייטמאַן	טאַרנאָפּאָל
יהושע בהרה״צ ר׳ מרדכי ישראל טווערסקי	כאָטין (רומעניען)
יהושע בהרה״ג ר׳ יואל משה בוימעהל אב״ד	שצאָחניץ
יהודא ב״ר שמואל מעלבער	בערלין (דייטשלאַנד)
יהודא ב״ר שמואל האָרוויץ	רישא
יוסף ב״ר אשר לעווקאָוויטש	לאָדז
יהודא מאיר ב״ר אברהם חנוך אבראַמאָוויטש	לאָדז
יוסף ב״ר נתן דוד הערינג	כעלם
יוסף ב״ר זאב פאָזיצקי	ליפנא
יוסף ב״ר משה האָכבערג	חאדווב
יוסף בער ב״ר יהודא ארי׳ בארבש	יאסי (רומעניען)
יוסף ב״ר נחים בוים	איזביצא
יוסף ב״ר אפרים פישל געללעס	סלאטווינא
יחיאל ב״ר פנחס נפתלי שוואַרץ	דאָמבראָווא

יחיאל מאיר ב״ר יעקב יצחק בלאקאווסקי	טאסנאוויג׳
יעקב יוחנן בהרה״ג אברהם יהושע העשיל ראבינאוויץ אב״ד	הארחוב
יעקב בהרה״צ ר׳ נתן דוד	פארציוו
יעקב יצחק ב״ר משה יהודה בלומענקראנץ	טשענסטאחאוו
יעקב ב״ר שלמה יצחק פילצער	טשענסטאחאוו
יעקב ב״ר ירחמיאל ריטשקין	בראד
יעקב ב״ר אברהם שרגא פרידע	לאדז
יצחק מאיר ב״ר אברהם פינקוסעוויטש	ווארשא
יצחק מאיר ב״ר שמואל יהודא טוראוועד	ווארשא
יצחק ב״ר חיים פנחס בעלמאכער	בלונא
ירחמיאל ב״ר זלמן ווערמאן	גאווארוב
ישכר בהרה״ג ר׳ אליעזר זבי לעווענטאל אב״ד	טשעלאדז
ישראל ב״ר יהודא ליב נאדלער	גלונא
ישראל פנחס ב״ר נחמן פיאטרקאווסקי	לאדז
ישראל ב״ר חיים שלמה פאמעראנץ	מיעכוב
ישראל יצחק ב״ר מרדכי טאהב	פיעטרקוב
ישראל ב״ר חנינא ווערנער	אמסטערדאם (האל.
יצחק ב״ר פנחס רינגעלבלום	לובלין
ישראל ב״ר צבי הערש טיקאטשינסקי	לובלין
ליב ב״ר יצחק דוד בידערמאן	ווארשא
ליב ב״ר טובי׳ גרינבוים	טארנא
ליב ב״ר יוסף מנחם קאפעלושניק	ווארשא
ליב ב״ר ישכר דוב ראטענשטיין	ווארשא
ליב ב״ר דוב טענענבוים	אפאלע
ליב ב״ר יהודא האס	באליטשאן (רומעניען)
ליב ב״ר יוסף דוב ליפש	טישיוויץ
מאיר בהרה״ג ר׳ יחיאל אברהם בלאנקמאן אב״ד	שעבערשין
מיכאל ב״ר מתתי׳ טענענבוים	רוושאן
משה דוד בר׳ אלטער בן-ציון דארליך	דאבראמיל
משה בר׳ יצחק אלבעק	ווארשא
משה בר׳ יעקב טובי׳ אקאנאווסקי	ווארשא
משה ב״ר צבי וועלטסמאן	קוטנא
משה בהרה״ג ר׳ יוסף מנחם פרזשיסיכא דומו״ץ	לובלין
משה בר׳ ירחמיאל שפירא	לובלין
מנשה בר׳ מרדכי מנחם קאווע	ווישקוב
מענדיל בר׳ יצחק מאיר מענדעלזאן	ווארשא
מרדכי וואלף בר׳ משה מנחם דארעמבוס	פלונסק
מרדכי בר׳ ישראל קארן	קראקא
מרדכי וואלף בר׳ משה ארי׳ בוים	בולגוריי
מרדכי שרגא בר׳ ברוך וואשאוויאק	פלאצק

נפתלי ב"ר משה מאיר בערמאַן	אמשינוב
נתן בר' יצחק מאיר לובאַרט	וואַרשאַ
פישעל ב"ר אַברהם שעהן	קראַשצענקאַ
פישעל בר' ישראל הערלינג	גארימארי (רומעניען)
פינחס בר' משה גוטווילינג	פשעמישל
פינחס בר' מרדכי זניימיראָווסקי	פיעטרקוב
פינחס בר' יצחק מאיר פערלעגער	בערלין (דייטשלאַנד)
פינחס בר' אלכסנדר זוסקינד גראַדאַם	וולאַצלאַוועק
פינחס בר' יצחק יעקב אָפּאַטאָווסקי	לאָדז
פינחס בר' מאיר ווייס	פיעטרקוב
פלטיאל בר' שלמה שעראַדזקי	פאַביאַניץ
צבי אלימלך בר' ישראל ארי' תלמוד	גלוגוב
צבי מרדכי בר' יהודא ארי' שולעוויטש	זשיראַרדאָוו
שלמה זלמן בר' יעקב בן-ציון ווייסמאַן	יאַרוסלאַוו
שלמה מענדיל בר' חיים אלעזר פייל	לאָדז
שלמה דוד בר' אהרן גראָסמאַן	קאַליש
שמעריל בר' אלישע פינסטערבוש	סאַמבור
שמעון בהרה"ג ר' חיים מרדכי שעכטער	חראַסטקוב
שמעון בר' מענדיל זילבערצאַן	דאָמבראָווא
שמואל תנחום בר' יעקב דוד רובינשטיין	ביאַלאַ
שמעון זכרי' בר' ראובן גאָלדשטיין	וואַרשאַ
שמואל ליב בר' זכרי' בעהם	לוטיטוב
שמחה בר' מרדכי הארנפעלד	לובלין
שמחה בר' שאול גאָלדבערג	לובלין
שמחה בונם בר' יצחק חיים פריד	זוראַמין

דער ערשטער שעור.

דער 1-טער שעור ה' חשון בייגאַכט, איז געווען אַ בעזונדערס פייערליכער, ביי דער אנוועזענהייט פון אלע חשובי העיר, קהלה פרנסים און דעם פונדאַטאָר פון ישיבה-פּלאַץ, ר' שמואל אייכענבוים. נאָכ'ן שעור און די פּלפּולים, האָט דער רב שליט"א געזאָגט פאַר די תלמידים אַ פּאָר הארציגע פאָטערליכע ווערטער, אָנווייזענדיג וואָס מיר פערשטייען אינטערן בעגריף חנוך, און וואָס מיר פערלאַנגען פון די תלמידים וואָס ווערען אזוי זאָרגפעלטיג ערצויגען אין יח"ל, נאָך די הארציגע ווערטער, האָבען זיך די תלמידים סטיכיש געלאָזט אין אַ בעגייסטערטען רקוד וואָס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט.

די שעורים צום נייעם זמן זענען פערברייטערט און פערגרעסערט געוואָרען: די שעורים זענען זבחים מיט תוס', מקואות מיט רמב"ם ור"ש, טוש"ע, רי"ף על הסדר און מוסר-שעורים. אויסער די מסכתות וואָס יעדער לערנט פאַר זיך. די למודים ווערען געלערנט זעהר טיעף, בחדוד ובפלפול.

סדר היום לתלמידי יח״ל

שעה	
6	קימה
7.30	תפלה בציבור
8.45	שיעור רי״ף כסדרן
9.15	ארוחת שחרית והפסקה
10	שינון התלמידים בהשעורים
11.45	שעור מקואות ביום א׳ ב׳ ג׳, זבחים גמ׳ ותוס׳ ד׳ וה׳
1.30	ארוחת הצרים, ובב׳ וה׳ לימוד שערי תשובה לר״י
2.45	הפסקה
3	שינון בלימודים שלמדו בשנים שעברו
4	תפלת מנחה ותהלים
4.30	שעור דף-יומי
5.30	תפלת ערבית
6	לימוד הש״ס לפי החלוקה וחזרת השיעורים
9	ארוחת ערב
9.30	חזרת רי״ף כסדרן
10	כתיבת ח״ת מה ששמע מהר״ם שליט״א או מה שחננו ה׳ לחדש בעצמו.

דער אינטערעס פון דער וועלט.

דער אינטערעס אין דער גאָרער וועלט פאַר אונזער ישיבה איז אַ געוואַלדיגער. דערויף בעווייזען די בעזוכען פון פיעל הונדערטער אויסלענדישע און אינלענדישע געסט אין דער ישיבה. צווישען די פיעל יודישע פערזענליכקייטען, וואָס האָבען שוין בעזוכט די ישיבה נאָך דער ערעפנונג, געפונען זיך לויט דער רייהע די רביים שליט״א פון: סאָכאַטשוב, סטריקוב, ראַדאָשיץ, סקיערניעוויץ; די רבנים דעפ. הרב ר׳ אהרן לעווין—רישא, הרב ר׳ יצחק לעוונזאָהן—ניישטאַט הרב ר׳ יצחק מאיר לעווין—וואַרשא, הרב ר׳ שלמה שיקלער—גאַלוגורע הרב ר׳ שלמה אייכענשטיין—האַדאָרוב, מאַציעוועער רב בעל משמרת שלום, הרב ר׳ משה חיים לויא—פרעשאוו—טשעכאָס, הרב ר׳ שמשון פאגעלמאַן—מאַריאַמפאָל, שעבערשינער רב, זוואָלינער רב, לאָבאווער רב, איזביצער רב, זאַמאָשטשער רב א.א.; אַלע זענען זיי געווען געוואַלדיג ענטציקט פון דעם גראַנדיעזען ווערק און פון די טייערע תלמידים, מיט זייער התמדה און יר״ש און בכלל פון זייער התנהגות.

אסך פון די רביים שליט״א, האָבען זיך אויסגעדריקט מיט התפעלות: „די וועלט ערוואַרט פון דאַנען גאונים, און מיר ערוואַרטען אויך צדיקים, ווייל אַזאַ הייליגע סביבה, ווי קינדער זעהען אַ גאַנצען טאָג בלויז גוט׳ס—מוז אַרויסגעבען גאונים און צדיקים״.

נייער סטאַטוט פון דער ישיבה.

ר״ח כסלו איז פאָרגעקומען די סטאַטוטען-ענדערונג פון דער ישיבה. דער נייער סטאַטוט שטעלט אַוועק די ישיבה-אָרגאַניזאַציע אין אַ גאָר ברייטען פאַרנעם. די אַנפיהרונג מיט דער גייסטיגער זייט, איז געשטעלט געוואָרען אונטער דער השגחה פון אַ אויף לעבענסלענגליך געוועהלטען סובערענעם פעדאַגאָג.-ראַט, וועלכער באַשטייט פון 50 רבנים גדולי ישראל וצדיקי הדור. דאַגעגען די זאָרג פאַר דער מאַטעריעלער עגזיסטענץ, איז איבערגעגעבען געוואָרען אַ אַדמיניסטראַטיווען ראַט פון 100 פערזאָן פון אַלע לענדער און אַ אויספיהרונגס ארגאַן פון 18 מיטגלידער און 6 פערטרעטער וועלכע וועלען געוועהלט ווערען דורך דער אלגעמיינער פערזאַמלונג, אויף אַ משך פון 2 יאָהר.

דער סטאַטוט פערזיכערט אויף לחלוטין דעם שטרענג רעליגיעזען גייסט פון דער ישיבה, און גיט אויך פערשידענע זכותים, די לעגאַטען-שפענדער און מנדבים פון גרעסערע סכומים. מיט׳ן נייעם סטאַטוט, געהט יח״ל ארויס אין דער ברייטער עפענטליכקייט און גיט אַלע איהרע סימפאַטיקער און עסקנים, אַברייט פעלד זיך אַקטיוו צו בעטייליגען און איהר אויפלעבונג און אויפשוואונג די וואַהל פונ׳ם אַדמיניסטראַטיווען- און פעדאַגאָגישען-ראַט וועט פאָרקומען אינם חודש אָדר הבע״ל.

לויט די תקנות פונ׳ם סטאַטוט איז אָבגעהאַלטען געוואָרען די ערשטע יאָהר - צייט אין דער ישיבה פון דער נדבנות האשה רבקה בת אברהם, אשת ר׳ יצחק גאָלדשטיין נ״י וואַרשא, לעשנא 38, וועלכע האָט איבערגעלאָזט אַ לעגאַט פון 2000 דאָלאַר, אויסצוהאַלטען אייביג פון פּראָצענט, אַ תלמיד און דער ישיבה. די הזכרה איז געמאַכט געוואָרען זעהר פייערליך. פאַרן שעור איז פערטיילט געוואָרען צווישען אַלע תלמידים ספּעציעלע תפילות, וואָס זענען נאָכן לערנען געזאָגט געוואָרען לטובת נשמתה. ביים ספּעציעלען טאַפעל וואו ס׳איז פערצייכענט דער נאָמען פון דער נדבנות, איז אַוועגגעשטעלט געוואָרען אַ ספּעציעלער נשמה-לאָמפּ.

דער בודזשעט פון דער ישיבה.

מיר קאָנסטאַטירען אז ביי אַ ביסעל מיט הילף פון די עסקני הצבור וואָלטען מיר געהאַט די מעגליכקייט דעם בודזשעט צו סטאַבּיליזירען. חאָטש די הוצאות פון אַזאַ ישיבה און אינטערנאַט זענען קענטיג גרויס, דאָך וואָלט לייכט מעגליך געוועזען צו פערגרעסערען די פערשיעדענע הכנסה-צווייגען אזוי, אַז ס׳זאָל איינגאַנצען גערעקט ווערען די הוצאה און מ׳זאָל נאָך קענען די ישיבה פערגרעסערען.

דער שווער-פּונקט ליגט אין די חובות וואָס זענען פערבליבען פונ׳ם בנין און דער אינגערער איינריכטונג, פאַר וועלכע מ׳צאָהלט צינזען עטליכע טויזענט זל. אַ חודש. און דאס ברענגט א שטענדיגען דעפיציט און האַמעוועט פשוט די ענטוויקלונג פון דער ישיבה.

וואָס דאַרף מען טוהן.

דער אויסוועג פון דער שווערער לאַגע איז, אַז דער כלל ישראל זאָל זיך פעראינטערעסירן מיט׳ן גורל פון דער ישיבה. צום סיום הש״ס העולמי מוז איבעראַל געשאַפען ווערען קאָמיטעטען דורכצופיהרען אַ איינמאָליגע אַקציע, וואו יעדער יוד זאָל געבען דעם אָבצאָהל פון גראָשען יומי פאַרן גאַנצען אבגעלערנטן ש״ס דעם סכום פון 27 זל. מיט 2 גראָשען פאַר די צוויי טויזענט זיבענהונדערט און צוויי דפים וואָס געפינט זיך אין ש״ס. גרעסערע נדיבים דאַרפען זיך אויסער-דעם פערפליכטען אויסצוצאָהלען אין משך פון דעם יאָהר לפחות די סומע פון 100 זל. און אויף שטענדיג זיך מתחייב זיין אַ חודש בייטראַג פון 3 זל. לפחות.

עס מוז אויך פערשטאַרק ווערען די פּישקעס-הכנסה און אַלע אַנדערע פאָנדען פון דער ישיבה—דאַן וועט די ישיבה בעפרייט ווערען פון דער שווערער חובות-לאַסט, און אַ ליכטיגע צוקונפט שטעהט איהר פאַר להרבות גבול הישיבה בתלמידים למאות כן ירבו.

אַפּעל צו דער יודישער וועלט.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אַלע רבנים, מנהיגי ישראל און עסקנים קומט און העלפט אונז ביי דער שווערער אַרבייט.

די הייליגע ארבייט פאַר יח״ל ווארט אויף אייך. זאָל יעדער זיך

פערפליכטעט צו בעאַרבייטען אייניגע שטעט, און מיר זענען זיכער אין איהר ערפאָלג.

מיר בעטען אייך: רופט אייך אָב! געדענקט אין אייערע פליכטען צו אונזער גרויסען נשיא הישיבה, וועלכער האָט געברענגט אזעלכע גרויסע קרבנות פאַרן יודישען פאָלק; געדענקט אין אייער חוב צו אייערע אייגענע קינדער, די תלמידי הישיבה — געדענקט אין דעם אַלעם און קומט העלפט אונז.

די טעג פונם סיום הש״ס מוזען אויסגענוצט ווערען פאַר אַ גרויסע אַקציע לטובת „ישיבת חכמי לובלין״ און מיר זענען זיכער, אַז איהר וועט אייך אין דעם ערנסטען מאָמענט שטעלען לעזרת ה׳ בגבורים.

„דף-היומי״ און „ישיבת חכמי לובלין״.

מיט דער שאפונג פון „ישיבת חכמי לובלין״ איז דעם געניאלען שעפער געלונגען אויפצושטעלען אַ ריזיגען מרכז התורה, וואו עס ווערט גע-שמיעד די יודישע צוקונפט, דורך אַ מחנה יונגע תלמידי-חכמים וועלכע וועלען בעזהשי״ת זיין דער אוואנגאַרט פון יודישען פאָלק—אָבער זיין ברויזענדער גייסט, זיין פלאַם-פייערדיגע ליבע צו די ברייטע פאָלקס-מאַסען און זיין הייליגע שטרעבונג מרביץ צו זיין תורה ברבים, האָט זיך נאָר מיט דעם אַליין נישט גע-קענט בעפרידיגען און נאָך מיט 7 יאָהר צוריק איז צוזאַמען מיט דער אידעע פון יח״ל געבוירען געוואָרען דער ערהאבענער געדאַנק פון דף-יומי.

ישיבת חכמי לובלין, שטרעבט צו ערציהען אונזערע בעסטע יונגע טאַלאַנטען און זיי פאָרצובערייטען אַלס צוקונפטיגע מנהיגי - ישראל, און דער דף-יומי שטרעבט צו ערציהען די יודישע מאַסען און זיי מקרב צו זיין צום למוד התורה, דורך לערנען אַ דף גמרא טאָג נאָך טאָג.

דער דאָזיגער געניאלער געדאַנק וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען מיט 7 יאָהר צוריק אויף דער ערשטער כנסי׳ הגדולה אין ווינען, איז דאַמאָלס אויפ-גענומען געוואָרען דורך אַלע גדולי וצדיקי הדור מיט דער גרעסטער בעגייסטע-רונג, אין ביז היינט זענען שוין מיליאָנען דפים גמרא אָבגעלערנט געוואָרען אַ דאַנק דעם גרויסען מזכה-הרבים. מיט רעכט גרייט זיך דעריבער די גאַנ-צע יודישע וועלט צום גרויסען טאָג פון חמשה-עשר-בשבט, ווען עס פאַלט אויס דער ערשטער אַלוועלטליכער סיום-הש״ס פון למוד דף-יומי.

דער דאָזיגער טאָג דאַרף פערוואַנדעלט ווערען אין אַ מאַסען-דעמאָנ-סטראַציע פאַר כבוד שמים—און כבוד התורה דער יום-טוב פון דער תורה הקדושה און שטעלען די ישיבת חכמי לובלין אויף אַ פעסטען באזיס.

ב"ה.

עם ה' חזקו ונתחזקה!

אז ביום י' אלול תרפ"ג החליטה הכנסי' הגדולה—ע"פ הצעתי אשר חנני השי"ת—את לימוד השיעור העולמי

"דף יומי"

ומן השמים הסכימו על ידנו והחלטה זאת מצאה לה הד בכל קצוי תבל, בארץ ובגולה.

בכל שנות נדודי—לרגל בנין הישיבה—במדינות רבות ושונות, נוכחתי לדעת, כי גם בפנה היותר נדחה רכש לו רעיון-קדוש-זה חבריו.

מצבו החומרי של ישראל מבהיל, מלחמתו הקשה, בחיים איומה ובכל זאת הגביר חילים לקבוע עתיו יום יום לתורתנו הקדושה, ואם אנו מותחים קו—החשבון תחת סכומי הדפים היומיים אשר למדו רבבות אלפי ישראל בשנות מספר אלה, הננו המאושרים בחיים, אשרנו וטוב חלקנו.

ועתה אנו עומדים בעזהשי"ת על סף סיום הש"ס העתיד להיות ביום **חמשה עשר בשבט. סיום-הש"ס—עולמי הוא מאורע ראשון בחיי עם ישראל** ועל כלנו להטביע על יום זה, חותם קודש.

מה נכבד היום לרכוש בו חברים חדשים לאלפים ולרבבות, וגם אלה אשר לא ידעו להוקיר ערך מפעל הדף היומי ביצירתו הראשונה, תתלקח זיק אש אהבתם הפעם לתוה"ק בהתחלת הש"ס מחדש ויהיו ככל איש ישראל חברים.

נכבד הוא היום לעשות בו גם תעמולה רחבה בעד הישיבה הקדושה **"ישיבת חכמי לובלין"**—לבסס לה בסיס כספי נאמן למען תוכל עמוד ולהיות מרכז תורה ויראת שמים לכל היהדות כלה.

"אשרי אנוש יעשה זאת ללמוד הדף מדי יום ביומו ובן אדם יחזיק בה בהישיבה הקדושה.

שתי מרגליות טובות נתונות בידכם,

דף-היומי וישיבת חכמי לובלין,

שמרו אותן כבבת עיניכם, וה' עמכם.

החותם בלב מלא געגעים לאהבת תוה"ק

הק' **מאיר שפירא**

האב"ד ור"מ דק' פיעטרקוב—לובלין.

לובלין, ח"י טבת, נדה מ"ז, תרצ"א

ביי דער געלעגענהייט גיבען מיר אויך איבער דעם קול קורא וואס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך די 2 גרעסטע רבישע פערזענליכקייטען, וועל־כע האָבען די ערשטע בעגריסט די ישיבה אינם טאָג פון דער ערעפנונג, כ״ח סיון.

ב״ה

אחינו בני ישראל!

המוסד הקדוש „ישיבת חכמי לובלין" עומד בנוי לתלפיות ומשוכלל בהדרו.

בית גדול שמגדלין בו תורה ויראה, לתלמידים יקרים בעלי כשרונות נעלים, ועתיד מזהיר נשקף להם בעזה״י.

התלמידים מקבלים די הספקתם בלי מחסור דבר בעזהי״ת וכבוד שמים מתרבה.

מובן אמנם כי סכומים עצומים ותדיריים נדרשים לרגל הספקה זו, ובכן החובה מוסרית על כל איש מישראל להחזיק במעוז הישיבה לנדב התחייבות תדיריות וגם לבסס בסיס נאמן ע״י החזקת קופסאות הישיבה — בהתאם להפס״ד ביום י״א תמוז — למען תוכל עמוד לכבוד תוה״ק ולתפארת היהדות.

שמעו אלינו וישמע אליכם השי״ת להתברך בזכות החזקת התוה״ק בשפע ברכה והצלחה.

ה׳ לסדר „מה טובו אהליך יעקב משכנתיך ישראל" תר״ץ.

ישראל במו״ה **דוד משה** זצ״ל ונאו׳ **אברהם מרדכי אַלטר** מגור
(אדמו״ר מטשאָרטקאָוו שליט״א) (אדמו״ר מגור שליט״א)

איבערזעצונג פון דעם אויפרוף.

דער הייליגער מוסד „ישיבת חכמי לובלין" שטעהט אויפגעבויט אין זיין פולען פראַכט און גלאַנץ.

עס איז דאָס היכלע ישיבה-הויז, וואו עס ווערען ערצויגען די בעסטע טאַלאַנטירטע תלמידים, וועמען עס ערוואַרט בעזהי״ת אַ ליכטיגער עתיד.

די תלמידים ווערען דאָרט אויסגעהאַלטען בהרחבה מיט אַלע הצטרכות׳ן און דער כבוד-שמים ווערט געשטאַרקט.

עס פערשטעהט זיך אָבער, אַז אַזאַ אויסהאַלטונג פאָדערט גרויסע געלד סכומים, עס ליגט אַלזאָ אַ מאָראַלישער חוב אויף יעדען איינציגען יוד צו שטיצען די ישיבה פאַנ׳ג׳ען דורך שטענדיגע התחייבותן און צו שאַפען דעם שטענדיגען פעסטען באַזיס דורך פערשפרייטען און מחזיק זיין די פושקעס פון „ישיבת חכמי לובלין" — לויט דעם פסק-דין פון י״א תמוז — כדי די ישיבה זאָל קאָנען עקזיסטירען צום כבוד פון דער הייליגער תורה און צום רוהם פון יודענטום.

הערט אונז צו, וועט השי״ת אייך צו הערען געבענשט צו ווערען אין זכות פון החזקת התורה הקדושה מיט שפע ברכה והצלחה.

ה׳ לסדר „מה טובו אהליך יעקב משכנתיך ישראל" תר״ץ.

די חתימות הרבנים שיחי׳ וועלכע האָבען זיך געחתמעט אויפן קונטרס תשובה כהלכה מחזיק צו זיין די פּישקעס ישיבת חכמי לובלין.

אהרן לעווין אבד״ק רישא
אלי׳ ליפשיץ חופ״ק גריצא
אבגדור מנחם מענדיל ניי אבד״ק פולאַב
אליעזר לדיר אבד״ק סטרי והגליל
ארי׳ ליב קאַצענעלענבויגען חופ״ק טאַרניגראַד
אליעזר אורבאַך אב״ד לינטשיץ
אליעזר יצחק כהנא שפירא אבד״ק אפּאַטשנאַ והגליל
אברהם זאב כאָנד מטיטשין חופ״ק קראָקא
אלטר יחיאל נעבנעצאַהל ראבד״ק סטאַניסלאַוו והגליל (בעהמ״ס מעשי יחיאל)
אהרן שמואל תמרת רב מיליַיציץ
אברהם חיים פלידערבוים אבד״ק זוואָלין
אלימלך תאומים פרענקעל אב״ד יאַוואָראָוו
אלטר יעקב מאיר בריזמאַן אבד״ק לאַפּי
אורי קלוגהויפט אבד״ק לובראַנעץ
אלי׳ פּאָזנאַנסקי אבד״ק האָדעטש
אלטר אליעזר האָרוויץ אבד״ק סטאַשוב
אפרים סג״ל האַדיש אבד״ק באָקטשעוויץ
ארי׳ ליב הכהן דומ״צ בושטשאַטש
אשר ישעי׳ רובין אבד״ק ראַדיחוב
אברהם ווינער אבד״ק יאַזלאָוויץ
אורי טאַנענזאַפט ראַבד״ק סלאַטווינאַ
אברהם משה שטיינמאַן חופ״ק קלעוואַן
אהרן האַפּפּען אב״ד סניאַטין
ארי׳ ליב פּאַרבער אבד״ק רייגראַד
אברהם נח בהרהגר״ד זצ״ל ניימאַן רב בעיר אָשענטשין
אלעזר הלוי עפּשטיין בהרה״ק זצללה״ה מעי״ח דזיאלאָשיץ
אברהם וויינשטאָק אבד״ק אָרזענדוב
אלטר צוקערבערג אב״ד קאָמאַרנא
אלכסנדר סנדר קטן אב״ד זאַלאָזיץ

אביהם יוסף ליינמאַן אב״ד דפ״ק כשמיעלוב
אביהם דוד שפיגעל ראבד״ק ראהטין
אברהם יוסף פריפע מו״צ אָפּאָלע
אביהם קאָרענרייך ראב״ד דק״ק לימאַנוב
אהרן רובין ראב״ד דק״ק לאַנאָוויץ
אביהם ישכר הלוי פרדס חופ״ק דענקיב
אליעזר ליפּא קלעפּפיש חופ״ק בריסק
אביהם יוסף לעווי אבד״ק סלופצע
אלטר משה מרדכי באָרשטיין חופ״ק גאָוואָראָווע
אליקים געציל הכהן דיכטוואַלד אבד״ק יאָוואָרזנא והגליל
ארי׳ גוטמאַן אב״ד דובנאָ
ארי׳ ליב איינבינדער חופ״ק קאָביילניק
אפרים גיבערמאַן ח׳פ״ק אוסטראָה — וואָלין
אהרן יעקב קלעפּפיש רב בשניאדאָווא
אברהם חיים שפּיראָ אבד״ק צבעריטין
אביהם דוב גוטמאַן אב״ד ראָזישטש
אליעזר לייטער אבד״ק טרעמבוולא
ארי׳ ליבוש הכהן לאַנדאָן אבד״ק לובאמלא והגליל
אהרן הכהן שאנצער אב״ד מילאווקא
אשר זעליג מארפעלד אב״ד פּרוחניק
אהרן יוסף שאמעס אב״ד ראָקיטנא
אהרן יהודה ספעקטאָר אב״ד קאָטערבורג
אביהם יצחק גרושקא דומ״ץ פינסק
אברהם מענדיל אָרענבאַך אב״ד וויערשוב
אביהם תאומים אב״ד קריסטינאָפּאָל
אביהם אבּא הכהן ראַפּאָפּאָרט אבד״ק קיעלץ
אשר אַנשיל ענטינגין אבד״ק האַמסק
אלכסנדר ליפּא אייכנשטיין אבד״קסטרוסוב

אליעזר סג"ל לאנדא אבד"ק אשפיצין
אב'גדור ביאליסטאצקי חופ"ק יעדוואבנע
ברוך גד הכהן הזפנער אבד"ק סלאווקוב
בצלאל אטלאס אב"ד ור"מ דק"ק ווילנא
ברוך קלונימוס הלוי אבד"ק פילץ
בנימין סג"ל לעווי אב"ד שיראדז
בן ציון ארי' וואלינסקע אב"ד בעיר סטעפין
ברוך לאזנאווסקי אבד"ק אויאזד
בן ציון הלוי שפירא חופ"ק זלאטשוב
בנימין וואלאוויטש אבד"ק סקאלאט
גבריאל זאב אסעלקא אבד"ק מאגלניצא
גרשון פישמאן חופ"ק רוטקי-קוסקי
דוד הלוי הארוויץ אב"ד סטאניסלאוו
דוד צבי זעהמאן אב"ד דוקלא
דוד רייז חופ"ק קאלאמאי
דוב בעריש איינהארן אבד"ק אמסטוב
דוד הלוי קימעל חופ"ק קניהיניטש
דוד אב'גדור חופ"ק אנדריכיב
דוד ארי אבד"ק קריפטש
דוד הכהן קאלטער מו"צ סאמבורישן
דוד אלימלך הכהן שטארמלויפער ראבד"ק דינאב
דוד ליב נעלקענבוים אב"ד אוסטראווע
העשיל באב"ד אבד"ק מיקולויניץ
הרציל הארצשטארק מו"צ פה לאדז
זלמן סארטשקין אב"ד לוצק
זאב וואלף ניסענבוים רב ור"מ דק"ק דראהביטש (בעהמח"ס כבור הלבנון)
זלמן ווייס רב דפה ראזינאי
זאב וואלף בערגאזין אב"ד דק"ק וואלאמין והגליל
זאב וואלף דומ"צ דק"ק ליפסק
חנוך צבי הכהן לעווין אב"ד בענדין
חיים ישראל שלום יקותיאל ראבינאוויטש אבד"ק שידלאווצע
חיים זאב באמבאך חופ"ק זייבוש
חיים מרדכי חופ"ק טשעכנוב
חיים פויזנער חבר ועד הרבנים ווארשא
חנוך העניך שיינפוכט אבד"ק מיעכאוו
חנוך העניך חיים ראפפורט אב"ד ריכוואל
חיים בנימין פלאטקאוויטש אבד"ק ראדויעווא
חיים רופין אבד"ק באליגראד
חיים נתן נטע פרידמאן רב פ"ק טשערווין
חיים צבי הירש שאצלאנד דומ"ץ פ"ק מאדין
חנוך העניך פאק דומ"צ דקה"י קאשוי
חיים אורי בינשטאק דומ"ץ פידקאמין
חיים ראדוינסקי אב"ד קאסטאנטין
טובי' יהודה גוטענטאג אבד"ק סאכאטשין
יהידה ליב צירלסאהן אב"ד קעשעניב רב הכולל דבסרביא
יחיאל הלוי קעסטענבערג אבד"ק ראדום
יוסף ווערטהיים אבד"ק הרובישוב
יצחק בורשטין אבד"ק אסטראלענקא
יקותיאל זלמן בארענשטיין אב"ד ברעזין
יצחק שלמה בלאהשטיין חופ"ק מראזי
יששכר בעריש גינסבערג אב"ד שטשעקאטשין
יוסף חיים הכהן ראפפורט אב"ד ראווא-רוסקא
ישעי' אשר הכהן יאללעס סגן אב"ד דפה"ק סטרי
יהודה זולאר חופ"ק לינינעץ
יצחק יהידה האגערמאן אב"ד זארנאווצע
יוסף אלעזר בקי מו"צ ראדומסק
יהודה ליב הלוי הערינג ראב"ד פ"ק דאברזינסקע
יחזקאל האלפערג ראב"ד גלינא
ישראל זעלווער דומ"צ ראדמוסק
ישראל צבי פיאטרקובסקי אבד"ק לובין
יצחק מאיר דאווענמאן מו"צ אפאלע
ישראל פיבול הלוי וויליג אבד"ק בושטשאטש
ישראל ראפפורט רב דק"ק טשארטקוב
יוסף יחיאל מיכל אב"ד שומסק-האלין
ישראל יעקב לידער חופ"ק לאכאחיעץ
יחיאל צבי בעער אב"ד הוסאקוב
יוסף קלעצקי רב בוויאזן
יצחק פארזשענטשעווסקי אב"ד פראשניץ
ירחמיאל יצחק צבי בורגמאן אב"ד ניעשוויעז

יהודה היימאן אבד"ק ווישאגראדעק
יוסף משה נפתלי טייכער ראב"ד טארניגראד
יהושע זאבערמאן אב"ד פאקשעוויניצא
יחיאל נפתלי הערצקי ראזענבערג אבד"ק ליטומירסק
יעקב אונגער דומ"ץ ראדיחוב
יהושע ווידערקעהר ראבד"ק פשעמישל
יצחק מענדיל קערשבערג דומ"צ סאקלוב
יוסף מאשקאוויץ חופ"ק צוסטרוק
יהושע גראסמאקס אבד"ק נאראיוב
יהודא גארדין אבד"ק מלינאוו
יוסף כהן חופ"ק יאנאווא
יחיאל איכל איילבערג מו"ץ זגיערש
יהושע אלצבערג אבד"ק קאנסקאוואלע
יוסף באב"ד אבד"ק קלוש
יחזקאל סג"ל לנדא אבד"ק ליזענסק
ישעי' וואהלגעלערנטער אבד"ק קאומירז גדול
יוסף פיינער חבר ועד הרבנים לאדז
יעקב לאבין אב"ד טשערנעליצע
יעקב נחמן עלווינג חופ"ק סקאלבמורז
ישראל יחיאל פרידלינג חופ"ק זאקשיוויק
יהודה מאשיץ חופ"ק ווילייקא
ישראל הלוי אבד"ק קוזמיר
ישראל פנחס הכהן ראבינאוויטש חופ"ק ראדאמסק
יחיאל אברהם בלאנקמאן אב"ד שעבערשין
יעקב זילבערשטיין חבי' ועד הרבנים ווארשא
יהודה שרגא ליכטיג אבד"ק שרענסק
יששכר יוסף אלפס חופ"ק יעזוב
יעקב מענדיל מארגענשטערן אב"ד וועגראוו
יחזקאל דוב בעריש טענענבוים אבד"ק וויסקיט
ישעי' אלגזי אב"ד אשעצק
יעקב זאלצמאן הרב דק"ק דאמבראוויצא
יצחק מאיר לעווענבערג אב"ד פרושקאוו
יעקב שלמה סעמיאטיצקי אב"ד סטשעגאווא

יהושע אלטערמאן אבד"ק קאמארוב
יצחק אייזיק ריזענבערג אב"ד לאשיץ
יקותיאל נתן נטע הכהן אב"ד בריסק-דקויא
יעקב ארי' דומ"ץ פיעטרקיב
יצחק אהרן קויפמאן אב"ד ליפנישאק
יעקב יצחק הלוי ציטרינבוים אב"ד וואסלאוויץ
יששכר בעריש האלפערן אב"ד בייטש
ישראל הלוי ווארמאן האבד"ק באריש
יהודה ליב אנאליק רב בק"ק מישענץ
יוסף קופיעץ מו"צ זיראדאוו
יואל משה בוימאייל אבד"ק קראשצזנקא
יהודה דונקעלמאן אבד"ק לויב טש קיקאל
יוסף האגער אבד"ק טיסמיניץ
יהושע כהן ראפפורט אבד"ק חראסטקוב
כתריאל בערלינסקי דומ"צ קרועפיץ
מנשה פרענקיל חופ"ק ליזענסק
משה יוסף טייטעלבוים אבד"ק בוקאווסק
משה לאנגנער אבד"ק קניהעניטש
מאיר וויינבערגער אבד"ק ליטאוויסק
משה נתי' כהנא שפירא אבד"ק קשוינז
משה הלוי ראזענפלד חופ"ק מיעלניצא
מנחם מענדיל הורוויץ אבד"ק דזיקוב
מאיר רפאל בוימעהל אבד"ק לאנצק
מאיר וויינגארטען אב"ד קונצק והגליל
משה אהרן בן-דעת אב"ד בילסק
משה מרדכי לידסקי חופ"ק קארעץ
משה נתנאל שפירא בהרה"צ שליט"א מקאליש אבד"ק ולדיסלבוב-ריסעשיץ
מרדכי חיים סאקאלאווער אב"ד חארויל
משה קליגהויפט מו"צ חיראב
מרדכי שור אבד"ק אוסצי-זיעלאנע והגליל
משה אייכענשטיין אבד"ק סחאדגיצי והגליל
מאיר שמואל רישר אב"ד הארחוב
מנחם מענדעל ראזענשטראך רב אלקוש
מאיר הלוי בלאנק ראב"ד נאדבורנא
מאיר נחום ווארשאווסקי אב"ד סקידול
מרדכי צבי כהנא שפירא חבר הבד"צ קראקא

משה לאנגנאער דומ"צ דפ"ק משלעניצא
מלכיאל פרצי חופ"ק קריוויץ
מאיר אלחנן פוקס חופ"ק פרזיסחא
משה לייב בערמאן אב"ד הוראדלא
מנחם בנימין ביינוש מו"צ חאדליע
מרדכי יצחק הלוי סטאשעווסקי אב"ד דזיאלאשיץ
משה אייבעשיץ אב"ד סטערצוב
מיכאל זאב זאיאדזקי אבר"ק בוסק
מאיר הכהן ווארשאוויאק חופ"ק מאנקטוב
מרדכי קארפאווסקי אב"ד קאמינקה
משה צבי הערש ראטענבערג חופ"ק וולאהן
מרדכי צבי כייכער אב"ד זאמעך והגליל
מרדכי גאטערמאן אבד"ק יאנאווצע
נחמן הלוי איש הורוויץ אבד"ק העליטש
נתן אהרן זעלטענרייך אבד"ק סקאווצע
נטע דרומער אבד"ק סקאלע
נחום מאיר קרליץ חופ"ק מיישאגאלע
נתן דוד גרינבוים אב"ד פשעדבורזש
נח ליווערצאנט חופ"ק שערשוב
נחום יהושע פעטשעניק האב"ד דאמבראוויצא
נחום משה טווערסקי אב"ד קאוולא
נפתלי שיפמאן אב"ר ציצעוו
נחום אורי געללעס אבד"ק סלאטווינא
פנחס וויינער ראב"ד לודמיר
פנחס לערער חופ"ק כעלם
צמח דוד טארנהיים אב"ד בעלכטוב
צבי יחוקאל מיכלזאן חבר ועד הרבנים ווארשא
צבי ארי' ליב לוריא חופ"ק זאלודאק
צבי אלימלך הארוויץ אבד"ק דעמביץ
צבי הירש זאוולאדאווער אבר"ק קלעטשוב
צא"י יעקב מיילויש אבר"ק לאסק בעמה"ס ח"ות יעקב)
צבי הירש גארדין אבד"ק לויצקא
צבי הכהן שווארץ חופ"ק בוקאשאווצע
ראובן ישכר ירחמיאל ראבינאוויטש האבד"ק קאמינסק והגליל

ראובן געלערענטער אבד"ק ראדאמישלא א'סאן
ראובן ז"ק רב באסטילא
ראובן יהודה נייפעלד אב"ד נאווידוואר
שמואל הירשביין אבד"ק נאוואגראד
שלמה אלימלך הכהן ראבינאוויץ אבד"ק
שלמה הכהן מערקער אבד"ק קאזעמינקע
שמחה בינם לערמאן חופ"ק קרושנעוויץ
שלמה קליינהענדלער אבד"ק זבארוב
שמואל לייב ז"ק חופ"ק ביאלא
שלום שכנא טשערניאק אבד"ק מאציוב (בעהמ"ס משמרת שלום)
שמואל יהושע שיל"ת דומ"צ בעלכטוב
שלמה ענגעלמאן אבד"ק קלאדאווע
שמואל דוד זאוולאדאחער אבד"ק טשינעוו
שלמה הערץ אב"ד בארשטשוב
שלום יוסף פייגענבוים אבר"ק לאקאטש
שלמה שוקלער אב"ד גאליגובי
שאול הכהן אבר"ק סטאבניץ
שמואל דאווידאוויץ אבד"ק גארשקאוויץ
שלמה יעקב קטן אב"ד וולאדזימירעץ
שלמה יהודה ליב אב"ד זגיערזש
שמואל ישראל הכהן קאפלאן אבר"ק קאלנא
שלמה רייזנער ראב"ד פעלשטיין (בעהמח"ס אבני משפט)
שד"ה מרגליות אב"ד, בעלזיץ
שמשון פאגעלמאן האבר"ק מאריאמפאל
שמעון האלעך ראבד"ק דאלינא
שלמה פריאמאן אבר"ק לוטוטוב
שלמה גארדאן חופ"ק דרוסקעניק
שמואל דוד לאסקי אבד"ק סאמפאלנע
שלמה יעקב שליטא האבד"ק וולאדימירץ
שלמה אייכענשטיין האב"ד האדאראוו
שלמה צבי צאלקי אב"ד מאנקביד
שבתי יודזיק אב"ד נאווידוואר נ' גראדנא
שמואל אסעלקא אב"ד קראסניטשע והגליל
תנחום גרשון ביליצקי הופ"ק יאשינאווקע

נ. ב. מיר באמערקען דאביי אז צוליעב דעם אויסגלייך וואס איז אין צווישענצייט פארגעקומע מיטן ווארשעווער כולל פון קופת רמב"ן האבען מיר דאס חתימות־זאמלען אבגעשטעלט.

שיר „ישיבת חכמי לובלין".

הישיבה חיינו, בה נעשה חיל,
שערי הם לנו, שערי בין,
וכאור האבוקה בחשכת הליל,
לנו בגולה, ישיבת לובלין.
הישיבה — — —

בה תשכונה תעופינה בחלל
נשמות קדושינו גדולי הדורות,
פניני דבריהם לנו כשלל
ומעשיהם הטובים לנו למאורות.
הישיבה — — —

מיטב חלבנו נקרב קרבן
על מזבח התורה בנוי שם,
נחרש נשדד נכון הדרבן
נלמוד לשחות בתלמוד הים,
הישיבה — — —

בדרכי ה׳ נגבה לבבות;
נלמוד נהגה לילה ויום;
נגדור הפרצות נבנה החרבות
נשכלל העתיד לדורה, לאום.
הישיבה — — —